STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07588

DER GERANGL

Salomon Zytner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש ל מ ה   ז י ט נ ע ר

דער געראנגל

און אַנדערע דערציילונגען

שלמה זייטנער

דער גשראנגל

ארויסגעגעבן פון
יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן-פאַריין
אין אורוגוואַי

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
SALOMON ZYTNER
Gral. Flores 3378
MONTEVIDEO

SALOMON ZYTNER

DER GUERANGL
(La Lidia)

Montevideo, 1955

Editado por
LA ASOCIACION DE ESCRITORES Y PERIODISTAS ISRAELITAS DEL URUGUAY

אינהאַלט:

		זייט
1.	אַ פוטערנער מאנטל און א צערונענער חלום	13
2.	די בר־מצוה־דרשה	19
3.	דער געראנגל	27
4.	אַ גערעדטער שידוך	24
5.	„מאטעאָ", ר' סעדיה אַשמענערס אייניקל	42
6.	פיווקע לאַטוטניק	50
7.	דער באָבעס צער	54
8.	„לאַ עסקאָזשעראַ" (רעפּאָרטאַזש)	59
9.	אַ דאָקטער פאַר אַן איידעם	62
10.	דער גרינער	65
11.	שאָדן - פרייד	70
12.	דאָן סימאָן	81
13.	אויף אַ נייעם וועג	92
14.	אַ פאַרפרעמדטער זון	101
15.	אַן עלנטער מענטש	109
16.	מענטשן אָן אַ היים	120
17.	דער בן - יחיד	129
18.	דער זיידע מיטן אייניקל	138
19.	דאָס בערגל פון נצחון (רעפּאָרטאַזש)	146
20.	דער לוקסוסדיקער אויטאָ	154
21.	די פאַרענדיקטע ווילע	161
22.	אַ כּבֿודיקע פּרנסה	168
23.	זעקס יזכור - ליכט	181
24.	דער שול - דירעקטאָר	187
25.	אַ חלוץ	195

שלמה זיטנער — דער דערציילער

עס איז קיין ספק נישט, אַז דער יידישער ישוב אין אורוגוויי האָט דערגרייכט צו אַזאַ גייסטיקן מצב פון געזעלשאַפטלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלער און גייסטיק-קולטורעלער רייפקייט, וואָס מאַכט מעגלעך די אויסקריסטאַליזירונג פונעם אייגענעם יידישן וואָרט און די אויסבילדונג פון אַן אייגענער יידישער ליטעראַטור. איך האַלט, אַז עס איז באַין אופן נישט געוואַגט צו באַהויפּטן, אַז מיר שטייען ערב אַ תקופה פון פורעמען אַן אייגענע יידישע ליטעראַטור אין אורוגוויי. אַן אייגענע קולטור-פאָרם פורעמען מיר שוין זייט יאָרן און איצט איז דער פאַרמעסט געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך העכער. נישט אַריינרעכענענדיק אין אונדזער אַקטיוו, כאָטש מען מעג, על פּי דין, דאָס יאָ טאָן, די צופעליקע ליטעראַרישע מאַניפעסטירונגען פון דורך דעם גורל צייטווייליק איינגעגלידערטע שרייבער, ווי איאַלטי און, להבדיל בין החיים ובין המתים, י. עפּרויקין ז״ל, וועלכע זיינען ביי אונדז געווען היפּשלעך פּראָדוקטיוו, זיינען עליע ווערבלונס לידער און פּאָעמען און לעאָן האַלפּערנס „נביאים געשטאַלטן” עפּעס מער ווי שפּראָצן פון א זעלבסט-ליטעראַטור. אָט בכדי צו באַשטעטיקן נאָך מער די דאָזיקע השערה ווערט באַרייכערט אונדזער ליטעראַרישער רכוש מיט אַ בוך דערציילונגען פון דעם שרייבער-בעלעטריסט שלמה זיטנער, אַ בוך דערציילונגען, געבויט אויף דער קאַנווע פון אונדזער אייגן לעבן און וואָס פאַרמאָגט אין זיך אָט די געוואונדע גייסטיקע קראַפט און דאָס פילפאַר-

ביקע געמעל פון דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין אורוגוויי, וואָס עס מיינט, אַז עס באַזיצט די יעניקע אַטריבוטן, וועלכע דערלויבן צו ריידן וועגן ליטעראַטור.

שלמה זיטנער איז, אין פלוג גענומען, נישט קיין פנים חדשות ביי אונדז. אין די יאָרן פון ניינצן צוויי און דרייסיק ביז ניינצן אַכט און דרייסיק האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער לאָקאַלער פרעסע אָן אַ שיעור דערציילונגען און האָט שטענדיק אַריינגעפלאָכטן אין זיי דעם אָרטיקן קאָלאָריט, וואָס האָט שוין דעמאָלט געזאָגט עדות אויף אַ פעאיקן און באַגאַבטן דערציילער. דעמאָלט אָבער האָבן אים געפעלט די דערפאַרונג און דאָס בפרוטרוט׳דיקע באַנעמען פונעם אַרום, ווי דאָס טיפע וואָרצלען אינערהאַלב דעם תחום פון דער אַרומיקייט, דאָס איינלעבן זיך אין דער אייגענער סביבה. נאָך אַ שטילשווייגן פון העכער דרייצן יאָר האָט ער זיך ווידער אומגעקערט אויף זיינע אַלטע שריפטשטעלערישע דרכים, אָבער ממש ווי א פנים חדשות, מיט רייף געוואָרענע אידייען, מיט אַ באַגאַזש פון אָנגעזאַמלטער עקספּעריענץ און מיט אַ בולטער נייגונג צו אַ זויבערער און אַ פיל-פאָרמיקער בעלעטריסטישער אויסלאַדונג, וועלכע שטרעבט צו אַ באַשיינפּערלעכער ליטעראַרישער קאָנסאָלידאַציע אַזוי גוט שפּראַכלעך ווי אינהאַלטלעך.

שלמה זיטנערס דערציילונגען זיינען, אין אַ ווערבאַלער אָדער טאַציטער פאָרם, מעשיות מיט אַ מוסר השכל. מיר האָבן ערב אונדזער איינוואַנדערונג דורכגעמאַכט אַ שטיק יידיש גלות-לעבן, זיך געזוכט איינבירגערן אין אונדזער ניי און פריי וווין-אָרט, זיך איינפונדעווען, פאַרזיכערן אונדזער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, געבן אונדזערע קינדער בילדונג, פּראָפעסיעס און בכלל ברייטערע לעבנס-האָריזאָנטן, אפילו ווילטאָג און לוקסוס; פּאַראַלעל האָבן מיר, ביים אָנהויב מיט ווייניק שוווּנג און השגה און שפּעטער צו מיט מער דאגה און אייפער, געקלערט וועגן יידישן כלל, וועגן אַן אָרגאַניזירט קהלה-לעבן, וועגן יידישער דערציונג, קולטור און המשך; אין דער הינזיכט האָבן אונדז באַווירקט פון איין זייט די גרויסע זעקס-מיליאָניקע יידישע טראַגעדיע און דער קאָנסעקווענטער צופלוס פון דער שארית הפליטה און מאידך גיסא דער אויפקום פון

מדינת ישראל!... אָבער מיר האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט עפּעס צו לערנען פון אונדזער אייגענעם לעבן, אָדער מאַכן אַ חשבון הנפש פון אונדזערע ניי-דערוואָרבענע און אַלט-מיטגעבראַכטע דער־פאַרונגען: ווי האַלטן מיר מיט אונדזער יידיש זיין? אין וואָס באַ־שטייט דער סך-הכל פון אונדזער ביז איצטיקן גערעאַנגל? — דער מוסר השכל איז געוואָרן אַן אימפּעראַטיווע נויטווענדיקייט, ממש אַ באַלזאַם פאַר אַ ווייטערדיק געזונט לעבן. — און אָט האָט שלמה זיטנער גענומען דערציילן אונדז אונדזער אייגן לעבן, האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אונדזערע אויגן אַזאַ שפּיגל, ווו מיר קענען זיך זען רעטראָספּעקטיוו, מיט אַלע אונדזערע מעלות און חסרונות, מיט די אַלע גוטע און שלעכטע דערשיינונגען פון אונדזער ביז איצט נישט-געמאָסטענעם און אומקאָנטראָלירטן געיעג פּשוט אויף ריסוק ידים ורגלים; און ער האָט אונדז גענומען לערנען פון דעם, אַנגעוויזן דאָס, וואָס עס איז שעדלעך און געפערלעך און אָנדייטן די ליניעס פון אַ בעסערן וועג...

„דער געראַנגל" — אַזוי רופט דער מחבר זיין בוך דערציילונ־גען — איז עפּעס מער ווי אַ געראַנגל צווישן די הינט, דעם מענטשנס שומרים, און דער שלאַנג, דעם מענטשנס סכנה, בכדי צו ראַטע־ווען דאָס לעבן פון אַ קינד, ווי עס ווערט באמת קינסטלעריש גע־שילדערט אין דער דערציילונג אונטער דעם זעלבן נאָמען. דער דאָזיקער געראַנגל דינט בלויז ווי א סימבאָל פון אונדזער לעבנס־געראנגל בכלל און דער עיקר און קודם כל פון דעם געראנגל פון דורות, וואָס זיין ענד-ציל איז צו ראַטעווען די גענעראַציע וואָס קומט און צו פאַרזיכערן אַ יידישן עתיד.

„דער געראנגל" — איז אַ געראַנגל פאַר לעבן און דאַזיין, פון האַ־פענונג און גלויבן אין דער יידישער אייביקער גייסטיקייט, באַגלייט מיט אַ ווילן פאַרצוועצן דאָס ספּעציפישע, דאָס תוכיקע און דאָס דויערנדיקע פון אונדזער נאַציאָנאַלן יש, אָנגעזאַמלט דורך דעם געשיכטלעכן יידישן זשעני.

ש. זיטנער באַרירט און אַנטוויקלט, אין אַלע זיינע מעטאַמאָר־פאָזן און קאָנפיגוראַציעס, דעם געראנגל צווישן ייד און דער סביבה מיט איר אָפּטמאַל שעדלעכן קליטה-איינפלוס, צווישן ייד און זיין

אייגענער היים, צווישן עלטערן און קינדער, צווישן זיידעס, באַבעס און זייערע אייניקלעך און שטענדיק זוכט ער אַרויסצוברענגען די מינוס- און פלוס-מאָמענטן פון אונדזער לעבן אויף אַ רעאַליסטישן אופן. און ווען ער הייסט אין זיין דערציילונג „די זעקס יזכור-ליכט” צינדן ליכט אין געדענק-טאָג נאָך אונדזערע קדושים, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָמענט פון דערמאָנונג און אידעאַליזירונג פון אַן אומשולדיק- און ברוטאַל-פאַרשניטענעם דור, דערפירט ער דערצו מיט אַ רעאַליסטישער באַשרייבונג פון אַ טאַטע, אַ מאַמע און זייערע קינדער, באַזונדערס פון זייער טעכטערל, דעם טאַטנס ליבלינג, וואָס עס וויל זאָגן — מיט אַ געשיכטע פון אַ יידישער פאַמיליע, גענומען און אויסגעטיילט פון דעם טאָג-טעגלעכן רעאַלן לעבן.

שלמה זיטנער האָט אַ פולבלוטיקע נייגונג צו רעאַליזם און בכדי דאָס ארויסצוברענגען מיט אַ פולן און אַלזייטיקן פאַרמעסט זיינען אָפט זיינע ספורים וואָרע פאַסירונגען, גענומען דירעקט פון דעם לעבן און פון דעם אַרום, ווו מענטשלעכע דערהויבונג און מענטשלעכע געפאלנקייט זיינען א סימן מובהק פון דעם וועזנטלעכן לעבן אַליין און ווו מענטשלעכע געפילן און ליידנשאַפטן בילדן דעם קאָנפליקט-פולן פלאָנטער פון דעם אייגנטלעכן מענטשלעכן זיין. אָט אין דעם רעאַליזם, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ ליטעראַריש-קינסטלערישע אויסדרוקס-פאָרם און וואָס זיין ציל איז נישט צו פאַרדעקן און נישט צו פאַרהוילן, נייערט צו אַנטבלויזן די מענטשלעכע קאָנפליקטן, אַזוי ווי זיי שפיגלען זיך אָפ אין דער ווירקלעכקייט, מיטן צוועק בולטער צו מאַכן דעם חילוק צווישן די גוטע און שלעכטע האַנדלונגען און אַראָפנעמען פון זייער באַלאַנס אַ מוסר השכל, אָט אין דעם מערקט זיך נעט און זיכער ש. זיטנערס אויפטו אין זיין בעלעטריסטישער לאַבאָראַטאָריע.

און נאָך עפעס: אין ש. זיטנערס דערציילונגען איז שטענדיק פאַראַן אַ באַהאַלטענע אָדער באַשיינפערלעכע דידאַקטישע כונה, וואָס איר ציל איז צו בעסערן און פאַרשענערן הויפטזאַכלעך אונדזער יידישן מהות. פון דעם קנויל און געפלאָנטער פון פראָבלעמען און געשעענישן מוז אויסגעקריסטאליזירט ווערן אַ לעבנס-ציל, אַ אינ-

האַלט און אַן אַנהאַלט, דורך אַ נאַטירלעכן פּראָצעס פון קאָנדענ־סאַציע. עס איז נאָך וויניק וואָס „מאַטעאָ — ר׳ סעדיה אַשמענערס אייניקל" דערשפּירט פּלוצים אַ פרעמדקייט צו זיין קריסטלעכער פרוי און וואָס ער וועט מיט איר מסתמא קיין געמיינזאַם לעבן מער נישט פירן; עס איז אויך נאָך וויניק די רעאַקציע פון „דאָן סי־מאָן"; דאָס אַליין איז אַ קנאַפּע טריסט און אַ קנאַפּע דערגריי־כונג; עס מוז געשען עפּעס העכערס און מער קיום׳דיקס: דער זון דאַרף אַריינפירן יידישקייט אין זיין טאַטנס אָפּגעפרעמדטער היים און צוזאַמען מיט אים גיין „אויף אַ נייעם וועג"; דער טאַטע דאַרף צינדן די זעקס דערמאָנונגס־ליכט נאָך דעם גרעסטן רים אין דער יידישער געשיכטע און אין דמיון זיך פאַרבינדן, ער און זיינע בני בית, מיט דעם קדושה־פולן עבר; און עס מוז לסוף דער זון גובר זיין די קעגנערשאַפט פון זיינע עלטערן און עולה זיין קיין ישראל אַלס „דער חלוץ". אָט דאָס דאַרף זיין, לויט ש. זיטנערס פאַר־לאַנג, דער להבא׳דיקער דרך הישר פון אונדזער יידישער געשטאַל־טיקונג.

ש. זיטנערס אידייאישע אויסוויקלונג, זיין אני מאמין־גאַנג, איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג, איז דער פּראָדוקט פון דעם אַלגעמיינעם לעבנס־בילד פון דער נייער יידישער היים, וואָס ווערט געשילדערט אַזוי איינפאַך אָבער אַזוי שטאַרק, טיילמאָל אפילו ביז דראַמאַטישע קולמינאַציע, אין זיינע דערציילונגען. אָבער די אידייע אַליין, אַ ווונטש פאַר אַ בעסערונג און אַ שטרעבן צו האָפענונגס־פולע ענדערונגען אינעם ווייטערדיקן אָפּפלוס און צופלוס פון דעם יידישן שטראָם, — דאָס אַליין באַהערשט אים בלויז טיילווייז. ער היט אָפּ און פאַרגעסט נישט זיין שרייבערישע אויפגאַבע צו מאָלן און שילדערן דאָס לעבן, געקוקט און געזען דורך אָביעקטיווע רעאַליס־טישע ברילן, צו דערגיין און דערגרונטעווען דעם פּסיכישן מצב פון זיינע העלדן, באַוועגן מיט זיי נישט ווי מען באַוועגט מיט מאַריאָנעטן נייערט ווי מיט לעבעדיקע וועזנס, וועגן און מעסטן זייערע דיאַלאָגן, געשפּרעכן, רעאַקציעס און באַוועגונגען און נישט פאַרפעלן זיי געבן דאָס לשון, וואָס זיי דאַרפן באַנוצן לויט זייער

סאָציאַלן שטאַנד און פּאָזיציע און לויט זייער גראַד פון קולטור און אַלגעמיינער לעבנס-דערפאַרונג.

אין דעם פּרט איז פאַראַן ביי שלמה זיטנערן וואַכזאַמקייט, פּינקטלעכקייט און אַ פולע מאָס אויסגעהאַלטנקייט, אייגנשאַפטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַ געניטן שרייבער, וועמענס ערשטלינג-טראָט אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור איז מסוגל פאַר-וואַנדלט צו ווערן אין אַ פולן און זיכערן גאַנג.

שלמה זיטנער ווייסט גוט, וואָס עס מיינען זעלבסט-דיסציפּלין און זעלבסט-קריטיק, אָט די צוויי אומבאַדינגט נויטיקע וויז-עלע-מענטן אויף צו שפּאַנען מיט דרייסטקייט אויף זיגזאַגישע וועגן...

עס איז פאַראַן גענוג שטאָף צו גלויבן, אַז ער וועט וויסן נישט צו פאַרבלאָנדזשען.

מערץ, 1955

אינזש. יואל גאַק

אַ פֿוטערנער מאַנטל און אַ צערונענער חלום

אויף איינער פֿון די באַלעבטע גאַסן פֿון שטאָט, געפֿינט זיך אַ טיפֿער האַלב־פֿינצטערער סאַלאָן. אין סאַמע פֿראָנט הענגט אַ שילד מיט גרויסע שרייענדיקע אותיות, וואָס מעלדעט, — אַז דאָ ווערן געפּרעסט און גערייניקט אַלע סאָרטן מלבושים, שנעל און ביליק.

די לופֿט אינעווייניק איז שטענדיק אָנגעפֿילט מיט שטויב און דאַמף, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער און פֿאַלט שווער אויף די לונגען, און פֿאַרשיידענע ריחות טראָגן זיך אין דער לופֿט, וואָס קומען פֿון די אַלטע פֿאַרפֿלעקטע קליידער און מאַנטלען, וואָס הענגען אויף אַן אייזערנעם שטאַנג. אין חלל מישן זיך צונויף שמעקעדיקע דינע ריחות, וואָס נעמען זיך פֿון צעהאָנגענע פּרויען־קליידער, וואָס בלישטשען אַראָפּ פֿון דער זייטנס, הנדלען זיך מיט זייערע באַפּוצונגען, און קוקן מיט גרינגשעצונג צו די שווערע פֿאַרפּעצטע מענער־קאָסטיומען, וואָס הענגען לעפּישעוואַטע אין אַ ווינקל פֿון סאַלאָן, און פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ שווערן טוכלען דומפּיקן ריח.

ביי איינעם פֿון די פּרעס־מאַשינען שטייט דער אייגנטימער אַליין — שמעון געלבער, אַ געוועזענער אַרבעטער, וואָס האָט זיך „אַרויפֿגעאַרבעט" און געוואָרן אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך. ער איז פֿון נידעריקן וווּקס, אַ בלאָסער, מיט אַ קינדיש אומבאַהאָלפֿן פּנים, און יעדעס מאָל ווען ער לאָזט אין גאַנג די פּרעס־מאַשין, הויבט זיך אויף אַ וואָלקן־דאַמף, וויקלט אים איין און פֿאַרשטעלט אים אין גאַנצן. זיין געשטאַלט ווערט זיך מטושטש און צעפֿלאָסן ווי אַ פֿאַרנעפּלטער געשפּענסט...

דער פֿייכטער דאַמף, די שווערע טוכלע ריחות, וואָס קומען פֿון די צעהאָנגענע מלבושים, פֿאַרשפּרייטן אַ בייסיק־עסנדיקן שטויב, און דאָס

פאַלט אויף אים, שמעון געלבער, שווער און דערדריקנד. דער אַסטמאַ־טישער הוסט, וואָס מאַטערט אים שוין אַ צייט, הויבט אים אָן צו שטיקן, ווי עמעצער וואָלט פאַרוואָרפן אַ פּעטליע אַרום זיין ברוסט־קאַסטן און אים געצויגן צו דער ערד. זיין געזיכט באַקומט דאַן אַ טונקל־וויאָ־לעטע פאַרב. ער קאָרטשעט זיך, בויגט זיך אין דרייען. דער עסנדיקער שטויב, ווי טויזנטער בייסנדיקע פליגעלעך, שטשיפּעט זיינע אָנטצונ־דענע בראָנכן און לאָזט אים נישט צורו. ער וואַרפט אַוועק די אַרבעט, גייט צו צו דער טיר צו כאַפּן פרישע לופט. ער עפנט דאָס מויל ווי אַ פיש ווען מען נעמט אים אַרויס אויף דער יבשה, און טראַכט בשעת מעשה, אַז מ׳דאַרף מיט דער אַרבעט שלאָגן כפּרות... ער האָט נישט קיין כוח צו דעם, אַז די פּרנסה הרגעט אים אַוועק, נעמט צו ביי אים דעם קליאַק פון די ביינער. אים פאַלט איין, — אַז מיט דעם קליינעם אָפּגע־שפּאָרטן קאַפּיטאַל וואָס ער פאַרמאָגט, וועט ער זיך נעמען צו אַ לייטי־שערער פּרנסה, און נישט דאַרפן אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן און פּטרן דאָס געזונט.

אין אַ ווינקל פון סאַלאָן זיצט שמעון געלבערס פרוי איבער אַ נייי־מאַשין און נייט. זי איז פונקט דער קעגנזאַץ פון אים. זי איז אַ הויכע, מיט אַ גלייכן געשטרעקטן קערפּער, מיט רויטע אָנגעשטאָפּטע באַקן און פולע אָנגעגאָסענע גלידער. זי לייגט נישט קיין אַכט אויף זיין פלוצלינג־דיקן אָנפאַלנדיקן הוסט. זי איז שוין צוגעוווינט צו דעם. ער הוסט זיך אויס און אַרבעט ווייטער... — עס כאַפּט אים אָן און עס גייט איבער... —טראַכט זי ביי זיך. זי שטעלט נישט אָפּ דאָס נייען, און דער שנעלער טרוקענער קלאַנג פון מאַשין, שטעכט ווי מיט דינע שאַרפע שפּיזעלעך די שווערע לופט, פאַרטויבט דעם הייזעריק־כריפּענדיקן הוסט, וואָס קריצט ווי אַ טעמפּע זעג אין דעם אָנגעדאַמפטן חלל...

פון שטענדיק אָן העלפט אים די פרוי אין דער פּרנסה. ס׳איז איר ליבער איידער די שטוב־אַרבעט, „זיין אַ דינסט״ — ווי זי רופט עס, — וואָס מ׳איז שטענדיק פאַרנומען. מען דאַרף שטענדיק אַרומגיין מיטן בע־זים און שמאַטע און אַלעמען באַדינען... און ווייל זי העלפט אים „פאַר־דינען״ פילט זי זיך האַפּערדיק, דערהויבן, מענעריש, און גיט אים שטענ־דיק די גאַב אַפּריער, לאָזט אים נישט אויף די אויגן, זי גיט אים אָנצו־הערן, — אַז אַ דאַנק איר הילף האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט געלט און ווען נישט זי, וואָלט ער נאָך ביזן היינטיקן טאָג געווען אַן אַרבעטער ביי־יענעם, און עס וואָלט זיי אויסגעקומען צו לעבן פון צוגעציילטע סענטן, און זי וואָלט זיך געדאַרפט שניידן די פינגער אויף דער הוצאה...

ער ענטפערט איר נישט. ער וויל זיך נישט אָנהויבן מיט איר. ער ווייסט, אַז שטענדיק בלייבט זי גערעכט. נאָר טיף אינערלעך פילט ער זיך דערנידעריקט. געפאַלן און געקרענקט, וואָס זיין פרוי, נישט נאָר

זי פילט אים נישט מיט, זאָרגט זיך נישט וועגן זיין געזונט, נאָר וואַרפט אים שטענדיק דעם גט אין פּנים... מאַכט אים גליקלעך מיט איר הילף... ווי זי זאָל זיין די ברויט-געבעריןִ.

זי גייט אַרום אַ פולע, אַן אָנגעגאָסענע, גוידערט זיך, בלאָזט פון זיך, און ס'דוכט זיך אים, אַז זי רייצט זיך מיט אים, און שטעלט אַרויס איר שפּראָצנדיקן געזונטן, רייצנדיקן קערפּער אַנטקעגן זיין נעבעכדיק-קרענקלעכן אויסזען... ער קוקט מיט הילפלאָזע בליקן, זעט גאָר נישט פאַר זיך, ער איז קאָנצענטרירט אין איין געדאַנק: — ווי אַזוי צו פאַר-ווירקלעכן זיין געגאַרטן ווונטש און פאַרלאַנג — פּטור צו ווערן פון זיין פרוי'ס הילף... און פון דער אומדערטרעגלעכער אַרבעט.

אָוונט-צייט, ווען זיי גייען אהיים, איז ווי ער עפנט נאָר די טיר פון זיין הויז, פאַלט ער גלייך אריין אין דעם געבעטן שטול מיט די וויי-כע אָנלענס, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג און נעמט אים אויף ווי אַ געטרייער פריינט... ער בלייבט ליגן אַ מידער, אַן אָנגעשטרענגטער, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף הינטער זיך און פילט נישט קיין גליד אין גאַנצן קערפּער.

דאַקעגן זיין פרוי, ווען זי זעט דעם געגרייטן טיש און די דינסט, וואָס שמאַיעט אַרום, פילט זיך אויפגעהייטערט און דערהויבן, קוקט מיט האָפערדיקע בליקן ארום זיך...

שפּעטער, ווען בײדע זיינען געזעסן ביים געגרייטן טיש און געהאַלטן אין מיטן עסן, האָט זי מיטאַמאָל אַוועקגעלייגט דעם לעפל, אים אָנגע-קוקט מיט דורכדרינגלעכע בליקן און געזאָגט:

— ווייסט? איך דאַרף שוין האָבן אַ נייעם מאַנטל, כ'האָב שוין נישט אין וואָס אַרויסצוגיין, און איך וואָלט איצט געוואָלט קויפן אַ פּור-טערנעם, אַ שוואַרצן, פון קאַראַקול, נישקשה, איך קען זיך עס פאַר-גינען. איך האָרעווע גענוג... האָט זי צוגעגעבן, ווי אַ מאָטיוו, אַז ער זאָל נישט וואַגן זיך קעגנצושטעלן.

ער איז געבליבן זיצן אַן לשון, נישט געוווּסט בשעת מעשה וואָס איר צו ענטפערן, געקוקט איר גלייך אין די אויגן, ווי מיטן בליק זי געפרעגט, — צי זי מיינט עס ערנסט? ער האָט פּרובירט זיך קעגנשטעלן:

— אַ נייעם מאַנטל? און דעם גרויען, געשפּריצטן, וואָס דו האָסט פון פריער? און דעם העלן, וואָס דו האָסט נישט לאַנג געקויפט, וואָס איז דיר אַזוי געפעלן געוואָרן?

זי האָט אַ שטילן לאַך געטאָן.

— דער העלער מאַנטל, זאָגסטו? ער איז דאָך שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. מען טראָגט היינט נאָר טונקעלע פאַרבן. און דער גע-שפּריצטער? — די אַלטע טראַנטע ווילסטו זאָל איך אָנטאָן? זי האָט אָפגעזיפצט און צוגעגעבן מיט פאַרביטערונג, — ס'האָט געלוינט ווערן

פארשווארצט, אויסגעריסן, האַרעוועו טאָג און נאַכט, נישט אַנזען קיינ־מאָל די ליכטיקע שיין, און דו זאָלסט מיר הייסן וויקלען זיך אין אַלטע שמאַטעס, גיין אַנגעטאָן ווי אַ באָבע איך זאָל זיך נישט קענען ווייזן פאַר לייטן...

ער האָט געפּרוווט אָפּוועגדן, זיך באַמיט צו ריידן צו איר מיט אַ ווייך געלאַסן קול, איינעמען זי, ווי מען נעמט איין אַ וויינענדיק קינד.

— ווילסט קויפן אַ מאַנטל? — איך בין נישט דאַקעגן, אָבער פאַר־וואָס האָסטו זיך אריינגענומען אין קאָפּ דווקא אַ פוטערנעם, אַ קאַראַ־קולענעם, וואָס דאַרף אָפּקאָסטן אַן אוצר מיט געלט? ס׳הייסט דאָך פשוט אויסגעבן אונדזער גאַנצן אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, אויסבייטלען זיך ביז איין סענט און דערנאָך זאָלן מיר בלייבן, ווי אויפן וואַסער...

— האָסט אַ טעות, — האָט די פרוי אים געזאָגט — מיינסט, אַז מיר אַליין איז נישט קיין שאָד אויסצוגעבן אונדזער גאַנצע אָפּגעשפּאָר־טע פּראַצע, כ׳האָב גוט אויסגערעכנט וועגן דעם, ווייל אַזאַ מאַנטל מאַכט נאָך אַוים ביליקער, מען קען אים טראָגן יאָרן און ער גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער מאָדע. — זי האָט געקוקט צו אים מיט טריומ־פירנדיקע בליקן.

— וואָס בין איך אַזאַ גביר, וואָס איך קען מיר דערלויבן אַזאַ לוק־סוס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרצווייפלטן טאָן. — נעמען דאָס וואָס מיר האָבן אָנגעקליבן פאַר דער גאַנצער צייט און אַריינבראָקן אין אַ מאַנטל, איז דאָך אַן אמתע משוגעת.

— איך וויל נישט פאַרזאָרגן אויף מאָרגן, — האָט זי טראָציק געענטפערט — וואָס מען קען, דאַרף מען אויסנוצן היינט און נישט אָפּ־לייגן אין דער לאַנגער באַנק, קיינער ווייסט נישט וואָס הינטער זיינע פּלייצעס שטייט... וואָס דערוואַרט אים דער מאָרגנדיקער טאָג...

אירע ווערטער האָבן אים געהויבן פון אָרט, ער האָט געפילט, אַז ער קען נישט איינזיצן. זיינע אויגן האָבן זיך געשפּאַרט מיט רציחה פון די אויגן־לעכער. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש און זיך צעשריען מיט אַ הייזעריקער שטימע:

— און מיין געזונט איז ביי דיר גאַר נישט, האַ? דאָס ליגט דיר נישט אפילו אין דער לינקער פּאה. דאָס וואָס די אַרבעט מאַכט מיך קראַנק, פאַרקירצט די יאָרן — דאָס אינטערעסירט דיך נישט! דאָס גייט דיר נישט אָן! — נאָר אַ קאַראַקולענער מאַנטל האָט זיך דיר פאַרגלוסט! דעם טייערסטן, דעם לוקסוסדיקסטן, אויף צו באַווייזן זיך פאַר אַנדערע. די קנאה פרעסט דיך אויף. מן הסתם האָסטו דאָס געזען ביי אַ באַקאַנטער. איז דיר אַריין אין קאָפּ נאָכצוטאָנצן, נאָכצומאַלפּעווען...

די פרוי האָט זיך פאַרלוירן, געבליבן זיצן פריטשמעליעט, געגלאָצט מיט די אויגן אויף אַלע זייטן, ווי זי וואָלט זוכן ערגעץ הילף. זי האָט זיך

געשראָקן פאַר זיינע ביסטרע אויגן, פאַר זיין הייזעריקער שטימע און פאַר זיינע דראָענדיקע זשעסטן. נאָכן קומען צו זיך, האָט זי אַרויסגעשיפּעט די ווערטער, ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט אים:

— דו טראַכסט נאָר וועגן זיך, פון דיין געזונט, און זיך צו פאַרגרינ־גערן. זוכסט אַלץ צו פאַרזאָרגן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן... — און מיין פאַרגעניגן איז זיך אָנטאָן שיין און לעבן ווי אַ מענטש, נישט קלייבן קניפּלעך, זיך נישט פאַרגינען דעם ביסן פון מויל. פון זינט אָז איך קען דיך טראַכסטו נאָר וועגן דיין געזונט און וועגן מאָרגן... ציטערסט אי־בער זיך ווי אַ קליין קינד... שרעקסט זיך פאַר יעדער קלייניקייט. אָבער ציטער נישט אַזוי, דו שטאַרבסט נאָך נישט...

ער איז אָפּגעשפּרונגען פון אָרט, ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן מיט אַ טעמפּער זאַך, אים פאַרשאַפט אַ ציטערדיקן ווייטיק, וואָס האָט אים ווי איינגעקלאָמערט און פאַרשטשעמעט ווי מיט אַ צוואַנג. דער הוסט האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט, אים געבויגן צו דער ערד, זיינע צונויפגעביילטע פויסטן, וואָס האָבן זיך געשטרעקט צו דער פרוי, האָבן נאָכגעלאָזט, און די פאַרשטייפטע פינגער זיינען נאָכגעהאָנגען ווי לויזע שטריק. זיינע בלאַסע ליפּן האָבן געציטערט.

ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן ווייכן געבעטן שטול און געבליבן ליגן מאַכטלאָז פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ אויף הינטן. ער האָט געקוקט מיט הילפלאָזע בליקן אויף איין פונקט, ווי ער וואָלט גאָר נישט געזען אַרום זיך, נאָר זיין קורצער אָפּגעהאַקטער רענזשנדיקער אָטעם האָט ווי צעבוי־טשעט די שווערע אָנגעשטרענגטע שטילקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אי־בערן צימער.

אויף זיין קינדיש־אומבאַהאָלפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מאַטער געלבלעך־וויאָלעטער קאָליר, וואָס האָט דערמאָנט אין אַן אָפּשיין ביי די ראַנדן פון האָריזאָנט אין שקיעה־צייט, וואָס לעשט זיך און פאַרגייט, מיטן אָנקום פון דער נאַכט...

*   *
*

די פרוי האָט אויסגעפירט אירס. וויפל ער האָט זיך נישט קעגנ־געשטעלט, האָט עס גאָר נישט געהאָלפן.

ווען מען האָט געבראַכט דעם פוטערנעם מאַנטל האָט אים די פרוי צערטלעך אויפגעפּאַקט, אַרויפגעוואָרפן מיט אַ שטילער פרייד אויף אירע אַקסלען, זיך געשטעלט אַנטקעגן שפּיגל און אַ שמייכלדיקע זיך געדרייט

אויף אַלע זייטן, פֿון גרויס צופֿרידנקייט האָט זי דעם מאַנטל צוגעדריקט צום האַרצן...

שמעון געלבער איז געזעסן אין צווייטן צימער און געקוקט מיט אויפֿגעריסענע אויגן אויף דעם שוואַרצן פֿוטערנעם מאַנטל, וואָס האָט אַראָפּגעגלאַנצט פֿון אירע אַקסלען און אַ ציטער איז אים אַדורך דורכן גאַנצן קערפּער. ער האָט אויפֿגעשוידערט, געפֿילט ווי די האָר פֿון קאָפּ וואָלטן אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס. ער האָט אַ פֿיר געטאָן די האַנט איבערן שטערן, איבער די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אַוועקיאָגן די מאָוימדיקע געשטאַלט: — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס זיין פֿרוי האָט קעגן זיין ווילן אַריינגעבראַכט אין שטוב, איז נישט קיין בגד, קיין מאַנטל אויף צו קליידן זיך און צו געניסן פֿון דעם און האָבן פֿאַרגעניגן, נאָר עפּעס ווי אַ שוואַרצער מאָנסטער, וואָס גלאַנצט מיט זיין האָריקער שוואַרצער פֿעל, וואַרפֿט אויף אים אַן אַן אימה, אַ פּחד... דער משונהדיקער מאָנסטער ליגט איצט אַ פּאַרטייעטער אויף אירע אויפֿגעהויבענע אַקסלען, בערגלט זיך אויף איר פֿולן בוזעם און אָט וועט עס אַ שפּרונג טאָן, אים אַ כאַפּ טאָן פֿאַרן האַלדז און אים אים שטיקן אַזוי לאַנג ביז ער וועט בלייבן אָן אָטעם, און דערנאָך וועט ער אויסזויגן פֿון אים דעם לעצטן טראָפּן בלוט...

אָט דער „מאָנסטער" האָט געשאַפֿן אַ בייז לעבן צווישן אים און זיין פֿרוי, האָט צוגענומען די אָפּגעשפּאָרטע מי פֿון אַזוי פֿיל יאָרן אַרבעט און האָט דאָס פֿאַרבאַהאַלטן, פֿאַרנורעט צווישן די שוואַרצע געקרייזלטע פֿאַרפּרעסטע האָר, און דאָס האָט אויך געמאַכט, אַז עס זאָל צערונען ווערן זיין שטענדיקער חלום... וואָס ער האָט געטרוימט יאָרן־לאַנג, זיין ווונטש — פּטור צו ווערן פֿון דער שווערער דערקוטשענדיקער אַרבעט, וואָס האָט אונטערגעבראָכן זיין שוואַכן געזונט...

ער האָט געמאַכט אַ פֿאַרצווייפֿלטן זשעסט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך פֿון אַלץ מיאש געווען... געטראַכט מיט פֿאַרביטערונג, אַז זיין גאַנץ לעבן איז שוין נישט ווערט קיין שישקע־פּולווער... ער פֿילט לעצטנס ווי די כוחות פֿאַרלאָזן אים, גייען אים אויס... און זיין קורצער, שווערער, אָפּגעהאַקטער אָטעם, זיין כריפּענדיקער הוסט, וואַרפֿט אויף אים אַליין אַן אומעט... קלינגט אָפּ אין זיין געמיט, ווי דאָס כאָרכלען פֿון אַ גוסס... ער טראַכט, — אַז די טעג זיינע זיינען געציילטע, ווי ער וואָלט געפּאָכעט מיט דער נשמה... און אַ שווערע אַטאַקע קען צו יעדער מינוט אים אַוועקלייגן, און ער וועט דאַן אויסגיין ווי אַ צאַנקענדיק ליכט, וואָס לעשט זיך און פֿאַרגייט מיט דעם לעצטן ציטערדיקן פֿלעמל...

די בר־מצוה דרשה

אין דעם גרויסן גלאז־געשעפט פון בערנארדא צאלקין קריגט מען אויך צו קויפן אלערליי הייליקע בילדער. גיפסענע פיגורן פון פארשיידענער גרויס, וואס שטעלן פאר יעדער באזונדער זיין מיסיע און ראנג, וואס איז געגעבן געווארן צו טאן, צו באשיצן די מענטשן אויף דער זינדיקער ערד... מען קריגט אויך צו קויפן די שענסטע ראמען צו בילדער, באגילדעטע אדער באזילבערטע, מיט אלערליי באפוצונגען. אינעווייניק אין געשעפט איז שטיל און רואיק, ווי אין א קלויסטער. די הייליקע סטאטועס, וועלכע שטייען אין סאמע פראנט אויסגעשטעלט אויף די פאליצעס אין כלערליי פאזעס, מיט אויסגעשפרייטע הענט, ווי צו א געבעט, און אנדערע — מיט פארזארגטע פנימער פול מיט לײדן און ווייטיקלעכע יסורים, דערמאנען דעם אריינגייער — פון דעם זינלאזן, ערדישן לעבן, וואס איז הבל הבלים און גיבן מיט דעם אנצוהערן, אז דער גאנצער שכר־ועונש איז נאר דארטן אויף דער אמת'ער וועלט...

די אויסגעפוצטע ראמען, וואס הענגען אויף די ווענט און פינקלען מיט זייער גאלדענעם און זילבערנעם גלאנץ, קענען נישט פארליידן די נעבעכדיקע גענזיכטער פון די הייליקע פיגורן, זייערע איינגעהויקערטע געשטאלטן, וואס זיינען איינגעקארטשעט, פארוויינט און שפלדיק, און וועלכע ציען צו זיך די בליקן פון די דורכגייער... ווען עס באווייזן זיך קונים, קומט פאר א שטילער פארביסענער שטרייט צווישן זיי. די הייליקע איקאנעם זוכן צוצוציען צו זיך די בליקן פון די אריינקומער, פארשפרייטן ארום זיך א הייליקע שטילע רואיקייט און זוכן איינצושטילן די צערייצטע געמיטער... דאקעגן, די גלאנצנדיקע ראמען חנדלען זיך מיט די ארנאמענטן זייערע, מיט די פארשיידנפארמיקע בלומען וואס זיינען אויסגעקריצט אין רעליעף, און ווילן מיט דעם רופן די אויפמערקזאמ־

קייט פון די אַריינקומענדיקע מענטשן... און ווען דאָס געשעפט איז ליידיק, קוקן זיי אַריבער מיט זייער שימערירנדיקן גלאַנץ צו די אויל־בילדער און רעפּראָדוקציעס, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אין דעם גרויסן שוי־פענצטער, און וואַרטן מיט אומגעדולד מ׳זאָל זיי אַרויסנעמען פון דער פאַרשטיקטער אַטמאָספער.

די אויל־בילדער פאַרנעמען נישט דעם טומל פון גאַס, דעם פאַרטויבנדיקן געגרילץ פון די מאַשינען, וואָס רעווען נאָכאַנאַנד. די בילדער לעכצן מ׳זאָל זיי איינראַמען, אויספּוצן און אויפהענגען אין טונקל־געראַומיקע צימערן באַהאַנגען מיט גאַרדינען, און ווו עס הערשט אַ רואיקע געמיטלעכע שטילקייט.

פאַר בערנאַרדאָ צאַלקין אַליין, זעט אויס ווי אַ חלום זיין גרויס געשעפט, וואָס ער פאַרמאָגט, זיין איצטיקער שטאַנד... ווייל מיט יאָרן צוריק איז ער אַליין אַרומגעגאַנגען מיט אַ קעסטעלע גלאָז. געקלאַפּט פון טיר צו טיר און געפרעגט מיט אַ נישט דרייסטער שטים, ווערנדיק באַגאָסן מיט רויטקייט אויפן גאַנצן פּנים, פרעגנדיק אומעטום דאָס אייגענע — צי מען דאַרף אַריינשטעלן שויבן? ער פלעגט אַזוי אַרומטאָפּטשען דעם גאַנצן טאָג. איבערחזרנדיק די עטלעכע ווערטער מעכאַניש ביי יעדער שטוב, ביי יעדער טיר און פון דעם אַלץ — קוים געקענט אויסקומען מיט דער הוצאה. זיינע דאַרע אויסגעצויגענע באַקן, זיין נישט־דרייסטער בליק, זיין באַנעמונג, זענען געווען פון אַ דערשלאָגענעם מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין זיכערן היינט. האָרעוועט שווער אויפן שטיקל ברויט און איז שטענדיק באַזאָרגט וועגן מאָרגן...

נאָך עטלעכע יאָר זיך אָפּמוטשען אַזוי אין גאַס, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס איז נישט קיין תכלית. ער האָט אויסגעזוכט אַ לאָקאַל אויף איינער פון די גאַסן פון שטאָט און פאַרלייגט אַ גלאָז־געוועלבל. צוזאַמען מיט דעם גלאָז, האָט ער אויך אַריינגענומען הייליקע בילדער, גיפּסענע פיגורן און ראַמען פון פאַרשיידענער גרויס.

די ערשטע צייטן האָט אים שאָקירט דאָס האַנדלען מיט איקאָנעס. וואָס האָבן אים דערמאָנט די קינדער־יאָרן, ווען ער איז געווען איינגעווינט אָוועקצודרייען דעם קאָפּ ווען ער האָט עס דערזען. שפּעטער האָט ער זיך צוגעווינט צו דעם און עס איז אים אויסגעקומען ווי אַ געוויינלעכע זאַך...

דאָס געשעפט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איבערהויפּט האָבן געהאַט אַן אָפּגאַנג די אַלע הייליקע אַרטיקלען, וואָס זיינען צעכאַפּט געוואָרן ערב די יום־טוב־טעג. זיין פאַרמעגן האָט זיך פאַרגרעסערט און מיט דעם אויך זיין גאַנצער אויסזען. זיינע דאַרע אויסגעצויגענע באַקן האָבן זיך אויסגעפילט. זיין אומזיכערער בליק איז ביסלעכווייז געוואָרן דרייסטער און האָפערדיקער, און פון שטיין גאַנצע טעג הינטער דעם

טאַמבאַנק, האָט ער באַקומען אַ רונד־אויסגעפּאַשעט בייכל, וואָס האָט זיך געריסן חוצפּהדיק פאַרויס, ווי עס וואָלט אויסגעשריען מיט עזות: — דרך־ארץ פאַר בערנאַרדאָ צאַלקין, דעם גרויסן גלאָז־סוחר! דאָס איז שוין נישט דער אָרעמער גלעזער, וואָס פלעגט אויסמעסטן די גאַנצע שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך בעטן מיט אַ נע־בעכדיקער שטים מען זאָל אים געבן עפּעס צו פאַרדינען... היינט דאַרף מען אָנקומען צו אים... זיין נאָמען אין דער סוחרישער וועלט ווערט גע־אַכט, געשעצט און רעספּעקטירט.

בערנאַרדאָ צאַלקין, וואָס איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין גע־שעפט, ווי קיין זאַך וואָלט מער נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט... נאָר — גלאָז, ראַמען און הייליקע בילדער אויף צו באַזאָרגן די קריסטלעכע שכנים צו די חגאות, בערנאַרדאָ צאַלקין האָט געוואָלט מ׳זאָל וויסן פון זיין פאַרמעגן און פון זיין ברייטער האַנט. און אַז עס איז אונטערגעקו־מען דער געבורטס־טאָג פון זיינע צוויי קינדער, פון זיין דרייצן־יאָריקן זון און פון זיין פופצן־יאָריקער טאָכטער, וועלכע זיינען פאַר דער צייט ווען ער איז געווען פאַרטאָן אין געשעפט, מיט אַמאָל אונטערגעוואַקסן, האָט ער געטראַכט, אַז איצט איז אַ שעת־הכושר אַרויסצוווייזן זיין גאַנצע ברייטהאַרציקייט און זיין אָפענע האַנט...

בערנאַרדאָ צאַלקין האָט דוקא געוואָלט איינאָרדענען דעם בר־מצוה־יום־טוב פון זיין זון באַזונדער און דערנאָך פון דער טאָכטער, נאָר אײ־בעררײדנדיק מיטן ווייב, האָט ער באַקומען אַ גאַב, אַז עס איז אים פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן. דאָס ווייב האָט אים אויפגעוואָרפן, — אַז ער ווייסט נישט וווּ איין און וווּ אויס, — און אַז ער האָט שיטערע פינ־גער און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיטן געלט... און נאָך דעם ווי עס זיינען אריבער עטלעכע וואונטן אין צאַנקערייען און אַמפּערנישן, איז מען ענדלעך געקומען צו אַ הסכם. — אַז מ׳זאָל דעם זונס בר־מצוה און דער טאָכטערס פופצן־יאָריקן געבורטסטאָג פייערן צוזאַמען, וועט מען פאַרשפּאָרן אומזיסטע הוצאות און מען וועט אויך באַקומען דאָפּלטע מתנות.

מיט דער טאָכטער איז דאָס פּראָבלעם געווען דערליידיקט. מען האָט נאָר געדאַרפט אויפנייען אַ ווייס, זיידן קלייד, פאַרקעמען זי מיט גע־קרייזלטע לאָקן און אויסטראַנצלען איר ווי צו אַ שמחה.

ערגער איז געווען מיטן בן־יחיד, וואָס מ׳האָט געדאַרפט מיט אים איינקנעלן אַ דרשה, וואָס איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. און נישט אַזוי די דרשה, ווי די הפטורה, וואָס דער פאָטער האָט געפאָדערט, אַז דער לערער זאָל אים אויסלערנען. ער האָט דווקא געוואָלט, אַז זיין בן־יחיד זאָל מען אויפרופן אין שול, ער זאָל מאַכן די ברכה און דערנאָך זאָל ער לייענען די הפטורה.

ער האָט אויך געוואָלט, אַז דאָס בילד פון זיין בן־יחיד, ווי ער שטייט אָנגעטאָן אין טליתל, מיט דער יאַרמולקע, זאָל אַרויס אין ציַיטונג און אַלע זאָלן וויסן וועגן דעם. און עס האָט אים אויסגעוויזן אַז דאָס וועט זיין אַ פאַרגיטיקונג... וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געהאַנדלט מיט הייליקע בילדער און איקאָנעס...

דער בן־יחיד — אַ פול געפּאַקט בחורל, מיט אָנגעשטאָפּטע רונדע באַקן — וואָס איז געווען פאַרקאַכט אין דער פּילקע, פלעגט קומען אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרויטיקטער פון גאַס פון שפּילן מיט די חברים, איז געווען אש־להבה אויף טאַטע־מאַמע, אויפן לערער, וואָס האָבן זיך אַלע פאַרלייגט אויף אים, אַז ער מוז זיך אויסלערנען די דרשה. און איבערהויפּט האָט אים דערקוטשעט די הפטורה, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. די משונהדיקע מאָדנע ווערטער האָבן אים געשראָקן און ער פלעגט זיי נאָכזאָגן מעכאַניש מיטן לערער, געטראַכט בשעת מעשה, אַז ער האָט געקענט איצט זיין אין דרויסן מיט די חברים, שפּילן צוזאַמען און נישט זיך מאַטערן. ער פלעגט ווערן באַגאָסן מיט טייכן שווייס ווען ער פלעגט דאַרפן נאָכזאָגן וואָרט אין וואָרט, וואָס איז אים אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש. דער לערער פלעגט קוקן אויף אים מיט באַדויערנדיקע בליקן און נישט אַזוי באַשולדיקט דאָס קינד, ווי דעם פאָטער... און ביים אוועקגיין אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער מוז כסדר אַליין איבערחזרן די דרשה. אַנישט וועט ער בלייבן בחרפּה. ער פלעגט אָפּאָטעמען פרייער ווען דער לערער, פלעגט ענדיקן, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט, וואָס מ'האָט מיט געוואַלד אָנגעהאָנגען אויף אים און פלעגט זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן צו די חברים.

בערנאַרדאַ צאַלקין האָט אים איצט געהאַלטן אויפן אויג, דעם בן־יחיד און זעענדיק, אַז ער ווערט אָפּט נעלם פון שטוב, פלעגט ער אים גיין זוכן אין דרויסן, איבעררייסן אים אין מיטן שפּילן ווען ער האָט פּונקט זיך פאַרמאָסטן צו שיסן מיט דער פּילקע אין טויער. דער בן יחיד פלעגט אַוועקגיין פון שפּיל אַ בייזער, און אויפגערעגטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויפנעמען מיט אומצופרידנקייט דעם טאַטנס שטראָפנדיקע רייד, וואָס ער פלעגט זיך אַלעמאָל ווענדן צו אים מיטן זעלבן פיזמון:

— דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו דאַרפסט חזרן די דרשה? די הפטורה? און עס פעלט שוין ווייניק צייט.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב־טאָג. בערנאַרדאַ צאַלקין האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן. געלאָזט אָפּדינגען דעם שענסטן, לוקסוסדיקן סאַלאָן. אונטערהאַנדלט מיט אַ רעסטאָראַטאָר וועגן צוגרייטן אַ גרויסאַרטיקן מאָלצייט, וואָס זאָל זיין מיט דער פולער האַנט, פון שענסטן

און בעסטן. די געסט זאָלן זיין צופרידן. זאָלן זיי זיך נישט פילן געקריוורדעט. ווייל — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין דעם אונטערנעמער, געשושקעט אים שטיל אויפן אויער — ס'איז אַ דאָפלטער יום־טוב פון מיינע קינדער... וויל איך אַז אַלע פאַרבעטענע זאָלן זיין צופרידן...

דערנאָך ווען ער האָט שוין געהאַט אונטערהאַנדלט מיט אַן אָרקעסטער, וועלכער זאָל שפילן און פריילעך מאַכן די געסט, זאָלן זיך פילן געמיטלעך און היימיש, האָט ער געלאָזט אָפדרוקן איינלאַדונגען, ווו מיט גאָלדענע אותיות איז געשטאַנען דייטלעך, — אַז בערנאַרדאָ צאַלקין און פרוי האָבן דעם כבוד איינצולאַדן זייערע פריינט צו דער דאָפלטער שמחה פון זייער בן־יחידס בר־מצוה, און צו דעם פופצן יאָריקער געבורטסטאָג פון זייער טאָכטער. און פון ביידע זייטן איינלאַדונג האָבן אַרויסגעשיינט די בילדער פון די בעלי־שמחה — דער בן־יחיד מיט אַ טלית'ל אויף די אַקסלען, האַלטנדיק אַ ספר אין האַנט, האָט געקוקט גלייך פאַר זיך מיט אַ טעמפן, אומצופרידענעם בליק; פון דער צווייטער זייט האָט אַרויסגעשיינט די טאָכטער מיט אַ ווייס, זיידן קלייד, האָט געשמייכלט. דער שמייכל האָט באַדייט, — אַז דאָ ענדיקט זיך די גרענעץ פון איר קינדהייט... און אַז עס פאַנגט זיך אָן פאַר איר אַ ניי לעבן...

אַ טאָג פאַר דעם יום־טוב. ווען מען האָט שוין געהאַט צעשיקט די איינלאַדונגען און אַלץ איז שוין געווען גרייט, איז דער בן־יחיד קראַנק געוואָרן. בערנאַרדאָ צאַלקין איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצווייפלטער און אַ פאַרדאגה'טער און זיך קוים געקענט אַן עצה געבן.. געקוקט צום זון, וואָס איז געלעגן אין בעט מיט הויכן פיבער, זיך געטרייסלט פון היץ. זיינע אויפגעלאָפענע רויטע באַקן, די פאַרלאָפענע אויגן, די פאַרטריקנטע ליפן, האָבן אים דערציילט, אַז ער האָט געכאַפט אַ שטאַרקע פאַרקילונג און וועט דאַרפן ליגן צו בעט. בערנאַרדאָ צאַלקין איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, געבראָכן די פינגער פון אויפרעגונג און פאַרדרוס. זיי פאַרשטייפט און זיך דערנענטערט צום זון, וואָס איז געלעגן און געסאָפעט שווער, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיטן אָטעם. ער האָט געקוקט מיט בייזע בליקן צו אים און אַריינגעשיפעט אים אין פנים אַריין:

— אַלץ איבער דער פאַרשאָלטענער פילקע דיינער! — צוגעבנדיק פאַרצווייפלט — וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט זיין מיט דער דרשה דיינער? מיט די איינגעלאַדענע געסט? מיט די צוגעגרייטע מאכלים?

די פרוי, וועלכע איז געזעסן אויפן קאַנט פון בעט, מיט פאַרזאָרגטע בליקן און נישט אָפגעטראָטן פון אים, לייגנדיק אים קאַלטע אייז־טיכער צום קאָפ, האָט פרובירט זאָגן:

— אפשר זאָלן מיר אָפלייגן די „פיעסטאַ" אויף אַן אַנדערער דאַטע? זעסט דאָך ווי דאָס קינד איז פאַרביי, ברענט ווי אַ פייער.

— וואָס הייסט אָפּליגן? — האָט ער זיך צעשריגן — וואָס איז דאָס?
— אַ קינדער־שפּיל? מאַכן חוזק פון אַזוי פיל מענטשן? אַזוי פיל איינגעלאַדענע געסט! מען וועט דאָך נישט קענען פאַר קיינעם זיך ווייזן פאַר די אויגן. זיין קול איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.
— זאָלן מיר אפשר מאַכן דעם יום־טוב פון דער טאָכטער אַליין? — האָט די פרוי פּרובירט זאָגן — און די בר־מצוה אָפּליגן ווען ער וועט געזונט ווערן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל מיט דעם זשעסט געבן איר אַנצוהערן, אַז ער געפינט נישט פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף אירע נאַרישקייטן.

ער איז צוגעלאָפן מיט גיכע טריט צום טעלעפאָן. אַריינגערעדט מיט אַן אָפּגעהאַקטער, נערוועזער שטימע אין טרייבל — ער וויל דער דאָקטער זאָל גלייך קומען! אַ קינד איז ביי אים קראַנק, האָט באַקומען הויכע פיבער, און ער איז שטאַרק באַזאָרגט... און באַקומענדיק אַ צוזאָגנדיקן ענטפער, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אָנגעהויבן גיין הין און צוריק איבערן צימער, געקוקט אַלע ווייַלע צו דער טיר, אויפגעכאַפּט יעדן מינדעסטן גערויש, געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז דער דאָקטער זאָל קומען.

ביים ערשטן קלונג איז בערנאַרדאַ צאַלקין צוגעלאָפן צום אַריינגאַנג, אויפגעעפנט ברייטלעך די טיר, און אַריינגעבעטן דעם דאָקטער אינעווייניק. דער דאָקטאָר האָט זיך רואיק אַוועקגעזעצט נעבן בעט און אָנגעהויבן לאַנגזאַם באַטראַכטן דעם חולה, אַריינגעקוקט אים אין האַלדז, געטאַפּט דעם דופק. געקלאַפּט מיט די פינגער איבער דער פּלייצע, אויסגעהערט די לונגען. טאַטע־מאַמע זיינען געשטאַנען נעבן בעט. נאָכגעפאָלגט מיט אומרואיקע בליקן דעם דאָקטערס באַוועגונגען. געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זיינעם אַ וואָרט, אַן אָנדייטונג. דער דאָקטער האָט אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי ער זאָל מבטל זיין זייער אומזיסטע שרעק און באַזאָרגטקייט, און געזאָגט מיט געציילטע ווערטער:
— ס'איז נישט געפערלעך. דער בחור האָט אַריינגעכאַפּט אַ שטאַרקע פאַרקילונג און ער וועט דאַרפן ליגן אַ פּאָר טעג אין בעט. זיך גוט אויסשוויצן.

בערנאַרדאַ צאַלקין איז געבליבן, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. צעטומלט און פאַרלוירן, פּרובירט זאָגן דעם דאָקטער, — אַז אפשר מאָרגן וועט ער מעגן אויפשטיין פון בעט כאָטש אויף אַ שעה צייט. ס'איז זיין דרייצן־יאָריקער געבורטס־טאָג, — האָט ער זיך באַמיט אים צו דערקלערן. ס'וועט זיין אַ גרויסאַרטיקער יום־טוב. מ'האָט שוין איינגעלאַדן אַלע געסט. אַלץ איז שוין גרייט, און ער מוז האַלטן אַ דרשה, אַז נישט וועט די גאַנצע שמחה זיין פאַרשטערט...

דער דאָקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. נישט פאַרשטאַנען וואָס דעם טאַטן גייט אַזוי אין גאַנצן לעבן, אַז דער זון זאָל קראַנקערהייט האַלטן אַ רעדע און דערמיט זיך איינשטעלן דאָס געזונט.

בערנאַרדאַ צאַלקין האָט אַריינגערעדט מיט אַ שטיל קול, וואָס האָט זיך געבעטן ביים דאָקטאָר. געפּרוּווט אים געבן צו פאַרשטיין:

— ביי אונדז ייִדן, איז דאָס דער גרעסטער יום־טוב... צו דער דרשה גרייט ער זיך שוין אַ לאַנגע צייט... אפשר זאָל דער דאָקטאָר אים פאַרשרייבן עטלעכע איינשפּריצונגען פון פּעניסילין, אַ שטייגער, אַ שטאַרקערע דאָזע, וואָלט ער זיך מאָרגן געפילט בעסער, וואָלט ער אים געקענט אַוועקפירן אין זאַל. ער זאָל נאָר זאָגן די דרשה פאַר די געסט.. און דערנאָך אים צוריקפירן אין שטוב, ער זאָל זיך לייגן אין בעט.

דער דאָקטאָר, אַ גוטמוטיקער „קרעאָל”, האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן בערנאַרדאַ צאַלקין אין פּלייצע. אַ סימן, אַז ער האָט אים איצט פאַרשטאַנען.. אַ זאָג געטאָן „עסטאַ ביען” און איז אַרויס פון צימער.

אויף צו מאָרגנס איז בערנאַרדאַ צאַלקין געשטאַנען פאַר זיין הויז און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער פרוי און אויף זיין טאָכטער, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך געפּאָרעט ביי אירע לאָקן, ביי דער קלייד, וואָס איז געווען איינגעצויגן אין דער טאַליע, געמאַרשטשעט און איינגעלייגט אין קליינע פעלדעלעך, און ביי יעדן ריר אַרויסגעגעבן אַ שטילן, צאַרטן שורשן, ווי דאָס ווייסע זיידענע קלייד וואָלט אויסגעדריקט די בענקשאַפט און חלומות פון אירע פּופּצן קינדערישע יאָרן, וואָס ענדיקן זיך היינט... און זי וועט זיך דאַרפן שיידן מיט זיי...

בערנאַרדאַ צאַלקין האָט אַלע וויילע געכאַפּט אַ קוק צום זייגער, געטראַכט, אַז עס איז שוין שפּעט. די געסט וואַרטן שוין אַלע, זיינען אומגעדולדיק, זיצן ביי די טישן און קוקן זיך אויס די אויגן אויף זיי. און דאָ נעמט גאָר קיין סוף נישט. די עטלעכע איינשפּריצונגען, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים נעכטן פאַרשריבן, האָבן געגעבן אַ גוטן רעזולטאַט. דער זון פילט זיך בעסער, אַזוי אַז ער איז געווען גערעכט — ווייל וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט די גאַנצע שמחה אָן דעם זונס דרשה?

און ווען ער האָט באַמערקט ווי די טיר פון זיין שטוב עפנט זיך — זיין טאָכטער, אַן אויסגעפּוצטע, אַ שיינענדיקע, אַ גלאַנציקע, גייט פאַרויס און די פרוי זיינע פירט ביי דער האַנט דעם בן־יחיד, אַן איינגעוויקלטן און אַן איינגעטוליעטן, האָט ער שנעל אויפגעעפנט דאָס טירל פון זיין אויטאָ, אָנגענומען דעם זון פאַרן צווייטן אָרעם, און ביידע האָבן געהאָלפן דעם בן־יחיד זיך אַריינזעצן אינעווייניק.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעלעבט. געטראַכט מיט צופרידנקייט, אַז, אַט פירט ער זיין זון, ער זאָל האַלטן די דרשה, פון וואָס ער האָט אַזוי־

פיל געחלומט, און די שמחה וועט זיין אזא ווי ער האט זיך פארגע־שטעלט...

ביים אריינגיין אין זאל, האט ער מיטאמאל באמערקט, ווי זיין זון גייט מיט שלאבערדיקע טריט, ווי ער וואלט זיך געוואקלט, געהאלטן ביים אומפאלן, און זיין שטענדיק רויט פנים איז איצט בלאס און אפגעצערט. זיינע אויגן זיינען איינגעגראבן טיף אינעווייניק, אונטערגעהאקט מיט בלויע צייכנס. ער האט א ליכטן ציטער געטאן. א שרעק איז אים באַ־פאלן פארן זונס געזונט, מורא געהאט פאר א דורכפאל, ער זאל נישט קענען האלטן די דרשה...

די מוזיק האט מיטאמאל אויפגעשפילט א פריילעכס. פייערלעכע טע־נער פון פרייד און לוסט האבן זיך א גאס געטאן איבערן זאל. דאס האט מען אויפגענומען מיט כבוד די בעלי־שמחה. עס האט זיך דערהערט א פריילעכע פליעסקעריי פון אלע זייטן. דאס האבן אלע געסט אים באגריסט. הענט האבן זיך געשטרעקט צו זיי און געווונטשן גליק און נחת. בער־נארדא צאלקין איז פארכאפט געווארן פון דער מוזיק, פון די פריילעכע שמייכלענדיקע פנימער, וואס האבן אים באגריסט פון אומעטום. די פייער־לעכקייט פון דער מוזיק, האט אים ווי א ווארעמע כוואליע, פארגאסן און ארומגענומען, געגלעט, געלאסטשעט און געצערטלט, ווי זיי זאלן מאכן אים פארגעסן זיין שרעק און פארזארגטקייט... די מורא וועגן זיין זון, איז מיטאמאל צערונען געווארן. ער האט נאר געטראכט, אז היינט איז א דאפלטער יום־טוב פון זיינע קינדער, וואס ער האט זיך באמיט, אז ס'זאל זיין מיטן פולן גלאנץ און פראכט. האט צוליב דעם אפגעדונגען דעם שענסטן לוקסוסדיקסטן סאלאן, איינגעארדנט א גרויסארטיקן מאל־צייט, אז די מענטשן וועלן האבן צו געדענקען. אלע וועלן ריידן פון אים, פון זיין ברייטער האנט... פון זיין איצטיקן שטאנד... און אז באלד דארף זיין זון האלטן די אזוי געגארטע בר־מצוה דרשה.

דער געראַנגל

ער האָט געשפּאַנט מיט פעסטע טריט. זיין הויכע פיגור, מיט די לאַנגע צעוואַקסענע הענט האָט אויסגעלייגט אַ ריזיקן טונקעלן שאָטן איבערן וועג ווו ער איז געגאַנגען און געשאַפן אַ משונהדיקע קאַריקאַטור פון זיין געשטאַלט. די טרוקענע, צעשפּאָלטענע ערד האָט געסקריפּעט אונטער זיינע שווערן טראָט, ווי זי וואָלט געקרעכצט פון דער שווערער משא, וואָס זי דאַרף אויסהאַלטן אין אַזאַ גרויסער היץ.

ביי דער זייט זיינען געלעגן געלע און ווייסע פעלד־בלימעלעך מיט פאַרוואָרפענע קעפּלעך, צעטריקנטע און פאַרחלשטע פון דער היץ. די אָנגעגליטע לופט פון אַ גאַנצן טאָג, האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן שטיקנדיקן דאַמף, וואָס איז געפאַלן שווער, נישט געלאָזט אָטעמען. די אָנגעצויגענע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום, האָט געגעבן צו וויסן אַז אַלץ וואַרט אויף עפּעס, הערט זיך צו מיט אָנגעשפּיצטקייט, וואַרט פאַרטייעטערהייט אויף אַ זאַך, וואָס דאַרף קומען מיט אַמאָל, אויסברעכן מיט אַ ווילדער, צעבושעוועטער קראַפט, און וועט פאַרניכטן אַלץ וואָס עס וועט אָנטרעפן אויפן וועג...

די שווערע אָפּוואַרטנדיקע שטילקייט, וואָס איז געקומען פון די אַרומיקע פעלדער, פון די שאָטנדיקע דרימלענדיקע וועלדלעך, האָט געוואָרפן אַ ציטער אויף אַלע בעלי־חיים. צעשראָקענע פייגל זיינען געפלויגן מהנותוויז אין גלייכע שורות, אָדער אין זיג־זאַגן, געאיילט וואָס גיכער אָנצוקומען אין זייערע נעסטן. די רואיקע בהמות, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפן איבערן פעלד, געהאַלטן אַרויסגעשטעלט די צונגען צוליב דער היץ, האָבן דערשנאָפּנדיק דעם נאָענטן שטורעם, וואָס דאַרף אויסברעכן, זיך אויפגעשטעלט, פאַנאַנדערגעשפּרייט די נאָזלעכער, אַרויסגעלאָזן צעצויגענע אומהיימלעכע רעווען, און זייערע טעמפּע בליקן זיינען

מיטאמאָל אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַ טיפער שרעק, ווי זיי וואָלטן גע־זוכט הילף און שוץ...

דער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו זיין הויז, איז געווען מיד פון דער שווערער ארבעט פון דעם גאַנצן טאָג אין פעלד. ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס באַקאַנטע בילעריי פון זיינע הינט וואָס האָבן שטענדיק אים אויפגענומען מיט אַ פריילעכן בילן. האָבן דערקענט זיינע טריט פון דער וויטנס און זענען געשפּרונגען אין דער לופטן, זיך אי־בערגעקוילערט פון שמחה, זיך פאַרכליניעט פון פרייד פון באַלעבאָס אָנקומען. די הינט האָבן זיך געריסן פון די קייטן מיט אַלע כוחות, גע־וואָלט זיך דערנענטערן צו אים, אים אָנרירן. און אַז ער האָט אויפגעעפנט דעם טויער פון זיין הויף, וועלכער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ פריילעכן סקריפּ, איז אים אַנטקעגן געקומען זיין פרוי מיט אַן אומרואיקן בליק, אָפּגעזיפצט פון אַנגסטלעכער דערוואַרטונג, וואָס זי האָט איבערגעטראַכט וועגן אים, וואָס ער איז נאָך אַלץ אין פעלד ווען דער שטורעם, וואָס הענגט אין דער לופטן, האַלט ביים אויסברעכן.

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ באַרואיקנדיקן שמייכל. איר אַ קוש געטאָן אין דער אָנגעשטעלטער באַק, וואָס זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים, ער זאָל איר אַרויסווייזן זיין נאָענטקייט און צערטלעכקייט.

זיין צוויי־יאָריקער זון, וואָס האָט זיך געשפּילט אין לאַנגן הויף, איז, — דערזעענדיק פון וויטנס דעם פאָטער, צוגעלאָפן מיט אויסגעשפּריי־טע הענטלעך, מיט אַ פריילעכן „פּאַ", אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס און קושנדיק אים אַן אויפהער, זיך געטוליעט צו אים.

די הינטס ליאַרעמען און בילן האָט אויפגעהערט. זיי זיינען זיך איצט פאַרגאַנגען אין אַ שטילן, אומעטיקן וואַיען. זיי האָבן נאָכגעקוקט מיט קנאהדיקע בליקן, ווי דער פאָטער האַלט דאָס קינד אויפן האַנט. קושט עס און צערטלט עס און פאַרגעסט אין גאַנצן אין זיי.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער ערד. איז צוגעגאַנגען צום פּלאַץ, ווו די הינט זיינען געשטאַנען צוגעבונדענע און זיך געריסן צו אים פון די קייטן. ער האָט יעדן איינעם פון זיי אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן רוקן. מיט דעם געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז ער האָט אין זיי אויך נישט פאַרגעסן. די הינט האָבן איינגעבויגן זייערע רוקנס מיט הכנעה און געטרייסלאַפט, און מיט זייערע פייכטע הינטישע בליקן נאָכגעפאָלגט יעדן קער און באַוועגונג פון זייער באַלעבאָס. זייערע אייפערזוכט־געפילן זיינען געשטילט געוואָרן מיט זיינע לאַסקעס...

ער איז אריין אין שטוב, אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול און געבליבן זיצן אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, געפילט, אַז די אויגן קלעפּן זיך אים, אַ מידע שווערקייט צעלייגט זיך אין אַלע זיינע גלידער. די אַרומיקע שטיל־קייט פון די צימערן, האָבן אים איינגעוויגט אין אַ דרימל. ער האָט פאַר־

וואָרפן מיטן קאָפּ אויף הינטער זיך, און דרימלענדיק האָט ער מיטאַמאָל דערהערט אַזאַ בילעריי פון די הינט, וואָס האָט פון אים געריסן שטיקער. אין לייכטן דרימל האָט זיין פאַרנעפּלטער מוח געטראַכט, אַז ער האָט נאָך פון די הינט נישט געהערט אַזאַ בילן. דער געקלימפּער פון די קייטן האָט אים אָפּגעהילכט אין די אויערן. ער האָט געטראַכט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס דאַרף פּאַרקומען מיט דעם מאָדנעם בילן פון די הינט, וואָס רייסן זיך אַזוי פון די קייטן, ווי זיי זאָלן אים אָנזאָגן פון אַ סכנה וואָס לויערט דאָ נאָענט... אַז אַ געפערלעכער שונא דערנענטערט זיך צו דער שטוב...

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אַ פּראַל געטאָן די טיר און זיינע אויגן זיינען געבליבן אויפגעריסן פון שרעק. די גערונצלטע הויט זיינע איז אויפגעלאָפן מיט אויפגעשוואָלענע ריפּעלעך, ווי אַ זיפּ. ער האָט געפילט ווי די האָר שטעלן זיך אים קאַפּויער, שטעכן אים, ווי מיט נאָדלען. אין טיר איז געשטאַנען זיין פרוי מיט אַן אָפן מויל, ווי די געשרייען וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסברענגען וואָלטן מיטאַמאָל זיך פאַרהאַקט ביי איר אין צונויפגעקראַמפּטן האַלדז. זי איז געבליבן פאַרגליווערט פון שרעק פון דעם טויטלעכן שונא, וואָס געפינט זיך דאָ אַזוי נאָענט, לויערט אויף זייער איינאונאיינציק קינד און אַז זיין יונג לעבן הענגט איצט אויף אַ האָר. זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, רופן דעם מאַן צוהילף, ווי זי וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק.

דאָס קינד, אַ העלס, אַ בלאָנדס, האָט איצט אויסגעזען אין דעם טונקעלן פאַרנאַכט ווי אַ ליכטיקער שפּליטער וואָלט זיך אָפּגעקרישלט פון דער זון, וואָס האַלט ביים פאַרגיין אין וויטן האָריזאָנט און איז געבליבן ליגן אויפן פרייען פעלד.

דאָס קינד איז געשטאַנען אַ רואיקס, אַ לויטערס. געקוקט מיט אָפּענע אייגעלעך מיט חידוש און פאַרוואונדערונג צו דער טונקל־געפלעקטער קריכנדיקער חיה, וואָס פּויזעט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. שאַרט זיך, קנוילט זיך איבער די טרוקענע גראָזן, רינגלט זיך, ווי אַ קייט פון שטייפּע אָנגעצויגענע רינגען. דאָס איז געווען אַ ריזיקע שלאַנג, וואָס האָט געבלישטשעט מיט אירע גרין שוואַרצע געפלעקטע שופּן, וואָס האָבן שימערירט אין דעם טונקעלן פאַרנאַכט, ווי פּערלמוטערנע ים־מושלען. דאָס קעפּל — אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ שפּיציקס, מיטן לאַנגן צינגל, האָט געשטאָכן, ווי מיט אַ דינער שפּיז דעם שווערן, געדיכטן חלל. פון די קליינע, קיילעכדיקע אייגלעך האָט געשרפּעט אַ גרינלעכער בליאַסק פול מיט טריפנדיקן גיפט. די שלאַנג האָט זיך געשאַרט גלייך צום קינד, נישט פאַרלאָרן דאָס פון אויג. געוואָלט אים צוציען מיטן קוק, מיט זיין גרינלעכן בליאַסק.

דער פאָטער האָט אויסגעמאָסטן די שטרעקע, וואָס טיילט אָפּ זיין קינד

פון דער טויטלעכער חיה, געטראַכט, אַז אין איין אויגנבליק קען ער פאַר־לירן זיין איינציקן זון. און צו דער זעלבער צייט האָט אים באַהערשט אַ שרעק, וואָס האָט אים אין גאַנצן דורכגענומען און ווי געליימט, ווי אין זיינע אָדערן וואָלט אַ פּלייץ געטאָן אַ גרינלעכע קלעפּעדיקע פליסי־קייט, וואָס ריזלט מיט אַ פּחדימדיקן געוויש, פאַרגיסט אים אין גאַנצן, דערגרייכט ביז צו די ווענטלעך פון זיין מוח, מאַכן אים אויפשוידערן און פּענטעט אים.

מיט איין שפּרונג איז ער געווען נעבן די הינט. ער האָט זיי פלינק אָפּגעטשעפּעט פון די קייטן. די הינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיטן גאַנצן אימפּעט און געבליבן אַ ווײַלע שטיין. זיי האָבן געקנאַקט, געקריצט מיט די ציין און געקוקט מיט פאַרלאָפענע אויגן צו דער שלאַנג, וואָס איז גע־בליבן אין אַן אָפּוואַרטנדיקער פּאָזע, ווען זי האָט זיך דערזען אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן.

די שלאַנג האָט זיך איינגעקנוילט מערער אין זיך. די פּערל־מוטער־נע בלישטשעס אויף איר האָבן זיך צעגלאַנצט, צעפינקלט און די האַר־טע קנוילן, ווי שטאָלענע רינגען, האָבן זיך פאַרשטייפט, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן. נאָר דאָס שוואַרצע אָפּגעטשעפּעטע קעפּל, מיטן לאַנגן דינ־נעם צינגל, האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, ווי עס וואָלט געוואָרנט, אַז ווער עס וועט וואָגן זיך דערנענטערן צו איר, וועט געשטאָכן ווערן מיט דעם טויטלעכן גיפט.

פון שרעק און אומבאַהאָלפנקייט זיינען די הינט געבליבן שטיין ווי געליימט. זיי האָבן געזען, אַז דער שונא, וואָס זיי האָבן פאַר זיך איז פיל שטאַרקער און מעכטיקער. זייער בילן האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ היילנדיקער יאָמער, פון זייער מאַכטלאָזיקייט און הינטערשטעלי־קייט אַנטקעגן דער גרויזאַמער חיה, וואָס טשאַטעוועט אַנטקעגן זיי מיטן שוואַרצן פּיסקל, מיטן דינעם אַרויסגעשטעקטן צינגל און זעט זיי נישט צו פאַרלירן פון אויג. זייער אומבאַהאָלפנקייט האָט געשטייגערט אין זיי, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרביטערטן האַס, וואָס דאָס משונהדיקע באַשע־פעניש טרעט נישט אָפּ, איז אַזוי נאָענט פון באַלעבאָס קינד און זיין לעבן איז אין סכנה...

איינער פון די הינט האָט זיך דערנענטערט צו דער שלאַנג מיט אַן אָפענעם פּיסק. קנאַקנדיק מיט די ציין, ווי אַן אַרויסרוף צום קאַמף, האָט ער פּרובירט איינבייסן אין דער קאַלטער צונויפגעקנוילטער משא. און פּילנדיק אַ בייסיקן שטאָך אין לייב, איז ער מיט אַ מוראדיק סקאַווטשען אָפּגע־טראָטן צוריק קאַרטשענדיק זיך פאַר ווייטיק און יסורים.

מיטאַמאָל זיינען אַלע דריי הינט באַפאַלן די שלאַנג פון אַלע זייטן, געביסן ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזן, געפילט דעם שווידערלעכן סקרוך אויף זייערע הינטישע לייבער. דאָס שוואַרצע פּיסקל פון שלאַנג האָט זיך

געבויגן דאָ רעכטס, דאָ לינקס, געביסן מיט די שפּיציקע ציינער און געלאָזן טראָפּנס גיפט אין די צעפּרייעטע און צעהיצטע הינטישע גופים, וואָס זיינען געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס.

אַ שטילער צישען, ווי אַן אַרויסרוף צו די הינט, אַז זי פאַרמעסט זיך מיט זיי, איז זיכער, אַז זי וועט זיי בייקומען, באַזיגן, האָט צעפּלאַקערט דעם געראַנגל צווישן ביידע כוחות.

פון דער שלאַנגס צישען, זיינען די הינט נאָך מער ווילדער געוואָרן, געשפּרונגען פון ווייטיק אין דער לופטן, זיך איבערגעקוילעט און זי נישט אָפּגעלאָזן. דער שימער פון דער שלאַנגס אָנגעצויגענע רייפן, דאָס פאַרשטיקטע צישען, וואָס איז געקומען פון איר שמאָלן גאָרגל, ווי הייזעריקע האַלדז־קלאַנגען, האָט זיי נאָך מער צעררייצט. אינסטינקטיוו האָבן זיי געוווּסט, אַז זיי דאַרפן אויספירן דעם באַלעבאָס באַפעל צו ראַטעווען זיין קינד, אַז זיי זאָלן אפילו דאַרפן באַצאָלן פאַר דעם מיט זייער לעבן, און אַטאַקירנדיק די חיה, וועלן זיי דערווייטערן די סכנה, און דאָס האָט זיי געשטויסן, אַז זייערע שאַרפע ציינער זאָלן זיך אַלעמאָל איינבייסן אין דער קאַלטער קלעפּעדיקער פליסיקייט, וואָס האָט זיך געדרייט, געקאָרטשעט אין אַלע זייטן. די הינט זיינען צוגעלאָפן מיט גאַווערנדיקער סלינע, וואָס איז גערונען איבער זייערע צעעפנטע פּיסקעס מיט אַרויסגעשטעקטע ציינגער און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט הילפלאָז פון זייערע אויגנלעכער. זיי האָבן געזוכט צו בייסן דעם מיטלסטן טייל קערפּער פון דער שלאַנג, כדי אויסצומיידן געביסן צו ווערן, און איינעסנדיק זיך מיט זייערע ציין אין איר, האָבן זיי געשליידערט, געטרייסלט דעם שווערן קערפּער און ביי יעדן גיפטיקן שטאָך, האָבן זיי געסקאָווטשעט פון יסורים, זיך פאַרגאַנגען אין אַ הילפלאָז יאָמערלעך געוויין.

זיי האָבן געפילט, אַז זיי ווערן אַלץ שוואַכער, דער גיפט אין זייערע קערפּערס צעשפּרייט זיך און גיסט זיך פאַנאַנדער, ווי אַ פליסנדיקער, קאָכנדיקער בליי, און אָט וועלן זיי אַוועקפאַלן באַזיגטע און פאַרלוירענע...

אין דער לופט האָבן זיך צונויפגעמישט דאָס פּחדימדיקע שיפּען פון שלאַנג, וואָס האָט אָפּגעקלונגען, ווי דאָס סיקען און בלעזלען פון הייסע קוילן, ווען מען גיסט אויף זיי אַרויף קאַלט וואַסער, און דער יאָמער פון די גוססדיקע הינט, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות זייערע, צו פאַרטרייבן די בייזע חיה פון דעם באַלעבאָס רשות.

זיי האָבן זיך שוין נישט געווערט, נישט געהאַט קיין כוחות, געבליבן ליגן צעביסענע, צעשטאָכענע, געשוואָלענע, מיט אויפגעבלאָזענע בייכער און געצוקט מיט זייערע צונויפגעקאָרטשעטע גופים. נאָר זייערע אויפגעריסענע אויגן האָבן געקוקט צום באַלעבאָס, וואָס האָט איצט געהאַלטן

דאָס קינד אויף די הענט און געטוליעט עס צו זיך, גערדריקט מיט פרייד צום הארצן. נאָכגעפאָלגט די קריכנדיקע שלאַנג, וואָס פויזעט אַוועק אַ צעביסענע פון די שאַרפע הינטישע ציין. אַ צעפּערטלטע און אַ פאַר־וואונדעטע, שלענגלט אַוועק איבערן פוסטן פעלד און פאַרשווינדט, און פון די צעביסענע וואונדן גייט אַרויס אַ געלע מוטנע פליסיקייט, וואָס לאָזט איבער צייכנס איבער דעם וועג.

דער פאָטער האָט באַדעקט מיט צערטלעכע קושן דאָס צעשראָקענע קינד, וואָס האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווי עס וואָלט ערשט איצט געגעבן זיך רעכענונג פון דער געפאַר, צו וועלכער עס איז געווען אויסגעשטעלט. דער פאָטער האָט עס צערטלעך געגלעט, געוואָלט באַרואיקן און איינשטילן.

זיין געשפּאַנטקייט און אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, ווען דער פאַרביסענער קאַמף איז אָנגעגאַנגען, האָט איצט נאָכגעלאָזט. ער האָט אָפּגעאָטעמט פריי, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער משא, און האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט, האָט ער זיך דערנענטערט מיט לאַנגזאַמע טריט ווו די הינט זיינען געלעגן און ער האָט נישט געוווסט אויף וואָס פריער צו ווענדן זיינע בליקן, צי אויף זיין געראַטעוועט קינד, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף זיך אַ גאַנצס, אַ געפּאָר־נענס, וואָס איז ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, צי אויף זיין פרוי וועלכע איז געשטאַנען אין אַ זייט און געקוקט צו אים מיט צעטומלטע בליקן, נישט־קענענדיק נאָך קומען צו זיך און אַרויסברענגען אַ קלאַנג, ווי זי זאָל נישט גלויבן דאָס וואָס איז נישט לאַנג פאַרגעקומען פאַר זייערע אויגן, און אַז זייער קינד איז שוין אויסער יעדער געפאַר, צי ער זאָל קוקן אויף די געטרייע הינט זיינע, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן, ליגן צעביסענע, פאַרגיפטעטע, געשוואָלענע, אויסגייענדיק אין שוי־דערלעכע יסורים און קוקן איצט צו אים מיט פאַרלאָשענע אויגן פול מיט איבערגעבנקייט, מסירת נפש, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו פאַרטרייבן די טויטלעכע חיה און דערמיט געראַטעוועט זיין קינד...

* *
*

די אָנגעצויגענע שווערע שטילקייט, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופט, געדריקט, ווי מיט אַ שווערער משא די שפּיצן פון דיביימער, די געדיכט־אויפגעגאַנגענע תבואה־פעלדער, די נידעריקע קוסטעס, האָט מיטאַמאָל גענומען זיך באַוועגן, אָנגעהויבן טרייסלען די צווייגן פון די ביימער, האַלב־פאַרטריקנטע בלעטער זיינען אַראָפּגעפאַלן, אָנגערירט די

הייסע צעפרייעטע ערד, זיך ווידער אויפגעהויבן און זיך אנגעהויבן דרייען אין א משונהדיקן ווירבל־קאראהאד, ווי די בלעטער זאלן אויסזינגען זייער לעצטן געזעגענונגס־טאנץ פאר זייער פארגיין, פארן טויט... און ביים ענדיקן דעם ווירבל־טאנץ, זיינען זיי פארטראגן געווארן פון ווינט...

*　　*
*

דער גאנצער ארום, וואס האט זיך צוגעקוקט מיט א פארכאפטן אטעם, מיט שפאנונג צו דעם שווערן גערוישגל, וואס איז פארגעקומען, ווו קיינער פון די ראנגלענדיקע כוחות האט נישט געוואלט אפטרעטן ביז איינער וועט באזיגן דעם צווייטן, האט איצט נאכגעלאזט.

א שניידנדיקער בליץ האט דורכגעשניטן דעם טונקעלן הימל, אים אנגעצונדן מיט א בלענדנדיקער העלער ליכט, און א פארטויבנדיקער דונער האט זיך אראפגעקוילערט פון ערגעץ ווייט, אראפגעפאלן מיט א הילכיקן קראך, ווי הויפנס שטיינער וואלטן זיך געשאטן אין רוים, זיך אנגעשטויסן איינע אין די אנדערע און אראפגעגלידערט אין טיפע תהומען.

ס'האט א פלייץ געטאן א גאס־רעגן, וואס האט געמבולט שטראמענווייז. אפגעשווענקט דעם שטויב פון אלע פלאנצן, פון אלע וועגן און אנגעטרונקען די צעשפאלטענע ערד, די דורשטיקע ווארצלען פון די ביימער.

דער פלייצנדיקער רעגן האט אויך אויסגערייניקט און פארטראגן די מאוימדיקע קולות, וואס האבן ארומגעבלאנדזשעט אין ארום, איבערגעלאזט א פחד אויף יעדן בעל־חי, וואס איז דורכגעגאנגען דאס ארט, און וואס האט אינסטינקטיוו דערשפירט, אז מיט אייניקע מינוטן צוריק איז פארגעקומען א פארביסענער קאמף אויף לעבן און אויף טויט. און די יאמערלעכע קולות און דאס סקאווטשען פון די הינט האט פארהילכט דעם גאנצן ארום, ווי זיי וואלטן באוויינט דעם לויערנדיקן טויט, וואס דערנענטערט זיך און ווייעט אויף זיי מיט זיין קאלטן אטעם... מאכט פארגליווערן די כארכלענדיקע קולות אין זייערע העלדזער, נעמט צו ביי זיי די ווייטיקלעכע יסורים, וואס לאזן אפ מיט אמאל, גייען ארויס פון זייערע אנגעשוואלענע גלידער, און פארשווינדן צוזאמען מיטן לעצטן לעבעדיקן ציטער פון זייערע פארקראמפטע צוקנדיקע גופים.

א געראטענער שידוך

שוין עטלעכע אוונטן, ווי אין דעם רייכן לוקסוסדיקן הויז פון מאוריסיא גאלדין הערט זיך א טומל און א געפילדער פון אמפערנדיקע קולות און קריגערייען, וואס רייסן זיך ארויס פון די שטילע גערוימע צימערן, דרינגען דורך די דראפירטע פלושענע גארדינען, וואס פארשטעלן פאר זיי דעם וועג און שפארן זיך דורך מיטן גאנצן אימפעט צו דער גאס, צו דעם שטילן בולוואר.

די בייזע קולות, אויפגעבראכענע צאנקערייען, בלאנדזשען ארום פרעמד און פאריתומט איבערן פרייען בולוואר צווישן די באשאטנטע אלייען. געפינען זיך נישט קיין ארט. קומען פארשעמטע צוריק און צעלייגן זיך אין די ווינקלען פון הויז און שאפן מיט דעם א שווערע, דערדריקנדיקע אטמאספערע...

דאס גלאנציקע שפיגלדיקע מעבל, וואס שטייט צעשטעלט אין די צימערן, דאס קרישטאלענע שימערירנדיקע געשיר, וואס פינקלט ארויס פון די גלעזערנע שאפעס, די פליושענע טעפיכער, וואס נעמען אריין אין זיך דעם גערויש פון די טריט; די ווייכע אויסגעבעטע שטולן, וואס שטייען שטענדיק גרייט אויפצונעמען חשובע געסט און זיינען געוווינט, אז די געסט זאלן ריידן געלאסן, שטיל, מאכן שבחים די באלעבאטים, וואונדערן זיך דאס מאל, קענען נישט פארליידן די אמפערנדיקע קריגערייען, שארפע קולות, וואס צעלייגן זיך ווי פרעמדע, אומבאקאנטע קעגנשטאנדן איבער די צימערן.

די קרישטאלענע כלים ווינקען זיך איבער איינע מיט די אנדערע. קוקן אויך אריבער צו די גלאנציקע מעבל פון אנטיקען, ווי זיי וואלטן נישט פארשטאנען, וואס פאר א מאדנע געסט זיינען עס געקומען, וואס שפרינגען אזוי פון דער הויט, שרייען מיט באנומענע קולות, זידלען,

סטראַשען, — אַז אַט גייען זיי אין גאַנצן אַוועק. הויבן זיך אויף האַסטיק פון זייערע פּלעצער און זייערע פּנימער, זייערע בליקן, זיינען אָנגעשטרענגט, פּאַרוויטיקט און צעפּלעקט. זעצן זיך ווידער אַוועק און ס'הויבן זיך אָן די זעלבע טענות מיט די זעלבע קריגערישע רייד...

דאָס איז צוליב דעם, וואָס מאַוריסיאָ גאָלדין האָט אויסגעזוכט אַ שידוך פֿאַר זיין אײנאונאייִנציקער טאָכטער, געוואָלט אַראָפּנעמען פון זיך אַ האַרב פון די פּלייצעס, וואָס עס האָט אים נישט געלאָזט רוען, צוגענומען ביי אים דעם שלאָף. חתן־כּלה האָבן זיך צוערשט געזען, זיך אָנגעקוקט, געפעלן געוואָרן און מ'איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין.

דאָס בחורל, אַ הי־געבוירענער, וואָס האָט זיך געקליידט מיט עלעגאַנץ, האָט פאַרמאָגט אַ זעלבסטצופרידענעם וויליונגערישן קוק, וואָס מ'האָט געקענט אַראָפּלייענען — איך ווער נישט נתפּעל פון קיין זאַך, און איך רעספּעקטיר קיינעם נישט...' — ער האָט אויך געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך אָנטאָן אַלע פאַרגעניגנס אין לעבן... און נישט וואַרטן אויף שפּעטער, און דעריבער האָט אים אַזוי אימפּאָנירט דער גערעדטער שידוך. ס'האָט אים געלאָקט דעם מיידלס שטאַנד, די פאַרמעגלעכע עלטערן, דער צוגעזאָגטער נדן... געטראַכט האָט ער, — אַז היינט־מאָרגן וועט ער אין גאַנצן פאַרשפּאָרן אַרבעטן... ער וועט קענען לעבן פון רענט...

דעם חתנס עלטערן, וואָס זיינען געווען אָרעמע מענטשן, האָבן שטענדיק געקוקט מיט קנאה אויף די וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, וואָס ס'האָט אָפּגעגליקט אין אַמעריקע... — האָבן איצט, ווען מ'האָט גערעדט דעם עלטערן זון אַ שידוך מיט אַ רייך מיידל, זיך געפילט האָפערדיק, זיך געהאַלטן פאַר גאַנצע מיוחסים, תּקיפים... און ווי עלטערן פון חתנס צד, געשטעלט האַרבע פאָדערונגען, וואָס האָבן שטאַרק אויפגערעגט דער כּלהס עלטערן און צוליב דעם איז אַרויסגעקומען דער קריג, דער איבעררייד...

דעם חתנס מאַמע, אַ כוואַטסקע יידענע, מיט אַ הויכן צעוואַקסענעם געשטעל און אַ פּאָר בלינצלדיקע שאַרפע אויגן, מיט אַ טערפּקע גראָבלעכע שטימע, וואָס האָט איר צוגעגעבן מענערישע הוצפּה און מגושמדיקייט, האָט נישט געלאָזט קומען דעם מאַן צום וואָרט. וויסנדיק אַז ער איז אַ שטילמענטשל, וואָס האָט פיינט זיך צו קריגן, קען זיך נישט קעגנשטעלן און גיט באַלד נאָך, האָט זי געטראַכט, — אַז אויב ער וועט זיך אַריינמישן, וועט ער קאַליע מאַכן דעם עסק... און דעריבער האָט זי אים נישט געלאָזט ריידן. און ווען ס'האָט געהאַלטן ביים געשלאָסן ווערן דער שידוך, האָט זי פאַרנומען דעם אויבן־אָן, געשטעלט די פאָדערונגען — זי וויל מ'זאָל אים געבן אַלע מעבל, מאַכן אַ גרויסאַרטיקע חתונה, איינאָרדענען אַ געשעפט און — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ נישט־דרייסט קול — מ'זאָל אים אויך איבערשרייבן אַ הויז אויף זיין נאָמען —

דער כלה'ס פאָטער, א דיקלעכער, מיט א וואַכזאַם־אָנגעשטרענגטן אויפכאַפּנדיקן בליק, איז געזעסן ביים טיש און געקלאַפּט אומגעדולדיק מיט די פינגער, ווי ער זאָל וועלן מיטן פּויקן פון זיינע פינגער איבערן טיש, פאַרטויבן אירע ווערטער, וואָס רעגן אים אויף, בושעווען אין אים, ווי א ווירבלדיקער שטורעם.

זיינע אַראָפּגעזעצטע אַקסלען, ווי צוויי שטומע עדות, וואָס האָבן אים שטענדיק באַגלייט ביים שלעפּן די פּעק אויף די וועגן, דורך די „טשאָקרעס", ווען ער פלעגט זיך בויגן אין דרייען, האָבן גערעדט צו אים, אים דערמאָנט, — ווי ער האָט זיך געפּלאָגט די ערשטע יאָרן פון זיין קומען דאָ אין לאַנד... קיין זאַך איז פאַר אים נישט צו שווער געווען, שטענדיק איינגעשפּאַנט אין יאָך פון דער אַרבעט, געלעבט אויס־גערעכנט, געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל, ביז ער איז געקומען צו זיין איצטיקן שטאַנד... א דאַנק זיין פליים, מי און שפּאָרזאַמקייט. און דאָ קומען זיי מיט אַזעלכע חוצפּהדיקע פאָדערונגען. כאַטש נעם און שענק זיי אַלץ אַוועק. בלאָזן פון זיך, האַלטן זיך גרויס און ווילן מ'זאָל זיי אָפּגילטן. פאַרלאַנגען אַלץ מיטן גאַנצן לוקסוס און פּאָמפּע, ווי זיי וואָלטן אים נישט פאַרגונען דאָס אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגן זיינס, און זוכן איצט א געלעגנהייט ביי אים אַרויסצורייסן...

ער האָט פּרובירט זאָגן מיט א ווייך קול, היימיש און פאָטערלעך:

— מיר וועלן אוודאי מיטהעלפן איינאָרדענען זיי ווי אַמבעסטן. ס'איז אונדזער איינציקע טאָכטער. און וואָס טוען נישט עלטערן פאַר קינדער?

— מ'גיט אַוועק דעם גאַנצן לעבן פאַר זיי... מ'איז זיך מקריב פאַר זיי... אָבער דאָס וואָס זיי פאָדערן, איז אַן אומגלעכע זאַך. ער איז נישט ביכולת, אפילו ביי זיין בעסטן ווילן. ווייל דאָס וואָס זיי פאַרלאַנגען, וועט אים אין גאַנצן רואינירן... ער וועט בלייבן, ווי אויף דער גאַס...

דאָ האָט דעם התנס מאַמע זיך א שטעל געטאָן. אירע אויגן האָבן זיך צעבלינצלט מיט אַן אויסלאָכערישן גלאַנץ:

— רואינירן? האָט זי איבערגעחזרט מיט חוזק, מיט שפּאָס. — זיי דאַרפן נישט מאַכן קיין אָנשטעלן, זיך מאַכן קליין, אַז דאָס וועט זיי רואינירן. נישקשה — זייער שטאַנד אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. און אפילו אַז מ'שטרענגט זיך אָביסל אָן, איז אויך נישט קיין אומגליק — האָט זי צוגעגעבן. אַמאָל, אין דער אַלטער היים, אַז מ'האָט חתונה געמאַכט א טאָכטער, פלעגט מען זיך פאַרענגן און פאַרשולדיקן...

דער כלהס מוטער, וואָס איז אַרומגעלאָפן פאַרשמאַיעט די גאַנצע צייט, צוגעטראָגן כיבוד די געסט, געמאַכט פאַר זיי א גרויסאַרטיקע אויפ־נאַמע, געוואָלט מיט דעם נושא חן זיין, האָט מיט אַמאָל זיך אַוועקגע־זעצט, זיך איינגעהערט אויפמערקזאַם צו דעם געשפּרעך, וואָס קומט פאָר,

צו די אמפעריייען און זי האט געטראכט — א שאד איר מי, דאס ארומלויפן ארום זיי.

זי האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, זיך איינגעהערט און ס'האט איר געהויבן פון ארט. ס'האט זיך איר שטארק געוואלט אויסזידלען אט די כוואטסקע יידענע, וואס איר מויל גייט ווי אויף שרויפן, וואס לאזט קיינעם נישט ריידן, שרייט אויפן הויכן קול, ווי זי זאל וועלן אנשרעקן... בשעתן ריידן ווערן איר די אדערן פון האלדז אנגעשוואלן, ציטערן און צאפלען זיך מיט יעדן קלאנג, וואס זי ברענגט ארויס. די אנגעלאפענע אדערן זעען דאן אויס, ווי דינע שלענגלעך, וואס קארטשען זיך, צאפלען און גרייטן זיך צו ווארפן מיטן גאנצן גיפט זייערן...

דער כלה'ס מוטער האט זיך פרובירט אריינמישן אין געשפרעך. זיך באמיט צו ריידן רואיק, פארשטעלן דעם כעס, וואס האט געברויזט אין איר:

— זיי וועלן אודאי זען ווי וווייט־מעגלעך אים צו העלפן איינארדענען. אויך געבן די מעבל און מאכן די חתונה, ווי ס'פירט זיך ביי לייטן. זי פארשטייט אבער נישט, ווי אזוי זיי פאדערן אזא אומעגלעכע זאך. אז זי האט חתונה געהאט — האט זי צוגעגעבן — האבן זיי געוווינט אין איין צימער און זי האט געדאנקט גאט, אז ס'איז געווען פרנסה... אז זי האט געקענט אויסקומען מיט דער הוצאה...

דעם חתנס מאמע האט א לאך געטאן מיטן פולן מויל. מיטן לאך האט זי געוואלט פארווישן דעם איינדרוק פון די אקארשט ארויסגעזאגטע רייד און צוגעגעבן דערביי:

— אמאל זיינען געווען אנדערע צייטן און היינט איז אנדערש. אמאל האט מען זיך באנוגנט מיט שהי־פהי און היינט, אז א יונגע פאר גייט חתונה האבן, ווילן זיי אלע באקוועמלעכקייטן, קאנפארט און לוקסוס. היינטיקע יוגנט איז נישט פארנארט, זיי ווייסן ווי צו לעבן, צו געניסן. נישט אזוי ווי מיר זיינען געווען...

— אבער אויף וועמענס חשבון ווילט איר דאס אלץ? — האט דער כלה'ס פאטער ארויסגעשריגן מיט א ווייטיקלעכן אפקלאנג אין זיין קול — איר ווילט זיי געבן אלע באקוועמלעכקייטן, קאנפארט, לוקסוס, אן אייגן הויז, — אבער וועמענס פלייצעס זאלן דאס אלץ אויסטראגן? ס'קומט אויס — מיר האבן געהארעוועט, געפינצטערט, קוים אפגעשפארט עפעס אייגנס, און איצט קומט איר צום גרייטן. איר פאדערט פאר אייער זון אלץ וואס מיר האבן אפגעשפארט פאר דער גאנצער צייט. מיר זאלן עס אוועקגעבן... ביי וואס וועלן מיר בלייבן? זיי זיינען דאך יונגע מענטשן. זיי דארפן זיך אליין דורכשלאגן א וועג אין לעבן... זאלן זיי וויסן דעם טעם פון אן אייגענעם פארהארעוועטן סענט און נישט מיינען, אז אלץ פאלט אראפ פון הימל, קומט אן אזוי גרינג...

— אפשר זאָלן מיר נישט מאַכן אַזאַ גרויס־אַרטיקע חתונה? — האָט דער כלהס מוטער פּרובירט זאָגן מיט אַ שעמעוודיק קול, ווי זי זאָל וועלן מאַכן אַ פּשרה, צוגעבנדיק — צו וואָס דאַרף מען דעם גאַנצן טאַראַראַם? מאַכן אַזאַ אויפגעלאַף. זאָל מען מאַכן אַ קלענערע חתונה און רופן ווייניקער מענטשן. ווי זאָגט אַ ווערטל? — קלענער דער עולם — גרעסער די שמחה. און דאָס געלט וואָס דאַרף אָפּקאָסטן אַ גרויסאַר־טיקע חתונה, זאָל בעסער זיין פאַר די קינדער. זי האָט בשעת־מעשה אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער און אויף דעם חתן, וואָס זיינען גע־זעסן איינע נעבן די אַנדערע, פאַרטיפט אין אַ שמועס, ווי זיי וואָלט נישט אָנגעגאַנגען דאָס דינגעניש, וואָס קומט פאַר צווישן די עלטערן...

דאָ האָט דעם חתנס מאַמע זיך אַ שטעל אויף געטאָן אין דער גאַנצער הויך אירער, און אויף איר פאַרויטיקט פּנים האָבן אַרויסגעשלאָגן טונקעלע פאַנאַנדערגעוואָרפענע פלעקן. אירע ליפּן האָבן דערביי גע־ציטערט פון אויפרעגונג און פאַרדרוס:

— דאָס פּאַר קיין פאַל נישט! וואָס הייסט מאַכן אַ שטילע חתונה? זיך אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען, קיינער זאָל נישט וויסן. זי וועט זיך דאַרפן צעקריגן מיט דער גאַנצער וועלט, מיט אַלע אירע פריינט און באַ־קאַנטע. זי וועט נישט קענען ווייזן די אויגן פאַר קיינעם... אַלע וועלן איר בלייבן דם־שונאים, פאַרוואָס מ'האָט זיי נישט איינגעלאַדן צו זייער זונס חתונה.

דער כלהס פאָטער האָט נאַכלעסיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. מיט דעם זשעסט האָט ער געוואָלט ווייזן, אַז ער האַלט פאַר נאַריש און מינדערוויכטיק זיין פרוים רייד, וואָס וויל מאַכן עקאָנאָמיע, מאַכן אַ קלענערע חתונה און אַז עס איז דאָ אַ וויכטיקערער פּונקט ביי וועלכן מ'קען נישט דורכקומען, און אַז וועגן דער חתונה וואָלט ער זיי שוין נאָכגעגעבן.

ווען ס'איז אָבער געקומען צו רייד וועגן דער דאַטע פון דער חתו־נה, האָט דעם חתנס מאַמע זיך ווידער פאַרעקשנט, אַז כל־זמן זיי זאָגן נישט צו, איבערשרייבן אַ שטוב אויף זיין נאָמען, קען מען נישט באַ־שטימען די חתונה. בלייבט אַלץ הענגען אין דער לופטן...

דעם חתנס פאָטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן, האָט פּרובירט עפּעס זאָגן, נאָר אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיטן ווייבס בליקן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט רוגזה, איז ער געבליבן מיט די נישט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער. ער האָט נאָר געהערט ווי זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אָנגעשריי געטאָן:

— דו, שווייג. מיש זיך נישט! לאָז דאָס פאַר מיר.

— וואָס הייסט איר פאָדערט איך זאָל איבערשרייבן אַ הויז אויף זיין נאָמען? — האָט דער כלהס פאָטער זיך אָנגערופן. מיט וואָס פאַר אַ

רעכט? איך לעב דאָך נאָך! — דאָ האָט ער געפּילט, ווי דער כעס, וואָס האָט די גאַנצע צייט געבושעוועט אין אים, רייסט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט און אַז ער קען זיך נישט מער באַהערשן. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון פּלאַץ, אַ זעץ געטאָן מיטן פֿויסט אין טיש. ס׳האָט זיך דערהערט אַ בראַזגעריי פֿון צעבראָכענע געשיר און ס׳האָט אַרויסגעשריגן זיין קול:

— און איבער הונדערט יאָר, ווען איך וועל שטאַרבן... — צו וועמען וועט עס אַלץ געהערן אויב נישט צו זיי? ס׳איז דאָך אונדזער איינאונאיינציקע טאָכטער. פֿאַרוואָס ווילט איר מיך אַזוי צודריקן צו דער וואַנט?

דעם חתנס מוטער האָט זיך פֿאַרלאָרן אַ מאָמענט. געבליבן אָן לשון. אַלע פֿאַרבן פֿון איר פּנים זיינען אָפּגעלאָפֿן. אַ פֿאַרמעטענע געלקייט איז אַרויף אויף איר געזיכט. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון פּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט און זיך ווידער אויפֿגעשטעלט. מיט דעם האָט זי געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וועט נישט נאָכגעבן... אַז זי איז גרייט אַוועקצוגיין... און אין זיך האָט זי געטראַכט — מ׳דאַרף זיך האַלטן פֿעסט! נישקשה, זיי וועלן ווערן ווייכער... ס׳איז זייער איינציקע טאָכטער... זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק אויף — ניין. אַז זי וועט נישט נאָכגעבן... און דער שאַרפֿער בלינצל פֿון אירע אויגן האָט עקשנותדיק געפֿאָכעט ווי מיט בלאָנקענדיקע מעסערס אין דער לופֿטן.

מאָוריסיאָ גאָלדין האָט געשפּירט, אַז ער גייט אַרויס פֿון געדולד. דער איינגעהאַמעוועטער כעס, וואָס ער דריקט אין זיך, יערט אין אים, ווי אַן אויפֿגייענדיק טייג. אַ ווידער־געפֿיל האָט זיך ביי אים דערוועקט צו די וואָס ווילן ווערן זיינע מחותנים, און שטעלן אים אַזוי בחרפּה, דערנידעריקן אים... נישט ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט פֿון דעם גליק און צוקונפֿט פֿון זיין טאָכטער. נאָר רייידן אויף אַזאַ מין אופֿן, ווי ס׳וואָלט פֿאָרגעקומען אַ טראַנזאַקציע פֿון געניטע סוחרים, וואָס ווילן מיט פֿאַרשיידענע הינטערוועגלעך אַרויספּרעסן וואָס מער אַ העכערן פּרייז פֿאַר זייער פֿאַרגעשלאָגענער סחורה...

מאָוריסיאָ גאָלדין האָט געשפּירט ווי דאָס גאַנצע בלוט קומט אים אין פּנים אַריין, שפּאַרט מיט אַן אימפּעטיקער קראַפֿט ביז צו די ווענטלעך פֿון זיין מוח, פֿאַרפּלייצט און פֿאַרטונקלט זיין רעיון, און אַז די ווערטער גייען אַרויס פֿון אים אָן אַ קאָנטראָל און אָן אַ זין, האָבן נאָר דעם איינאונאיינציקן ציל זיך אָפּצורעכענען פֿאַר די באַליידיקונגען וואָס זיי פֿאַרשאַפֿן אים:

— אַזוי? אויב איך שרייב נישט איבער די שטוב, ווילט איר זיך מיט מיר נישט מתחתן זיין, האַ? ווערט אויס שידוך? אַזוי סטראַשעט איר מיך... איר זייט געמיינע נפשות! געמיין און פֿאַרדאָרבן!... היצלעס

זײַט איר! — נישט קיין מענטשן. אויסוואָרפן, נישט־פאַרגינערס, אונ־טערוועלטניקעס, — איר ווילט אויספרעסן פון מיר מיט געוואַלד, מיט סטראַשונקעס, איר האַלט זיך פאַר גאַנצע מיוחסים מיט אייער בנאָק. אַ גאַנצע מציאה. מ׳קען מיינען וואָס פאַראַ תכשיט דאָס איז, סך־הכל איז ער אַ האַלבער גוי, קען אפילו קיין יידישן וואָרט נישט גוט אַרויסריידן, און ווייסט פון יידישקייט פונקט ווי אַ האָן אין בני־אדם... און איר ווילט דווקא איך זאָל אים אָפּשיטן, ווי אַ חזיר מיט קאָרן... ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר, אויפגעעפנט אין דער גאַנצער ברייט און אויסגעשריען אויפן קול:

— אייער פוס וויל איך מער נישט זען ביי מיר. די מינוט זאָלט איר פאַרלאָזן מיין שטוב.

ביי דעם חתנס מוטער איז אָפּגערונען די גאַנצע פאַרב פון פנים. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן רופן דעם מאַן, וואָס איז געזעסן אַן איינגענייורעטער, אַ צעטומלטער. זי האָט געברומט מיט גע־בייזער, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. זי זעט איין, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן אומזיסט די צייט, אַז ביי די עלטערן איז דאָס געלט טייערער, ווי זייער טאָכטער... זי האָט אַ געשריי געטאָן צום זון, וואָס איז געבליבן זיצן אַ צעחושטער, אַ פאַרווירטער, נישט־ווייסנדיק ווי אַזוי ער דאַרף האַנדלען. ס׳איז אים געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן דאָס רייכע לוקסוסדיקע הויז, זיך שיידן מיטן מיידל, וואָס האָט צו אים אַזוי ליבלעך געשמייכלט.

און ווען זיי זיינען אַרויס און מאַוריסיאָ גאָלדין האָט פאַרמאַכט נאָך זיי די טיר, מיט אַ הילכיקן קלאַפּ, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווייכן געבעטן שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. געבליבן זיצן מיט אַן אַרונטערגעזונקענעם קאָפּ, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דר׳ערד...

ער האָט געפילט, ווי אַלץ ציטערט אין אים פון אויפרעגונג און פאַרדרוס. דאָס פנים פייערט אים פון חרפּה, ווי מ׳וואָלט אים אויסגע־פּאַטשט אין מיטן גאַס. עס דוכט זיך אים, אַז זיין גערוימע לוקסוסדיקע הויז מיט די רחבותדיקע צימערן, דערווייטערט זיך פון אים. ער פילט נאָר פון וויטן דאָס שאַרפע ליכט, וואָס טריפט אַראָפּ פון די לאָמפּן, שטעכן אים איצט ווי מיט אָנגעצילטע שפּיזן, ציען זיך צו אים מיט די שאַרפע שפּיצן. די קרישטאָלענע כלים, וואָס פינקלען שטענדיק אַרויס פון די גלעזערנע שאַפעס מיט איבערגעשוימטער פרייד, קוקן איצט אַרויס צו אים מיט אַ טרערנדיקן שימער, ווי זיי וואָלטן מיטגעפילט זיין טיפע באַליידיקונג... זיין פאַרדריסלעכן צער...

אַ לאַנגע צייט האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דר׳ערד, ווי ער זאָל זיך שעמען צו קוקן עמיצן אין פנים... די טומלדיקע רייד, די קולות האָבן אים נאָך אָפּגעקלונגען אין די אויערן. ער האָט מורא

געהאַט אויפצוהויבן דעם קאָפּ, ער זאָל נישט אָנטרעפן מיט די בליקן פון זיין פרוי און טאָכטער... וואָס זיינען געזעסן ביים טיש פאַרלוירענע און צעטומלטע. ער האָט געפילט, אַז ווען ער שעמט זיך נישט פאַר זיי, וואָלט ער אַרויסגעוויינט אויפן הויכן קול, פון בזיון, פון חרפּה און פאַרדרוס...

* *
*

אַ קורצע צייט נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג, האָבן די צדדים זיך איבערגעבעטן, מ׳האָט דערנאָך געפּראַוועט די חתונה מיט פּראַכט און גלאַנץ. און די מחותנים האָבן זיך האַרציק צעקושט, זיך אָפּגעגעבן איינע די אַנדערע מזל־טוב, — און זיך געווונטשן מיט טרערן אין די אויגן, צו דערלעבן נחת פון די קינדער — — —

מאטעא, ר׳ סעדיה אשמענערס אייניקל

ווען ר׳ סעדיה אשמענער, דער פרומער ייד, דער ירא שמים, וואלט דערלעבט זען זיין אייניקל מאטעלע, וואס האט אויסגעביטן זיין נאמען אויף „מאטעא״, גייט זיך פארבינדן מיט א פרוי נישט פון זיין שטאם, וואלט ער געריסן קריעה און פון שיברת־הלב געגאנגען פון דער וועלט... אבער פון ר׳ סעדיה אשמענער איז שוין לאנג קיין זכר נישטא, ווייל מ׳האט אים פארברענט לעבעדיקערהייט אין שול צוזאמען מיט אן עדה יידן, וואס די רוצחים האבן צוזאמענגעקליבן אין א הייליקן שבת, געשטאנען און געהיט מיט אנגעשטעלטע שפיציקע באגנעטן, אז קיינער זאל זיך נישט ארויסרייסן פון אינעווייניק, געקוקט מיט רוצחישער פרייד, ווי פייער־צונגען נעמען אלץ ארום און פארוואנדלען די גאנצע עדה יידן אין רויכערדיקע גלאווניעס, אין אש... די יידן זיינען געשטאנען אין שול, זיך געשאקלט, געזאגט הארצרייסנדיקע תפילות, איינגעוויקלטע אין זייערע טליתים האבן זיי אויסגעזען ווי הייליקע געשטאלטן, זיי האבן געצויגן לאנג דעם שמע־ישראל ביז זיי האבן אויסגעהויכט זייערע לויטערע נשמות.

געבליבן איז נאר ר׳ סעדיה אשמענערס א זון, וואס איז פארוואגלט געווארן אין א ווייטן לאנד. ער האט פארווארפן דעם טאטנס לעבנס־שטייגער, דעם טאטנס מנהגים, האט זיך ארייגעווארפן מיט לייב און לעבן צו פארזיכערן זיך א רואיקן מארגן... ר׳ סעדיה אשמענערס זון איז געווען טאג און נאכט פארנומען מיטן געשעפט, און האט פארנאכלעסיקט די דערציונג פון זיינע קינדער. דאס געשעפט האט אים אין גאנצן פארשלונגען, און אז ער האט זיך ארומגעזען, איז שוין געווען שפעט...

זיין עלטערער זון, מאטעא, איז געווען אין גאנצן ענלעך צום

זיידן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. פּונקט ווי דער זיידע, איז ער אויך געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ דינער שאַרפער שפּיציקער נאָז, וואָס האָט אויסגעדריקט עקשנות און נישט־בויגזאַמקייט, מיט אַ טיפן רונדן שטערן, וואָס האָט אים צוגעגעבן איידלקייט און אינטעליגענץ, און אַ פּאָר קלוגע פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט אַ פייכטן מילדן גלאַנץ.

דער זון האָט זיך דערנענטערט צום פּאָטער, געוואַרט אַ ווײַלע, ווי ער זאָל זיך ישובן, אָנגענומען מיט מוט, און געזאָגט:

— כ׳האָב היינט אַ סורפּריז פּאַר דיר, פּאַר אונדזער גאַנצער משפּחה, איך וויל אייך פאָרשטעלן אַ באַקאַנט מיידל. מיר גייען שוין אַרום אַ לאַנגע צייט. איך וויל איר זאָלט זיך באַקענען מיט איר, ווערן נאָענט, היימיש. זי איז נישט קיין ייִדישע, אָבער אירע קרובים זיינען פרייע מענטשן, מאַכן נישט קיין אונטערשייד צו קיינעם, האָבן נישט קיין רעליגיעזע פאָרורטיילן... — האָט ער צוגעגעבן צו באַרעכטיקן זיין שריט.

דער פּאָטער איז געבליבן שווייגנדיק, פאַרטראַכט, ווי ער זאָל וועלן באַנעמען דאָס וואָס דער זון האָט אים איצט אַרויסגעבערענגט. רעפלעקסן און געדאַנקען האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע און זיך געוויקלט אַרום זיין מוח און ווי געפּענטעט זיין רעיון. זיין געדאַנק איז געוואָרן פאַרטושט און פאַרנעפּלט. נאָכן שווייגן אַ ווײַלע, ווי ער זאָל וועלן קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען, איז ער געוואָרן רויט, אָנגעצונדן פּאַר כעס. זיינע לויזע פויסטן וואָס זיינען אים נאָכגעהאָנגען ביים טראַכטן, ווי נאָכהענגענדיקע בלעטער פון אַ בוים האָבן זיך פאַרשטייפט, זיך געשטרעקט מיט רוגזה צום זון:

— איר זוואַניע וויל איך נישט האָבן ביי מיר אין שטוב, פאַרשטייסט? איך וועל זי אויף דער שוועל נישט אַריבערלאָזן! מעגסט זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פאַרקרימטן שמייכל, וואָס איז אים געבליבן הענגען אויף איין זייט פּנים.

ער איז געבליבן שטיל אַ ווײַלע און זיך ווידער געווענדעט צום זון מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען פול מיט פאָרוואורף און באַדויערן.

— ס׳איז כדאי געווען אָוועקצוגעבן מיינע בעסטע יאָרן, די יונגע כוחות, אייך אַלעמען צו פאַרזאָרגן. איצט צאָלסטו מיר אָפּ פּאַר דעם אַלץ...

—מיט דיין הסכמה, אָדער אָן איר, האָב איך באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן, — האָט דער זון ווי געוואָרפן די ווערטער דעם טאַטן אין פּנים.

דער פּאָטער איז געבליבן זיצן פאַרשטמעליעט פון זונס רייד. די פאַרגאַנגענע יאָרן אין דעם לאַנד, האָבן גענומען אָפּלויפן און ער האָט זיך געזען אַליין און פאַרלאָזן... ווי דורך אַ נעפּל האָט זיך גענומען אַרויס־

שיילן דאָס געשטאַלט פֿון זיין טאַטן, דעם פֿרומען ייד, ווי ער שטייט איינגעוויקלט אין טלית. זיין געזיכט איז אין גאַנצן פֿאַרדעקט, פֿלאַמען פֿייער כאַפּן אים אַרום, זוכן זיין גוף און ווילן אים פֿאַרצערן. ער זעט זיינע אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע הענט, וועלכע שטרעקן זיך אין דער הויך, פֿליסטערן אַ געבעט און זיין ציטערדיקע שטימע, וואָס צעגייט זיך אַלץ העכער מיט דביקות און התלהבות — שמע ישראל! — — —

מיטאַמאָל הויבט אים אָן מאַטערן אַ געדאַנק, פּייניקט אים, לאָזט אים נישט אָפּ. — דאָס איז ער אַליין דער גאַנצער שולדיקער... דאָס האָט ער פֿאַרנאַכלעסיקט זיינע אייגענע קינדער. נישט געגעבן זיי קיין יידישע דערציִונג, נישט איינגעפֿלאַנצט אין זיי דעם יידישן גייסט, פֿאַר־וואָרפֿן, אויסגעלײדיקט זיין הויז פֿון יידישן לעבנס־שטייגער... געוואָלט זיין פֿריי... און וואָס מישטיינס געזאָגט, טראַכט ער ווייטער — געדינט צום עגל־הזהב. אָוועקגעגעבן דאָס ביסל יאָרן אויף גאָלע גאַרנישט... איצט וויל דער זון אַנטלויפֿן פֿון אים, ווי ער זאָל מיט דעם באַשטעטיקן, אַז זיין פֿאָטער איז באַגאַנגען אַ טעות... צוליב זיין שולד אַנטלויפֿט ער פֿון אים.

ער האָט זיך באַגעגנט מיטן זונס בליקן, וואָס האָבן אויסגעדריקט פֿרעמדקייט, עקשנות און דערווייטערונג. געקוקט אויף אים און אים נישט דערקענט. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ ווילד־פֿרעמדער, דערצויגן אין אַן אַנדער סביבה, מיט אַנדערע באַגריפֿן, און אַט דער פֿרעמדער רייסט זיך אַריין צו אים אין שטוב און וויל אָפּווישן אַלץ וואָס פֿאַרבינדט אים מיטן עבר... איבערייסן די פֿעדים, וואָס ציען זיך פֿון דור־דורות...

דער זון האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטער זיך, נישט געקענט פֿאַר־ליידן, ווי דער טאַטע זיינער דראָעט אים מיט צונויפֿגעביילטע פֿויסטן, רעדט צו אים מיט אַזאַ כעס, ווי ער זאָל וועלן באַגיין אַ פֿאַרברעכן. ער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס. נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דער טאַטע זיי־נער איז אַזוי אַרויס פֿון די כּלים, ווען ער האָט אים דערציילט, אַז ער גייט זיך פֿאַרבינדן מיט אַ קריסטלעך מיידל. ער ווייסט נאָר, אַז זיי זיינען פֿאַרליבט איינע אין די אַנדערע, און אַז זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך צו לעבן ווי פֿרייע מענטשן, אָן פֿאַרורטיילן און אָן זאַבאַ־באָנעס.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאָטער מיט אַן אומניחאדיקן בליק, און איז אַרויס מיט שנעלע טריט פֿון צימער.

* *
*

פון מיידלס צד איז מען אויך נישט געווען שטאַרק צופרידן, וואָס די איינציקע טאָכטער, די צירונג פון שטוב, האָט זיך פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַ כודיאַ, און וויל נישט אַנדערש, ווי נאָר מיט אים חתונה האָבן. מ'האָט איר פּרובירט אָפּריידן, נאָר זעענדיק, אַז דאָס מיידל וויל נישט הערן און געדענקען, איז פאַרליבט איבער די אויערן, האָבן זיי געצויגן מיט די אַקסלען און צוגעגעבן, אַז די קינדער האָבן זיך ליב — איז פאַרפאַלן. וואָס קען מען טאָן? עס זיינען אַנדערע צייטן!

מאַטעאָ, ר' סעדיה אָשמענערס אייניקל, האָט אויסגעפירט זיינס. זיך פאַרשריבן, אַרויסגענומען אַ חתונה־ביכל און זיך געקליבן אַרויס־צופאָרן צום ים, געניסן פריי און אומגעשטערט פון קיינעם.

אויף דער פּרייער, אָפענער פּלאַזשע האָבן זיי ערשט דערשפּירט, אַז זיי זיינען אַליין. בײדע הויכע, געשטרעקטע, האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי יונגע הירשן, וואָס דערשפּירן, אַז די געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף זיי, איז פאַרשוווּנדן, און צעשטיפן זיך ווילד און הפקרדיק אין פרייען וואַלד.

דער רוישנדיקער ים, וואָס האָט אַרויסגעזונגען זיין שטענדיקן ריט־מישן מאָנאָטאָנעם געזאַנג, האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ. די הייסע זון־שטראַלן האָבן זיי געברוינט, געצערטלט זייערע אַנטבלויזטע לייבער. קילע ים־ווינטעלעך זיינען אָנגעלאָפן, געשאַרט זיך מיט קוים־באַמערקבאַרע טריט איבערן זאַמד, זיי געגלעט און געלאַשטשעט און איינגערוימט זיי שטילע, פאַרבאָרגענע סודות...

זיי זיינען געזעסן שעהן־לאַנג ביים ים, זיך איינגעהערט צו זיין שטענדיקן רויש, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַן אוראַלטער געזאַנג, וואָס איז מיט געוואַלד פאַרשטומט געוואָרן אין זיינע טיפענישן, און האָט איצט נאָר אַרויסגעגעבן אַ ווייטן אָפּקלאַנג.

זיי האָבן זיך צוגעקוקט צום האָריזאָנט אין שקיעה־צייט, ווו טונ־קעלע איינזאַמע וואָלקנס האָבן זיך געצויגן צום שיין פון דער פאַרגייענ־דיקער זון, די וואָלקנס האָבן אויסגעזען ווי רויכערדיקע גלאָוניעס פון פאַרלאָשענע פייערן באַזוימט מיט שיכטן גרויען אַש.

די גרויע בערג וואָס זיינען געלעגן ביי דער זייט און זיינען שטענ־דיק געווען איינגעהילט אין אַ בלוילעכן נעפּל, האָבן אין די טונקעלע פאַרנאַכטן באַקומען אַ רויטן פּורפּורנעם אָפּגלאַנץ פון דער פאַרגייענ־דיקער זון, האָבן אויסגעזען קלענער און נעבעכדיקער אַנטקעגן דער פינצטערניש, וואָס האָט געשפּאַנט מיט שטילע שאָרכנדיקע אומבאַמערק־באַרע טריט פון אַלע זייטן. ס'האָט אויסגעזען ווי די בערג טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, ווי אַ סטאַדע שאָף ווען זיי דערפילן אַ נאָענטע געפאַר און שרעקן זיך פאַר דער מאָוימדיקער טונקלקייט, וואָס דערנענ־טערט זיך אַלץ מער צו זיי, לויערט אויף זיי פון אַלע זייטן.

דאָס יונגע פּאָרל איז געווען פאַרשיכורט פון גליק, האָט זיך נישט געקענט זעטיקן מיט די אויפגעוואַכטע באַגערן, וואָס האָבן געברויזט אין זיי, ווי דער ים, ווי די שטורעמדיקע כוואַליעס, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד זיך געריסן צו די ברעגן. די צעצונדענע פלעמלעך אין זייערע אויגן האָבן געפינקלט, אויפגעפלאַקערט און זיך נישט געקענט לעשן...

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון זייער אָפּפאָרן.

ביידע זיינען געשטאַנען אין באַן מיט לויטערע, באַרואיקטע בליקן, וואָס האָבן געקוקט אויף אַלץ מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך טיילן מיט אַלעמען זייער גליק און פרייד... די פינקלדיקע פייערלעך פון זייערע אויגן זיינען געווען האַלב־געשטילט, האָבן זיך געטוקט אין אויפהער, ווי פלעמלעך, וואָס האַלטן ביים פאַר־גיין... אַ געזעטיקטע רואיקייט האָט זיך געטראָגן פון זיי ביידע. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק און גענומען באַטראַכטן זייערע מיט־פאָרער.

אַ בלינדער בעטלער איז געזעסן אַנטקעגן זיי, מיט צוויי ווייסע בעלמעס אויף זיינע אויגן וואָס האָבן געקוקט גלייך אויף איין פונקט, האָט געהאַלטן אַ גיטאַרע אין האַנט און געגרימפּלט, צוזינגענדיק פאַר־בענקטע מעלאַנכאָלישע געזאַנגען, און ביים ענדיקן, האָט ער, קוקנדיק פאַר זיך מיט זיין אומהיימלעכן בליק, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אין דער טונקעלער ווייטקייט, אויסגעשטרעקט זיין קליין בלעכן טעלערל אויפצונעמען די צוגעוואָרפענע מטבעות.

פּויערים, מיט פאַרברוינטע, געראונצלטע פּנימער, צעשמיסן פון רעגן, זון און ווינט, זיינען אריין, מיטגעבראַכט און פאַרשפּרייט פאַרשיי־דענע ריחות, פון פרישע צייטיקע תבואות, צונויפגעמישט מיט איבלדיקע שווערע דומפּיקע ריחות, פון אַרומגיין שטענדיק אַרום די שטוב־חיות, אַרום די בהמות און פערד.

אויסגעמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, האָבן זיי אויסגעזען ווי איינגעדאַרטע צווייגן פון אַן אויסגעטריקנטן בוים, וואָס האָבן נישט פון וואַנעט צו ציען קיין יניקה. זיי האָבן זיך באַגריסט הויך אויפן קול, און ווי שטענדיקע איינוווינער פון דאָרף, פעלד, וואָס זיינען זשעדנע נאָך אַ מענטשלעך קול, האָבן זיי געזוכט צו פאַרבינדן מיט עמיצן געשפּרעכן.

אַ יונגע פרוי מיט אַ געשפּרענקלט קלייענדיקן פּנים, טראָגנדיק אַ קינד אויף די הענט, איז אריין, זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן פּאָרל. דאָס קינד — אַ ווייס, אַ פולס, אַ ליכטיקס, מיט קלאָרע טאַנצנדיקע אייג־געלעך, האָט געשמייכלט, געווען צופרידן, געמאַכט מיט די הענטלעך, זיך געצווינגן צום פּאָרל. דאָ צו אים, דאָ צו איר. זיך פאַרכליניעט פון שטיפערישער פרייד און קינדישער זאָרגלאָזיקייט, געלאַכט אויפן קול,

זיך פאַרכלישניעט פון דער אויפמערקזאַמקייט וואָס מען ווייזט עס אַרויס און פון די לאַכנדיקע שמייכלענדיקע פּנימער, וואָס עס זעט פאַר זיך.

דאָס פּאָרל האָט נישט אָראָפּגענומען די אויגן פון קינד. ביידע האָבן זיך פאָרגעשטעלט אין געדאַנק, ווען עס וועט ביי זיי געבוירן ווערן אַזאַ קליינס. אַ לאַכעדיק, שטיפעריש ווען, וואָס וועט אויפגיין פון זיי ביידן און וועט אָנפילן די שטוב מיט פרייד. איר געזיכט איז געוואָרן ערנסט און פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו זאָגן הויך אויפן קול, וואָס זי האָט געקלערט אין זיך. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און געזאָגט שטיל, קוים וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער:

— אַז ביי אונדז וועט געבוירן ווערן אַ קינד, וועסטו נישט זיין דאַקעגן, אַז איך וועל עס נעמען צום הייליקן, צום בענטשן? אויב נישט וועל איך שטאַרק ליידן פון דעם...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין פרוי, וועלכע איז געזעסן, אַזוי נאָענט נעבן אים, אַז ער האָט געשפּירט איר וואַרעמקייט, איר הייסן אָטעם און זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און זיך אָנגעשטויסן... ער האָט מיט אַמאָל דערזען אַ פרעמדן בליאַסק האָט אויפגעטויכט פון אירע טיפע אויגן און אים געשראָקן... ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין פרוי, וואָס זיצט נעבן אים, דערווייטערט זיך מיט אומגעהויערע גרויסע שפּרייזן און אַ מחיצה ווערט צווישן זיי ביידע... די אומגעריכטע פראַגע האָט אים צעחושט. ער האָט זיך נישט געקענט גלויבן, אַז דאָס האָט אים זיין אייגענע פרוי געשטעלט אין אַזאַ קלעם. נאָר אַ ווילד־פרעמדע, אַ ווייטע, פון אַן אַנדער סביבה מיט אַנדערע באַגריפן, וואָס האָט אים צעטומלט, געמאַכט אים טראַכטן און נאָכדענקען.

דעם טאַטנס דראָענדיקע ווערטער האָבן אים איצט אָפּגעקלונגען קלאָר און שאַרף. זיין פאָטער פלעגט אים אויך שטענדיק דערציילן וועגן דער ערלעכקייט פון זיין זיידן, און אַז ווען ער לעבט און קוקט זיך צו ווי אַזוי עס פירן זיך זיינע אייניקלעך, וואָלט ער עס נישט איבערגעטראָגן, ער וואָלט פון עגמת־נפש געגאַנגען פון דער וועלט... איצט האָט פאַר אים אַליין אויפגעטויכט זיין זיידנס געשטאַלט, וועלכע ער האָט נאָר געקענט פון די בילדער, אַ ברייט גוטמוטיק פּנים, מיט מילדע לאַכנדיקע אויגן, וואָס קוקן אויף דיר מיט אַן אַ שיעור גוטסקייט, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס גיט אים צו אַ פּאַטריאַרכאַלן אויסזען. איצט האָט דאָס אויפגעטויכטע געשטאַלט פון זיין זיידן, געקוקט צו אים ערנסט, פאַרזאָרגט, מיט אַ טיפן טרויער, ווי ער זאָל עפּעס מאָנען ביי אים, מאַכן אַ פאָרוואורף פאַר זיין ווידערשפּעניקן דעם טאַטן... פאַרן דערווייטערן זיך פון זיין שטאַם...

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין פרעמדן בליק, פאַר זיין פאַרטראַכט־

קייט. זיין שווייגן האָט זי באַאומרואיקט, זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס זי איז אַרויס מיט אַזאַ אומגעלומפּערטקייט, ווי דאָס פרעגן אים וואָלט נישט געווען באַוווּסטזיניק, מיטן קלאָרן פאַרשטאַנד, נאָר ווי געשטויסן אימפּולסיוו פון די פאַרבאָרגענע טיפענישן פון איר אונטער־באַוווּסטזיין... זי האָט געוואָלט כאַפּן צוריק און נישט געקענט. די אַרויסגעזאָגטע ווערטער, ווי לעבעדיקע קעגנשטאַנדן, האָבן געשוועבט אין חלל, וויבּרירט אין דער לופט, געפלאַטערט ווי בלינדע נאַכט־פויגל, וואָס מאַכן אַז אַן אומהיימלעכן גערויש, די ווערטער האָבן געקרייזט אַרום זיי און אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע, געשאַפן אַ מחיצה...

זי האָט געוואָלט פאַרגלעטן דעם שווערן רושם פון אירע רייד און צוגלייך האָט זי באַהערשט אַ טראַציקייט און עקשנות. זי האָט גע־וואָלט זיך אַליין באַרעכטיקן. האָט זיך באמת צו ריידן צו אים מיט אַ צערטלעך קול:

— זיי נישט בייז, מאַטעאַ, כ'בין גאַרנישט אויסן געווען; כ'האָב דיר געשטעלט די פראַגע, ווייל מיין באַבע פלעגט שטענדיק איבערחזרן, אַז דער וואָס איז נישט געטויפט, גייט מיט אים מיט דער טייוול... זי האָט פּרובירט לאַכן, זיך אָפּגעהאַקט אין מיטן. זיך דערשראָקן פאַר זיין פאַרענדערטן אויסזען.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי אַ שניידנדיקער וויטיק וואָלט אים איינגעקלאַמערט און אים געצויגן צו דער ערד. ער האָט זיך פאַר־שטעלט מיט ביידע הענט די אויערן, ווי ער זאָל וועלן אָפּשטויסן פון זיך אירע רייד... ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, אָנגעהויבן שפּרייזן הין און צוריק, מיט גיכע נערוועזע טריט און זיך צעשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— דאַרפסט אַנטלויפן פון מיר! טאָרסט נישט זיצן אין מיינע דלת אמות, איך בין אויך נישט קיין געטויפטער, איך בין אַ ייד.. ר' סעדיה אשמענערם אַן אייניקל! מיין זיידן האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט צוליב זיין יידישן גלויבן... טאָרסט נישט בלייבן מיט מיר, דער טייוול קען דיך נאָך חלילה אָנכאַפּן פאַרן האַלדז... ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן סאַרקאַסטישן געלעכטער, וואָס האָט געוואָרפן אויף איר אַ פּחד, אַן אימה.

ער איז צוגעגאַנגען מיט אונטערגעבראָכענע טריט צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די באַן איז געלאָפן מיט אַ ווילדער שנעלקייט, אַרויסגעגעבן אַלע ווײלע אַ שניידנדיקן ווייליונגערישן פייף, וואָס זי קען פריי און אומגעשטערט שניידן וועגן, שאָסייען און פעלדער. די קעגנשטאַנדן פון אַנטקעגן האָבן זיך פאַרביי־געטראָגן פאַר זיינע אויגן מיט אַ שווינדלענדיקער שנעלקייט, ווי די אַלע זאַכן וואָלטן זיך געשראָקן פאַר זיין קוק, פאַר זיין אויסזען... די אַנטלויפנדיקע ביימער,

די סלופּעס מיט די אַראָפּהענגענדיקע לאַמטערנעס האָבן אים איצט אויס־געזען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס מיידן אים אויס, זוכן צו אַנט־לויפן פון אים, זיך דערווייטערן...

ער האָט אָפּגעזיפצט. אויסגעמיטן צו קוקן ווו זיין פרוי איז געזעסן, ווי ער זאָל זיך נישט וועלן באַגעגענען מיט אירע בליקן, און אַ נאָגנדי־קער געדאַנק האָט אים געמאַטערט, וואָס צוליב דעם פּיינלעכן איבעררייד, קענען זיי נישט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין... און די פרוי זיינע, וואָס איז אים געווען נאָענט און אינטים, איז מיט אַמאָל דערווייטערט געוואָרן פון אים, זעט אים איצט אויס ווי אַ ווילד־פרעמדע, וואָס ער האָט זי קיינמאָל נישט געקענט און נישט געהאַט מיט איר קיין מגע־ומשא, און ווי אַזוי וועלן זיי איצט קענען פירן זייער ווייטערדיק געמיינזאַם לעבן אונטער איין דאַך?

פּיווקע לאַטוטניק

אין דער אַלטער היים האָט „פּיווקע לאַטוטניק”, ווי מ׳האָט אים גערופן, געהאַט אַ קליין וואַרשטאַטל צו פאַריכטן אַלטע שיך. ער פלעגט זיצן אויפן קליינעם בענקעלע איינגעבויגן און אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים קליינעם לעמפּעלע, וואָס פלעגט פאַרשפּרייטן אַזאַ געלע מרה־שחורהדיקע שיין מיט ציטערדיקע־שאָטנס, וואָס פלעגן שאַפן אַ דערדריקנדיקע אומהיימלעכקייט איבערן קליינעם פאַרשטיקטן צימערל...

דאָ אין דעם נייעם לאַנד איז פּיווקע אויפגעריכט געוואָרן. די ביליקע שיך, וואָס ער פלעגט אויסאַרבעטן, פלעגט מען רייסן פון די הענט. סוחרים האָבן אָפּגעהאַקט די שוועלן, האָבן פאַרלאַנגט די סחורות, און פון געוועזענעם „לאַטוטניק” איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ שיך־פאַבריקאַנט, מיט צענדליקער אויטאָמאַטישע מאַשינען, וואָס פלעגן אַרויסוואַרפן הונדערטער פאָר שיך איבערן טאָג, מיט אָפּטיילונגען איבער דער גאַנצער פּראָווינץ, צו פאַרשפּרייטן די סחורה איבער אַלע ווינקעלעך פון דער רעפּובליק.

היינט איז שוין נישט געווען קיין שפּור פון דעם אַמאָליקן דאַרן און אויסגעבליכטן שוסטערל, מיט די רויטע האַלב־פאַרקלעפּטע אויגן פון נישט דערשלאָפענע נעכט. פּונקט ווי דער נאָמען — פּיווקע — איז אים געוואָרן פרעמד און דערווידער, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט אים, מיט זיין איצטיקן שטאַנד און פּאָזיציע, אַזוי איז אויך געוואָרן זיין אויסזען... ער האָט זיך אויסגעפילט, געוואָרן רונד, זיינע בלייכע אויסגעצויגענע באַקן זיינען געוואָרן פול, באַקומען אַ ראָזלעכע פאַרב און פון זיין גאַנג און באַנעמונג האָט זיך געטראָגן אַ זיכערקייט און חשיבות...

פון דעם אַמאָליקן פּיווקע איז געוואָרן דאָן פּאַביאַנאָ, וועלכער האָט

געקראָגן אַ גוטן נאָמען אין דער סוחרישער וועלט. און זיין זיכערקייט איז געשטיגן אין אים צוזאַמען מיטן שטייגן פון זיין פאַרמעגן...

ער האָט זיך געפילט געשמייכלט ווען מ׳האָט אים גערופן — דאָן פּאַביאַנאַ. — ס׳האָט אים הנאה געטאָן דער נייער נאָמען, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין רעספּעקטפול און שטאָלץ... אין קעגנטייל, ווען זיינער אַ בן־עיר, וועלכער האָט אים געקענט פון דער היים, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זיין אַמאָליקן נאָמען, זיך ווענדנדיק צו אים גוט־ברודעריש און היימיש — פּייווקע, פלעגט ער אויסגלאָצן אַ פּאָר פיינט־לעכע אויגן און נישט וועלן ענטפערן. ער האָט געוואָלט מיט דעם באַ־וויזן, אַז דער נאָמען „פּייווקע” פּאַסט שוין מער נישט פאַר אים. גע־הערט אים שוין נישט... דאָס איז אַ פרעמדער נאָמען, וואָס געהערט צו יענעם הונגעריקן שוסטערל פון אַמאָל... פון מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָבער נישט צו דאָן פּאַביאַנאָן...

מיטן שטייגן פון זיין פאַרמעגן איז אויך געשטיגן זיין אַמביציע.

דאָן פּאַביאַנאַ איז איינמאָל געקומען פון פאַבריק אַן אויפגעהיי־טערטער און דערציילט זיין פרוי פון זיין איינפאַל, — אַז ער וויל נישט אַנדערש, אַז דער בן־יחיד זייערער זאָל שטודירן נאָר אויף דאָקטער. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט — זיין זון אַ דאָקטער, אַ געענדיקטער, מיט אַ דאָקטאָר־טיטל... אַלע באַקאַנטע, וואָס קענען אים נאָך פון אַמאָל, וועלן אויפגעגעסן ווערן פון קנאה.... מ׳וועט אים פאַרלייגן די רייכסטע שידוכים. — דעם גרויסן נדן, וואָס זיין זון וועט נעמען.

און דעם באַשלוס האָבן מאַן און פרוי זיך פאַרלייגט מיט אַלע כוחות צו פאַרווירקלעכן. נישט געקאַרגט קיין מי און געלט. ביידע האָבן געטראַכט: ס׳וועלן אַריבערלויפן די עטלעכע יאָר, און זיי וועלן האָבן דערגרייכט זייער פאַרלאַנג...

דער זון, אַ בחורל פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט נישט געוווסט וואָס טאַטע־מאַמע ווילן פון אים האָבן, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט מיט אַלע כוחות אַז ער זאָל לערנען, שטודירן אויף דאָקטער, אַז אים ציט גאָר צו כּפאָרט, און ער וואָלט אַפּגעזעסן גאַנצע טעג און געלייענט די קאָמישע וויצן וואָס מאַכן אים פרייליך. אַ קעגנגעפיל האָט זיך געשאַפן ביי אים צו טאַטע־מאַמע, וואָס ווילן אַרויפצווינגען אַזאַ זאַך, וואָס איז אים נישט צום האַרצן. אַזעלכע זאַכן און לימודים, וואָס קריכן אים נישט אין קאָפּ און פאַרמאַטערן אים נאָר. אים האָט פאַרדראָסן וואָס די עלטערן האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ ער זאָל לערנען אויף דאָקטער כּדי זיי זאָלן קענען מיט אים שטאָלצירן פאַר זייערע פריינט...

דאָן פּאַביאַנאַ האָט זיך נישט גערעכנט אַז ער וועט באַקומען אַזאַ אומגעריכטן קלאַפּ פון זיין אייגענעם זון. ער איז אַרומגעגאַנגען אין

פאבריק היין און צוריק און זיך נישט געקענט בארואיקן. קיין זאך האט אים נישט אינטערעסירט. געפילט ווי די אויפרעגונג שטייגט אין אים, פילט אן זיין גאנצן וועזן מיט אומרו און פארדרוס. ער האט זיך דער־מאנט זיין זונס נעכטיקע חוצפה ווי ער איז צוגעגאנגען צו אים און דרייסט אים געזאגט, — אז ער האט א באקאנט מיידל, וועלכע שטאמט פון ארעמע עלטערן, און אז ער האט באשלאסן מיט איר חתונה צו האבן... ער האט דאן אויסגעגלאצט אויף אים א פאר אויגן פול מיט רציחה, ווי ער וואלט גרייט געווען אים דורס צו זיין. — וואס? — האט ער איבערגעפרעגט. ווי ער וואלט נישט געהערט, און זיין קול האט אין גאנצן געציטערט. ס'האט זיך אים געדוכט, אז זיין זון וויל באגיין א דאפלטן פארברעכן... ער וויל צעשטערן זיין אייגענע צוקונפט... זיין שפעטערדיקן נאמען... און גלייכצייטיק נאך חתונה האבן מיט אן ארעם מיידל פון אן ארעמער פאמיליע, אן יחוס און אן געלט... און דאס אלץ, וואס ער האט דורך די יארן דערגרייכט, זיין אנזען, זיין חשיבות, וויל ער, דער אייגענער זון, צעשטערן... ארייננפירן אים אין זיין פריערדיקן שטאנד, וואס ער האט אלץ געטאן צו פארגעסן...

ער האט געפילט ווי ער פארלירט זיך אין גאנצן. זיינע הענט האבן זיך געביילט אין פויסטן, גרייט אפצושלאגן דעם, וואס טרעט ארויס קעגן אים... ער האט זיך קוים באהערשט. און לאזנדיק אליין דעם זון, איז ער ארויס פון צימער, אן אן ענטפער.

דאן פאביאנא האט פארלאזט די פאבריק. געטראכט אז ער וועט גיין אהיים. צוזאמען מיטן ווייב וועט אים זיין גרינגער. באנאנד וועלן זיי אים פרובירן איבערצייגן, אז ער זאל זיך אפהאלטן דאס צו טאן... ער איז געלאפן מיט שנעלע טריט כדי צו זיין וואס גיכער אין דער היים, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז ער קען עפעס פארשפעטיקן...

ווען ער איז אריין אין שטוב און זיך באגעגנט מיט זיין בן־יחיד, האט ער געפרוווט זיך באהערשן און נישט געקענט. געפילט ווי דאס הארץ ציטערט און ווארפט זיך אים פון אויפרעגונג. ער האט זיך דערנענ־טערט צו אים, און דראענדיק אים מיט דער האנט, האט ער געשיפעט ווי א שלאנג מיט ציטעריקע האלב־פארשטיקטע קולות:

— הערסט? דו זאלסט וויסן זיין, איך בין דיר מתרה! אויב דו וועסט חתונה האבן מיט דעם ארעמען מיידל, איז אלץ, וואס איך פאר־מאג — וועט נישט זיין דיינס! הערסט? קיין איין סענט וועט צו דיר נישט געהערן! נישט אויף דעם האב איך געהארעוועט די גאנצע יארן — דו זאלסט מיר טאן צו להכעיס, פארשאפן חרפות...

דער זון האט אים קאלט אנגעקוקט. ביי זיינע מויל־ווינקלען האט זיך צעלייגט א סארקאסטישער שמייכל, ווי ער וואלט אים מיט דעם געענטפערט: — איך וועל נישט נתפעל דאס צו הערן. כ'האב דאס פון

דיר דערוואַרט... איך וועל אָבער מיין באַשלוס פאַר קיין פאַל נישט ענדערן — האָט ער געטראַכט אינעווייניק אין זיך. געוואָלט דאָס אַרויס־שרייען אויפן קול ווי אַן ענטפער אויפן פאָטערס דראָונגען אים נישט איבערצושטעלן קיין ירושה... ער איז געבליבן זיצן פריטשמעליעט, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן דאָס לשון און געשפּירט, אַז די שטענדיקע מחיצה צווישן אים און דעם פאָטער, האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט און פאַרשאַרפט... ער האָט בכלל נישט געקענט באַגרייפן זיין פאָטער, וואָס איז געקומען דאָ אַן אַ סענט, זיך דערוואָרבן אַזאַ גרויסן פאַרמעגן, אַר־בעט נאָך אַלץ איבער די כוחות, פּירט געשעפטן כדי אָנצוזאַמלען נאָך מער קאַפּיטאַלן, און האָט זיך אַריינגענומען פּונקט ווי אַ מאַניע אין קאָפּ, אַז ער, זיין זון, מוז ווערן דאָקטאָר, כדי מיטן דאָקטאָר־טיטל קענען נע־מען אַ גרויסן נדן און שטאָלצירן מיט דעם פאַר זיינע אַמאָליקע פריינט...

און טראַכטנדיק וואָס עס וועט זיין ווייטער איז ער געבליבן זיצן אַפּהענטיק, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פאַרלאָרן זיין גאַנצן קוראַזש... ער האָט זיך דערזען אַליין, פאַרלאָזט פון זיינע עלטערן, אַז געלט און אַן מיטלען, און ער האָט זיך נישט געפילט בכוח אָנצונעמען דעם קאַמף... זיין האַפּערדיקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אָקאָרשט נישט לאַנג, איז מיטאַמאָל ווי אויסגערונען פון אים, און ער האָט זיך דערפילט מוטלאָז און פאַרלוירן...

דער פאָטער האָט אויפגעכאַפּט זיינע הרטה־געפילן. אינסטינקטיוו דערפילט, וואָס עס קומט פאָר ביי אים אינעווייניק... ער האָט געוווּסט, אַז איצט איז אַ שעת־הכושר...

ער איז צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפלייגנדיק צאַרט זיין האַנט אויף דעם זונס אַקסל, האָט ער אין אים אַריינגערעדט מיט אַ ווייכער שטים:

—פאָלג מיך, שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייטן פון קאָפּ, פאַרשאַף נישט קיין עגמת־נפש דיינע טאַטע־מאַמע! ס'וועט איבערגיין עטלעכע יאָר, וועסט ענדיקן דאָקטאָר, וועט דיר זיין גוט און אונדז אוודאי.

ער האָט געקוקט מיט אָנגעשפּיצטע אויגן אויפן זון, וואָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט עס אויפגענומען, אַז ער גיט אים נאָך. פילט זיך שולדיק און וואַרפט זיך אונטער זיין ווילן. ער האָט אים צערטלעך אָנגענומען פאַרן אָרעם און מיט טריומפירנדיקע בליקן איז ער אַריין אין צימער וווּ זיין פרוי איז געזעסן.

דאָס פאַביאַנאַ, אַדער ווי מען האָט אים גערופן אַמאָל — „פּיווקע לאַטוטניק", האָט געזיגט איבער זיין זון... און אַ צופרידענער, שטאָל־צירט מיט זיין נצחון...

דער באבעס צער

דאס גרויסע אפארטאמענטן־הויז מיט די לאנגע טיפע פינצטערע קארידארן נעמט אויף א גאנצן טאג פארשיידענע קולות, בייזע קריגערייען פון מאן און ווייב, מיידלש געלעכטער און געזאנג וואס קלינגט ארויס פון אן אפענעם פענצטער, קינדיש געוויין וואס לאזט זיך נישט איינשטילן, ביז פארשיידענע טריט, וואס לויפן ארויף און אראפ איבער די געדרייטע טרעפ און ווערן פארלוירן צו דער גאס צו, אדער איבער די צעעפנטע טירן וואס פארהאקן זיך דערנאך מיט א פארשטיקטן קלאפ און קלינגט אפ דורך די לאנגע פוסטע קארידארן ווי א לאנגער הילכיקער זאלפ איבער א פרייען פעלד.

אין איינעם פון די אויבערשטע אפארטאמענטן וואס אלע זיינע פענצטער גייען ארויס אנטקעגן א הויכער בלינדער וואנט וואס זעט אויס ווי אן אלטע קאזארמע, וווינט מאוריסיא קליין. זיינע אומזיכערע טריט, וואקלענדיקער גאנג קלינגען נישט אפ אזוי פעסט ווי די איבעריקע. ער גייט, איילט זיך, ווי ער וואלט עפעס פארשפעטיקט, איז שטענדיק פאר־גראטשקעוועט, פארטאראמט.

דאס מאל האט ער זיך מער געאיילט ווי שטענדיק. דעם גאנצן טאג איז ער געווען אומגעדולדיק. די קונים וואס ער פלעגט שטענדיק אויפ־נעמען מיט א פולן שמייכלענדיקן פנים און אויסהערן געדולדיק זייערע טענות, האבן דאס מאל אים נישט דערקענט. זיין אנגעשטרענגטער נער־וועזער בליק, די אומגעדולדיקע זשעסטן, די עטלעכע פאר ווערטער וואס ער האט מיט זיי אויסגערעדט ווי פאר יוצא וועגן, האבן זיי נישט באַ־פרידיקט. מאוריסיא קליין האט געשפאנט מיט גיכע נערוועזע טריט, געוואלט וואס גיכער זיין אין דער היים. געוווסט אז זיין פרוי און טאכטער ווארטן אויף אים.

אַריינקומענדיק אין שטוב איז זיין אָנגעשטרענגטער בליק געוואָרן נאָכגעלאָזענער, פרייער און האָט באַקומען אַ מילדן אויסזען. זיין פרוי איז געשטאַנען אין מיטן צימער אַ צעפּלאָמטע, מיט פאַרויטלטע באַקן און נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון טעכטערל, אַ קליין פּוכיק מיידעלע מיט פולע באַקן. דאָס קינד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער געפּאַלדעוועטער קלייד, וואָס האָט פון יעדן ריר און באַוועגונג, זיך צעשפּרייט און צעפּנט ווי אַן אָפענער פעכער, אַרויסגעגעבן אַ שטילן שאָרכנדיקן גערויש וואָס האָט דערמאָנט אין אַ פּלאַטערן פון פליגל פון אַ דורכפליענדיקן פויגל. פון איר רונד קעפּל האָבן אַראָפּגעשיינט זאָרגפעליק איינגעלייגטע לעקעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי רייף געוואָרענע מאַזבלומען וואָס ציען זיך פון זייערע דינגע שטענגלעך, און העלע באַזילבערטע שיכעלעך האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון אירע קינדישע פיסלעך.

די מוטער האָט אַרומגעשמייעט אַרום קינד, וועלכע איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, זיך געדרייט אין אַלע זייטן. פון קליינוויין אָן האָט דאָס קינד געוווסט, אַז זי איז די אַטראַקציע פון אַלץ און אַלעמען אַז דאָס וואָס זי רעדט אַרויס מוז גלייך באַשאַפן ווערן; אַז טאַטע־מאַמע מוזן איר שטענדיק נאָכגעבן. און איצט איז דאָס קינד נאָך מער געשפּרונגען פון דער הויט. שוין אַ לאַנגע צייט ווי זי גרייט זיך צום הייַנטיקן אָוונט ווו זי דאַרף אָפּגעבן עקזאַמען פון קלאַסישע טענץ און געשפּירט די אומגעדולדיקייט און געשפּאַנטקייט.

זי האָט זיך אַלע ווײַלע אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, געשאַרט מיט דראָבנע טריטעלעך איבערן פּאָל, געפּאַכעט מיט די הענט ווי אַ פויגל מיט די פליגלען, געשטרעקט זיך פאַרויס. די מוטער איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענע, געהאָלפן דעם קינד מאַכן דעם טואַלעט און זיך געהאַלטן אַלע ווײַלע ביים רוקן, וואָס האָט איר ווייַ געטאָן פון אַזויפיל בייגן און אַרומגיין אַרום איר. געקוקט מיט צעשראָקענע פאַרזאָרגטע אויגן, מורא געהאַט, זי זאָל פון עפּעס נישט פאַרגעסן און געבעטן זיך ביים קינד:

— נו, שטיי שוין איין, זומרו, מיר קענען נאָך פאַרשפּעטיקן!...

דער פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ זייט, האָט אַנגעקוואָלן, נישט געקענט אַראָפּנעמען זיינע אויגן פון דער טאָכטער און ער האָט נאָר געטראַכט, — אַז די מאַמע זאָל זיך נישט דערוויסן. מער פעלט אים נישט. זי פלעגט אים שטענדיק אויפוואַרפן, פאַרוואָס ער לערנט זיין טאָכטער טאַנצן, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ יידיש קינד, פאַר איר אייניקל...

מאָריסיאַ איז געווען אומגעדולדיק. האָט געמאַכט מיט די הענט, געוווּנקען, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין טומל, אַז די מאַמע קען דערהערן פון צווייטן צימער, און זי קען זיי אָפּשפּילן אַ חתונה זיי זאָלן האָבן

צו געדענקען, זיי האָבן זיך געאײַלט אַרויסצוגיין, געוואָלט וואָס גיכער זיך אַרויסכאַפּן פון שטוב.

* *
*

די אַלטע דבורה וואָס האָט געוווינט אין אַ זייטיק צימערל ביי איר זון, האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון אים, אים שטענדיק פאַרגעוואָרפן אַז ער לעבט ערגער ווי אַ בהמה... ווייסט נישט פון קיין שבת און יום טוב.. גייט אַרום שטענדיק צעטראָגן פון זיינע געשעפטן, ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. נאָר באַמיט זיך דעם ווייב „נאָכצוגעבן דעם שמד"... זי זאָל לעבן אין לוקסוס און ווילטאָג... און דערנאָך דאַרט אים דער קאָפּ פון די צאָלונגען.

זי איז אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין צימער און געזיפצט טיף און פיינלעך, געבראָכן מיט די הענט. שטענדיק אין די „עשרת ימי תשובה" פלעגט די אַלטע אַרומגיין אַ צעבראָכענע, אַ דערשלאָגענע, פלעגט נישט אַריינשמעקן צום זון, צו דער שנור. זי האָט געוווּסט אַז זיי נעמען אויף אירע רייד מיט חוזק און שפּאָט און פון דעם פלעגט זי זיך פילן נאָך מער דערנידעריקט און געקרענקט... פלעגט בלייבן זיצן גאַנצע טעג אין איר צימערל אַן איינזאַמע, אַן איינגעבויגענע איבער די פאַרגעלטע תחינות און אַריינזיפצן אין זיי אַלע אירע דאגות און קלעמענישן, אַראָפּוויינען זיך פון האַרצן...

זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט צו פאַרדאַנקען איר זון, וואָס האָט זי אַרויסגעראַטעוועט גאָר נאָענט, איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן און אַז ער האָט איינגעלייגט וועלטן, נישט גערוט ביז ער האָט זי אַריבערגענומען. אָבער די אַלטע זיפצט אָפּ: מ'שטיינס געזאָגט, סאַראַ לעבן דאָ איז — נישט צו גאָט און נישט צו לייט, — און צוליב דעם האָט זי געדאַרפט קומען אַהער? זי זאָל דאַרפן אַלץ צוזען מיט אירע אויגן?... זי שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ און טראַכט: נו, וואָלט שוין גלייכער געווען צו פאַרבלייבן דאָרט און אַוועקגיין אויפן זעלבן וועג ווו אַלע זיינע אומגעקומען...

די איינציקע וואָס פלעגט לעבן בשלום מיט דער אַלטער איז געווען דאָס אייניקל. די קליינע פלעגט גערן אויסהערן דער באָבעס מעשהלעך פון פאַרצייטיקע יידישע העלדן, וואָס פלעגן לאָקן איר פאַנטאַזיע און אַוועקטראָגן דאָס קינד אין אַן אַנדער וועלט.

דאָס איבערגעבן עפּיזאָדן פון דעם לעבן אין דער אַלטער היים, האָבן אויפגעוועקט מיטלייד־געפילן ביים קינד און האָבן נאָך מער צוגעבונדן איינע צו די אַנדערע.

די אַלטע דבורה, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, האָט מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט אַ שטילן שושקען, אַ גיין אויף די שפּיץ פינגער, ווי מ׳זאָל מיט עפּעס זיך וועלן אויסבאַהאַלטן פון איר... איר איינגעהויקערטער גוף האָט זיך אויסגעגלייכט, עס האָבן זיך דערהערט אירע שטילע שאַרנ־דיקע טריט איבערן צימער. זי האָט אַז עפן געטאָן די טיר און אירע אויגן ווי צוויי רויטע פלאַמעס זיינען געבליבן אויפגעריסן פון דערשטוי־נונג און איבעראַשונג. זי האָט דערזען די שנור, אַז אויסגעפּוצטע, אַ גלאַנציקע, מיט ענג געפּאַסטע קליידער, פון וואַנען די ליניעס פון אירע קערפּער טיילן האָבן אַזוי בולט אַרויסגעשטאַרצט, אַרויסגעוווּנקען מיט חוצפּה און אַרויסרופערישקייט...

די אַלטע האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, געטראַכט מיט פאַרביטערונג, — אַז אין דעם שטעטל פון וואַנען זי שטאַמט וואָלט מען געהאַלטן אַזאַ גאַנג פאַר אַן אויסגעלאַסענעם, אַ פאַרשייטן, פאַר נישט יידישלעך, און נישט צניעותדיק... און דאָ איז דאָס אַ גע־וויינלעכע זאַך. איר אייגענער זון קוועלט אַן פון דעם, גלאָצט מיט די אויגן אויף איר און קוקט מיט קעלבערנער התפּעלות.

זיי זיינען געשטאַנען פאַרן אַרויסגאַנג און זיך געאיילט צו פאַר־לאָזן די שטוב. די אַלטע האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און מיט אַ טיף צעוויטיקט קול האָט זי אַרויסגעוויינט:

— ווי איז מיר, וואָס איך האָב דערלעבט צו זען מיט מיינע אויגן... אַז מיינע אייגענע קינדער, מיין בלוט און פלייש זאָל אין די גאָטס־פאַרכטיקע טעג, אין די עשרת ימי תשובה, זיך אויסטראַנצלען און גיין הוליען... טאַנצן...

זי האָט זיך דערנענטערט מיט שטילע טריט צום קינד, צערטלעך געגלעט זי איבערן קעפּל און געזאָגט מיט אַ בעטנדיק קול:

— גיי נישט, שרהלע, גיי נישט טאַנצן היינט, אַ יידיש קינד דאַרף זיך אַזוי נישט אויפפירן. עס איז אַ גרויסע זינד. גאָט האָט אונדז שוין גענוג געשטראָפט פאַר דעם...

איר קול איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ כליפּענדיקן געוויין.

מאָוריסיאָ קליין האָט זיך געפילט פאַרלאָרן, ווי אַ שול־יינגל וואָס מען כאַפּט אים פאַר דער האַנט, פּרובירט זי באַרואיקן:

— פאַרשטייסט, מאַמע, היינט איז איר עקזאַמען. זי מוז אומבאַ־דינגט אויפטרעטן. עס איז שוין אַנאַנסירט אין איר פּראָגראַם.

— פּראָגראַם, שמאַם... האָט די אַלטע אים איבערגעקרימט, — פאַרייד מיר נישט די ציין. האָסט געמעגט האָבן בושה ערב יום כפּור, אויסטראַנצלען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער און זיך גיין פאַרווילן! אַ שמחה אויף דיין קאָפּ!...

די אַלטע האָט זיך דערנענטערט מיט שנעלע טריט צו דער טיר. אַרויפ־

געלייגט איר בלאַסע ביינערדיקע האַנט אויף דער קליאַמקע, זיך אויסגע־דרייט, און געקוקט אַנטקעגן זיי מיט אַרויסרופערישע בליקן. ער האָט פּרובירט ריידן מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

— מאַך מיר נישט קיין סקאַנדאַלן, מאַמע, ווילסט מיר אָנטאָן הרפּות, איך זאָל נישט קענען פאַר קיינעם ווייזן די אויגן?

די אַלטע האָט נישט געענטפערט. נאָר איר ביינערדיקע פאַרשטייפטע האַנט האָט ווי געדראָעט, אַז מיט גוטן וועט זי נישט נאָכגעבן.

ער איז געוואָרן בלייך דורכזיכטיק, געציטערט אין גאַנצן פון כעס, אויפגעכאַפּט זיין פרוים בליקן וואָס האָבן געקוקט צו אים אַרויסרופעריש, מיט שפּאָט און ביטול, וואָס ער לאָזט זיך פירן פאַר דער נאָז פון דער „אַלטער"; געזען די טאָכטער, ווי זי שטייט אין אָנגעלאָדענע, גרייט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין. ער איז צו צו דער טיר, אַ ריס געטאָן דער מאַמעס ביינערדיקע האַנט פון דער קליאַמקע, אַ פּראַל געטאָן די טיר, אָנגעהויבן לויפן איבער די טרעפּ, רופנדיק די פרוי מיט דער טאָכטער.

דאָס קינד איז געבליבן פאַרטראַכט, צעטומלט, געקוקט מיט מיטגעפיל צו דער באָבען, וואָס איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר, אַן איינגעבויגענע מיט אַראָפּהענגנדיקע ביינערדיקע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נאָכהענגנדיקע צווייגן פון אַן אויסגעטריקנטן בוים... אירע ציטערנדיקע צעשפּרייטע פינגער האָבן ווי געטייטלט, געוואָרנט, געשטאַכן דעם שווערן אָנגעשפּיצטן הלל... אירע פאַרטרערטע אויגן מיט די רויטע ווייעס ווי צווייַ יאַטערדיקע וווּנדן האָבן געקוקט הילפלאָז אַרום זיך... דאָס קינד האָט געמאַכט עטלעכע שפּרייזן, געוואָלט זיך דער־נעענטערן צו איר, מיטגעפילט איר צער...

די מוטער האָט דאָס באַמערקט, געציטערט, אַז די אַלטע קען זי נאָך פאַרהאַלטן. האָט זי אַ שלעפּ געטאָן פאַרן האַנט און אַ געשריי געטאָן ווי נישט מיט איר קול:

— קום, סאַריטאַ! וואָס שטייסטו, ווי אַ בלייערנער פויגל און גלאָצסט מיט די אויגן?

די מוטער איז געלאָפן פאַרויס, נאָכשלעפּנדיק דאָס קינד, און אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ איז זיי נאָכגעגאַנגען דער אַלטערס פאַרשטיקט געוויין, ווי זי זאָל באַוויינען און באַדויערן דאָס זינלאָזע לעבן וואָס עס פירט דאָ איר איינציק פאַרבליבענער זון וואָס לעבט ווי אַ בהמה... ווייסט נאָר צו שטאָפּן דעם חומר... זיך אָנטאָן אַלע פאַרגעניגנס, דער־ציט זיין קינד אין נישט־יידישן גייסט. גייט זיך משמח זיין אין די עשרת ימי תשובה... און איז אַליין ווי אַן אָפּגעריסענער צווייג פון אַ בוים, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן פון אַ שטורעם אויף אַ פרעמדן באָדן, ווייט פון זיין שטאַם... דאָרט און טריקנט מיט דער צייט ביז עס ווערט פאַר־וואַנדלט אין שטויב...

„לאַ עסקאַזשעראַ״

רעפּאָרטאַזש

לינקס פון פּאָרט, ווו עס ציען זיך אַ ריי האַלב־איינגעפאלענע הייזער, שטאַרצט אַרויס די „עסקאַזשעראַ״. פון ווייטן זעט עס אויס ווי אַ לאַנגע צונג, וואָס שניידט זיך אַריין טיף אין ים.

פון ביידע זייטן ווערט די „עסקאַזשעראַ״ געשיצט פון ריזיקע סקאַלעס, וועלכע היטן עס זאָל נישט געריירט ווערן דער פונדאַמענט פון די שטאַרקע כוואַליעס, וואָס דריקן און שטויסן פון אַלע זייטן. ווען דער ים ווערט שטורעמדיק, הערט מען דעם געבייזער און דאָס ברומען פון די כוואַליעס, וואָס קלאַפּן מיט רציחה און כעס אין די שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן פאַרצאַמט פאַר זיי דעם פרייען וועג.

די כוואַליעס שפּריצן מיט ווייסן שוים, ווי צעיושעטע פערד. זיי ווערן אָבער מאַכטלאָז צוריקגעשטויסן אין אָפענעם ים.

קומענדיק נאָענט דערשפּירט מען דעם ספּעציפישן געזאַלצענעם ים־ריח, וואָס רייצט די נאָזלעכער און ווירקט באַרואיקנדיק און פאַרשלעפערנדיק.

די פּאַנאָראַמע, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר די אויגן, באַרואיקט דאָס געמיט.

אַלע ווערן דאָ אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. עלטערע מענטשן, וואָס גייען פאַרביי, שטעלן זיך אָפּ, אָטעמען איין אין זיך די פרישע ים־לופט און קוקן זיך צו צו די ווייטע שיפן, וואָס זעען זיך אין האָריזאָנט און דערמאָנען אין ווייטע פאַרגאַנגענע חלומות... עס קומען דאָ אויך יונגע פּאָרלעך, און דאָ ווערט זייער האַלטונג פרייער און דרייסטער, זיי זשעגירן זיך נישט פאַר קיינעם. זיי נעמען זיך אַרום און קושן זיך, טוליען זיך איינע צו די אַנדערע.

װאַגאַבונדן מיט פאַרדעכטיקע פּנימער ברענגען מיט זיך נעצן, װאָס מען רופט עס „מעדיאַ מונדאָס", זײ שטײען עטלעכע שעה און כאַפּן פולע הױפנס קלײנינקע פישעלעך. עס קומט זײ לײכט אָן דער פאַנג. די פישעלעך װערן דערנאָך געװאָרפן אין בלעכן, און מיט די עטלעכע פאַרדינטע פּעזעס קלעקט זײ אױף אַ צײט נישט צו דאַרפן אַרבעטן.

מען זעט אױך אײנצלנע אַרבעטער, װאָס נאָך אַ שװערן אַרבעטס־טאָג קומען דאָ צום אָפּנעמען ים אױסלאָדן זײער אומצופרידנקײט און אָנגעשטרענגטקײט!

עמיצער פאַרװאַרפט אַ װענדקע, זיצט שעהן לאַנג פאַרטראַכטערהײט, קאָנצענטרירט אױף אײן פּונקט װי ער װאָלט גאַרנישט געזען אַרום זיך. מיטאַמאָל פילט ער װי עס באַװעגט זיך עפּעס. ער גיט שנעל אַ ציִ אַרױס די װענטקע און אַז ער דערזעט אַ קלײן פישעלע צאַפּלען זיך מיט אַלע כוחות, װיל זיך באַפרײען, באַװײזט זיך אַ קױם־באַמערקבאַרער שמײכל אױף זײן געזיכט.

עס קומט אױך אַהער אַן אַנדערער עלעמענט. זײ גײען פײן געקלײדעט. זײערע זאַטע פולע אױסגערוטע פּנימער זאָגן אײך, אַז זײ האָבן קײן־מאָל נישט געאַרבעט. זײ קוקן מיט ביטול, קרימען זיך פון דער נישט־רײנקײט, מען זעט, אַז זײער קומען, איז זיך צו פאַרװײלן. אַ צײט־פאַר־טרײב — מער נישט. און צוליב דעם פאַרגעניגן פון כאַפּן פיש, זײנען זײ מוותר אױף אַנדערע אומבאַקװעמלעכקײטן.

װי בײ זיך אין דער הײם פילן זיך דאָ די „ביטשיקאַמעס". זײ פאַרנעמען די אונטערשטע פּלעצער, װו עס ליגן אָנגעװאָרפן הױפנס מיסט, אַלטע פאַרזשאַװערטע בלעכן און ים־מושלען. אָפּגעריסענע, שמו־ציקע, מיט צעכראַסטעטע האַריקע הערצער, גרײטע אױפצונעמען די ים־װינטן װאָס בלאָזן פון אַלע זײטן, מיט פאַרברױנטע פּנימער און רױטע פאַר־לאָפענע אױגן, זיצן זײ גרופּעסװײז, שמועסן געמיטלעך אָדער פאַריכטן זײערע נעצן. אַנדערע מאַכן פײער, גרײטן צו זײער „מיטיק", אָדער בלאָזן פאַנאַנדער די צעזשאַרעטע קױלן אױף צו מאַכן „אַסאַדאָ".

פאַרנאַכט באַקומט די „עסקאָזשעראַ" אַן אַנדער אױסזען. די לופט — אַן אױסגעדאַמפטע פון אַ גאַנצן טאָג, פילט זיך שאַרפער און געזאַל־צענער. די זון, װאָס האַלט בײם פאַרגײן און רוקט זיך לאַנגזאַם צום באַרג, װאָס אַנטקעגן, פּאַלט ביסלעכװײז, װי אַ רױטע פײערדיקע קױל, גלײך אין ים אַרײן. דער באַרג באַקומט אַ װײלע אַ גאָלדענעם רױטלעכן אָפּגלאַנץ און װערט דערנאָך אײנגעהילט אין טונקעלע, שװאַרצע שאָטנס. די נאַכט פאַלט שנעל צו.

אין דער הױך אױפן סאַמע שפּיץ באַרג, װו עס געפינט זיך אַן אַלטע פעסטונג, באַװײזט זיך אַ ליכט־סיגנאַל, װאָס צינדט זיך אָן און פאַר־לעשט זיך אַלע װײלע, אָן אױפהער.

צופוסנס פון בארג ליגן צעווארפן ווייסע פירקאנטיקע הייזקעלעך, וואס פון ווייטן מאכן זיי דעם איינדרוק פון קינדערישע שפילצייג, די שטיבלעך ווערן באלויכטן פון קליינע פייערלעך, וואס מיניען זיך אין דער פינצטערניש.

רעכטס ציען זיך, ווי א קייט, די הויכע ריזיקע געביידעס פון שטאט. מיט אמאל בליצט ארויס פון די פענצטער דאס שניידנדיקע עלעקטרישע ליכט.

דא, נעבן דער נאטור און פרייען ים באקומט זיך דער איינדרוק, אז די אנגעהויפנטע מויערן איינע נעבן די אנדערע זעען אויס ווי לעבעדיקע באשעפענישן, אזעלכע געשפענסטער, וואס שטייען אנגעצויגענע, פארטייעטע און בליצן מיט זייערע גיריקע ליכטיקע אויגן צום אפענעם ים.

ביים שפיץ וווּ עס פארענדיקט זיך די „עסקאזשערא" און עס גענינט זיך דער לייכט־טורעם, צינדט זיך אן א רויטער ליכט־סיגנאל.

שיפן גליטשן זיך פארביי מיט אנגעצונדענע פייערלעך. זייערע פארשטיקטע סירענעס שניידן דורך די לופט, ווי זיי וואלטן זיך פרייעטלעך באגריסט.

אין די שפעטע נאכט־שעהן ליגט די שטאט אנטקעגן א פארמאטערטע, א מידע, ליגט און רוט, אויף צו קענען באנייען דעם מארגנדיקן טאג, איר האסטיקן ריטעם און טעמפא. די „עסקאזשערא" אבער איז וואך...

די ליכט־סיגנאלן טרעפן זיך, שניידן די ים־כוואליעס און ווערן פארשווונדן.

עס פילט זיך דאס אנקומען פון א שארפן ווינט. דער ים ווערט אומרואיק. די כוואליעס ווערן נאך העכער, שטארקער. זיי הויבן זיך אויף ווי מעכטיקע ווענט, שטויסן זיך אן אין די פעלדזן און פאלן מאכטלאז צוריק...

די „עסקאזשערא", ווי א געטרייער שומר, שטייט און היט די שטאט, איז אויף דער וואך, און שיקט פון לייכט טורעם די רויטע ליכט־סיגנאלן אין אפענעם ים צו ווארענען די אנקומענדיקע שיפן... — — —

א דאָקטאָר פאַר אַן אײדעם

סקיצע

פאַר דער מלחמה האָט ער געהאַלטן שמאָל. די וועקסלען און צאָ־לונגען האָבן אים געמאַכט אוים מענטש. ער פלעגט אַרומגײן נערוועז און צעטראָגן, נישט װיסן אויף וואָסער װעלט ער איז. דאָ האָט ער געמוזט לויפן נאָך אַ גמילת־חסד. דאָ איבערשרײבן אַ וועקסל. און דאָס געשעפט מיט די האַלב־לײדיקע פּאָליצעס האָט אָנגעיאָגט אויף אים אַן אומעט... געטריבן אים אין גאַס צו זוכן זײטיקע פאַרדינסטן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך אַלץ איבערגעקערט. ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. אַלץ איז געשטיגן, געוואָרן מיט גאָלד גלײך.

דאָן כײמע האָט געקוקט אויף די קאַסטנס מיט דײטשע סחורות, וואָס ער האָט אַרײנבאַקומען און זיך געריבן די הענט, געטראַכט, אַז איצט וועט ער קענען אָפּלעקן אַ בײנדל, פאַרדינען גראָב.

דאָס געשעפט האָט אויפגעלעבט. די האַלב־לײדיקע פּאָליצעס זײַנען מיט אַמאָל פול געוואָרן. ער האָט פרײער אָפּגעאָטעמט, געקענט זיך אַרומצאָלן מיט די חובות. אַ געזעצטע רואיקײט איז ארויף אויף אים. ער איז געוואָרן האָפערדיקער.

און אַז ער האָט זיך געפילט פרײער, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז זײן אײן און אײנציק טעכטערל פאַני, דאַרף שוין ווערן 17 יאָר אַלט, און איז שוין אַ כלה־מײדל. מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן וועגן אַ תכלית...

נאָכן אָוונט־ברויט, ווען מאַן און פרוי זײַנען געזעסן אין עס־צימער, וווּ פון גרויסן לאָמפּ האָט געטריפט אַזאַ ראָזע געמיטלעכע שײן, און פון צווייטן צימער האָבן זיך געהערט לײכטע אַקאָרדן פון פּיאַנאָ

— דאָס האָט זייער טעכטערל געשפּילט און ביידע האָבן זיך צוגעהערט, געשמייכלט איינע צו די אַנדערע, ווי פאַרליבטע, פון צופרידנקייט — איז ער געוואָרן ערנסט און איר דערציילט זיין פאַרזאָרגטקייט. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ער איז גערעכט. מען דאַרף זען וועגן אַ תכלית פאַרן קינד. נאָר אויב אַ שידוך, וויל זי נישט אַנדערש ווי אַ דאָקטאָר פאַר אַן איידעם.

איר פּנים האָט דערביי אויסגעדריקט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, אַז זי וועט פאַר קיין פאַל נישט ענדערן איר באַשלוס.

דאָן כיימע האָט זי אָנגעקוקט צעטומלט. נישט געוווּסט בשעת מעשה וואָס איר צו ענטפערן. עס האָט אים שאָקירט: אַן איידעם אַ דאָקטאָר? ווי פּאַסט עס פאַר אים? אַז בסך הכל האָט ער דאָרט, אין קליינעם שטעטל אין פּוילן געפירט קעלבלעד אויפן מאַרק. פריער פלעגט ער זיך אַרומשלעפּן איבער די דערפער, זיי אויפקויפן, און דערנאָך פירן איבער די יארידים צום פאַרקויפן. איצט וועט ער האָבן אַ דאָקטער פאַר אַן איידעם? עס האָט זיך אים געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכ־טער, נאָר באַגעגענענדיק זיך מיטן ערנסטן פּנים פון זיין ווייב, וואָס האָט געקוקט צו אים באַפעלעריש — האָט ער געגעבן זיין צושטימונג.

מיט אַמאָל איז די געשטאַלט פון יענעם בחורל פון פּוילישן קליי־נעם שטעטל, וואָס פלעגט פירן קעלבלעד איבער די יארידים, אָפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט און צערונען געוואָרן... זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דאָן כיימע גאַרפינקל, וועלכער האָט איצט אַ גרויס געשעפט און אַ נאָמען, מיט קאָנטעס אין די בענק, פירט געשעפטן מיט אויסלאַנד און האַלט פון זיך עולם ומלואו...

— אוודאי ביזטו גערעכט. ס'איז דאָך אונדזער איין און איינציק קינד.

ווען מען איז געקומען צו דאָן כיימע אים פאָרלייגן, אַז עס איז דאָ אַ פרעטענדענט אַ דאָקטער, וואָס האָט נישט לאַנג געענדיקט און אַז יענער וויל אַזוי פיל און אַזוי פיל נדן — איז ער געוואָרן אַן אויפגעצוי־טערטער, געטראַכט, אַז עס איז אַ מטמון מיט געלט. נאָר בלית־ברירה גע־מוזט נאָכגעבן און אַזוי איז אין אַ מזלדיקער שעה געפּראַוועט געוואָרן די תנאים, ווו מען האָט אַרויסגעלייענט פון דער כתובה, אַז די עלטערן פון דער כלה זיינען זיך מתחיב צו סילוקן כך וכך אלפים נדן.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער חתונה, האָט זיך ביי דאָן כיימען אין שטוב געטאָן חושך... ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער און אַ פאַראומערטער. פון חתנס צד האָט מען אים גע־מאָלדן, — אַז זיי האָבן חרטה אויפן עסק... און אויב צו דעם נדן וועט מען אים נישט געבן אַלע מעבל און אויך אויסשטאַטן אַ מאָדערנע קאָנסולטאָריע, לאָזן זיי אָפּ דעם שידוך...

דאן כיימע איז ארומגעגאנגען איבערן צימער, געשפרייזט הין און צוריק ווי א חיה אין א שטייג, געוועזן אויסער זיך, געטראכט, — אז דאס רייסט מען פון אים שטיקער... מען וויל אים בארויבן... דאס וואס ער האט אנגעזאמלט אין אזוי פיל יארן מיט אזוי פיל מי, וויל מען איצט ביי אים ארויסרייסן מיט געוואלד... ער איז געווען בייז אויף אלעמען, באשולדיקט דאס ווייב, אז דאס איז געווען איר איינפאל: נאר א דאקטער פאר אן איידעם — אנדערש האט איר נישט געפאסט... ער האט באשולדיקט זיך אליין... און דערנאך באשלאסן — זאל זיין וואס עס וויל... ער וועט זיך נישט לאזן פירן אזוי פאר דער נאז...

נאר אז דאס ווייב איז ווידער צוגעשטאנען צו אים, ער זאל נישט אנטאן קיין יסורים דעם קינד... און נישט פארשווארצן דאס פנים פאר לייטן, האט ער געמוזט נאכגעבן דאס וואס מ׳האט פארלאנגט...

עס האט זיך דערנענטערט דער טאג פון דער חתונה. דאן כיימע איז געשטאנען אין גרויסן זאל, וווּ פון אלע זייטן האבן געלויכטן און שעמערירט די טויזנטער ליכטער. עס האט אים אזש געבלענדט אין די אויגן. די אנקומענדיקע געסט האבן אים פריינטלעך באגריסט. אנדערע האבן עפעס אזוי מאדנע געשמייכלט. און עס האט זיך אים געדוכט, אז מיטן שמייכלען חוזקן זיי אפ פון אים, אז זיי ווייסן אלע פון סקאנדאל... און עס טוט זיי הנאה... און אנדערע מוזן שושקען צווישן זיך:

— אן איידעם א דאקטער, אנדערש האט אים נישט געפאסט...

עס האבן אנגעהויבן שטראמען געסט פון אלע זייטן. ער איז געשטאנען און עס האט געווארפן אין אים די ניכפה. אט האט ער געטראכט, — אז פון חתנס צד האבן זיי איינגעלאדן די גאנצע שטאט, — וואס ארט זיי? אלץ אויף מיין חשבון... ס׳האט געברענט אין אים דער כעס. ער האט געווארפן בייזע בליקן צו זיין פרוי, וועלכע האט אלע ווײַלע אונטערגעטענצלט צו אן אנדער גרופע געסט מיט איר לאקריץ־זיסן שמייכעלע, געענטפערט אויף די באגריסונגען און ווינטשעוואניעס.

מ׳האט מיט אמאל אויפגעשפילט דעם פייערלעכן חתונה־מארש וואס האט אויפגענומען די אנקומענדיקע חתן־כלה. דאן כיימע איז מיטגעריסן געווארן פון דער פרייד און פייערלעכקייט, וואס דער חתונה־מארש האט אריינגעבראכט. ער האט ווי פארגעסן דאס וואס ס׳האט א ווײַלע פריער אים אזוי געמאטערט... כאטש ער האט געשפירט, אז טיף אינעווייניק טאטשעט אים ווי א ווארעם אזא באנגיקער געפיל פון חרטה און פארדרוס... און עס האט אזוי נישט הארמאנירט די פרייילעכקייט פון דער חתונה מיט דעם פאראומערטן געמיט פון דאן כאימע גארפינקל...

דער גרינער

פאר סעניאר רייכמאן האט דאס אראפּברענגען זיינס א וויטן קרוב, וואס האט זיך געראטעוועט דער איינציקער פון א גאנצער משפּחה אין א קליין פּויליש שטעטעלע, אויסגעוויזן צו זיין א געוואלדיק־גרויסמוטיקער אויפטו. און ער האט שטאלצירט מיט דעם ביי יעדער געלעגנהייט: — ער נעמט אריבער זיינעם א קרוב פון אייראפּע, און דאס קאסט אים אפּ אן אוצר מיט געלט.

אינעם ערשטן בריוו וואס ער האט דערהאלטן פון אים, האט ער אים ארויסגעשריבן וואס ס׳איז געווארן דער סך־הכל פון אלעמען... אז ער איז געבליבן דער איינאונאיינציקער פון דער גאנצער פארצווייגטער משפּחה... ווי אן איבערגעבליבענער עדות פון די דורכגעלעבטע פּיין און גרויל, וואס זיי האבן אלע דורכגעמאכט, און אז ער דרייט זיך דא ארום אין דעם חרובן שטעטל ווי אויף א בית־עולם...

דער בריוו האט אים אין גאנצן צערודערט, צוגענומען ביי אים די געמיטלעכע רואיקייט וואס האט זיך שטענדיק געטראגן פון אים. ער איז געווארן רעפלעקסיוו, מיטפילנד, זיין גאנצער האוועז און יאגן, זיין אנגעהויפנטער פארמעגן, — האט זיך אים איצט אויסגעוויזן — האט נישט דעם מינדעסטן ווערט... — זיינע אויגן זיינען געווארן פייכט, האבן באקומען א טרויעריקן אפּגלאנץ. ער האט דאן באשלאסן: — עס מעג אים קאסטן וויפל עס זאל נישט זיין — ער מוז אים אריבערנעמען. און ער האט נישט געקארגט קיין מי און געלט דאס צו דערגרייכן. געשפּירט מיט דעם א דערהויבנקייט אין זיין געמיט... ווי דאס זאל זיין זיין העכסטער ציל...

אין יענעם פרימארגן ווען סעניאר רייכמאן האט זיך געגרייט גיין צום פּארט אפּנעמען זיין קרוב, האט ער געשיינט פון צופרידנקייט, כסדר געשמייכלט צו זיך אליין. ארומגעגאנגען אן אויסגעפּוצטער איבערן צי־

מער און געוואָרפֿן אומגעדולדיקע בליקן צו זיין פֿרוי, וואָס האָט זיך אויך געגרייט צו גיין, און נישט געקענט פֿאַרטיק ווערן מיט איר טואַ־לעט. ענדלעך זיינען זיי שוין געווען גרייט. ער איז געלאָפֿן פֿאַרויס מיט שנעלע טריט, האַסטיק אַז עפֿן געטאָן דאָס טירל פֿון אויטאָ. ביידע האָבן זיך אַריינגעזעצט אינעווייניק, און די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, געפֿלויגן מיט אַ ווילדער שנעלקייט, געשניטן גאַסן און קוואַר־טאַלן, ביז זיי האָבן דערזען די הויכע געביידעס פֿון פּאָרט.

ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז סעניאָר רייכמאַן געבליבן שטיין פֿאַרווירט, ווי עס וואָלט אים אַפּגענומען דאָס לשון. ער האָט געקוקט פֿאַרגאַפֿט אויפֿן קרובֿ. האָט נישט געקענט פֿון אים אָפּרייסן די אויגן ווי פֿון אַ בייז־וווּנדער... אָט דער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, וואָס האָט אים אויסגעזען אַזוי פֿרעמד, אַזוי ווייט... דאָס איז דער טרויעריקער סך הכל פֿון זיין גאַנצער משפּחה... ער איז צוגעפֿאַלן צו דעם געקומע־נעם, אַרומגעכאַפּט, זיך איינגעקלאַמערט אין אים ווי ער זאָל מורא האָבן אים צו פֿאַרלירן, אַנגענומען אים פֿאַרן אָרעם און געפֿירט ווי אַ גראַטע־וועט קינד...

אויף צוריקוועגס, זיצנדיק צוזאַמען און וואַרפֿנדיק אַלע וויילע רח־מנות־בליקן אויפֿן „גרינעם", באַטראַכטנדיק פֿון אַ זייט זיין אויסגע־בלייכט געזיכט, זיינע אויגן וואָס האָבן געקוקט אַזוי פֿאַרטראַכט, האָט ער אים אַלע וויילע געקלאַפּט גוטברודעריש אין פּלייצע און אַריינגערעדט אין אים:

— זאָלסט גאָרנישט דאגה'ן. דו וועסט גאָרנישט דאַרפֿן טאָן, אַפֿי־לו נישט אַ פֿינגער אין קאַלט וואַסער.

און כדי אים נאָך מער צו מוטיקן, האָט ער צוגעגעבן:

— דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, וועסטו פֿאַרגעסן אין אַלץ! הערסטו? ווי ניי־געבוירן וועסטו זיין! דאָ איז אַ פֿריי לאַנד, יעדער איינער קען לעבן ווי ער וויל, — ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אין מיטן, געוואָלט ברענ־גען אַ באַשטעטיקונג צו זיינע רייד און נישט געפֿונען אויפֿן מאָמענט. געטראַכט אַ וויילע, און צוגעגעבן פּאַטעטיש:

— דאָ קענסטו זיך אַוועקשטעלן אין מיטן גאַס, אויסריידן כל דבר־אסור אויפֿן פּרעזידענט אַליין, און קיינער וועט דיר גאָרנישט טאָן. ער האָט געקוקט מיט טריומפֿירנדיקע בליקן צופֿרידן פֿון זיין געלונגענעם פֿאַרגלייך.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו זיין הויז. פֿון ווייטנס האָבן די שי־מערירנדיקע בלישטשלעך פֿון די ווענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינע שפּליטערס פֿון אַ רעגן־בויגן געמיניעט זיך אין אַלערליי פֿאַרבן אַנטקעגן דער זון. אַ רונדער באַלקאָן מיט פֿאַרפּוצטע גיפּסענע געזימסן, האָט גע־קוקט מיט פֿאַריסענעם שטאָלץ אין גאַס אַריין, זיך גע'יחס'נט אַנטקעגן די שכנותדיקע געביידעס... אין פֿראָנט איז געשטאַנען אַ הויכער פּאַלמע־

בוים, מאַיעסטעטיש אַראָפּגעקוקט פון אויבן אַראָפּ, מיט זיינע פּאַלמען בלעטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרינע פעכערס, געשטאַנען ווי אַ געטרייער שומר, געוואַכט איבער דעם נייעם הויז... פאַרשפּרייט קילע שאָטנס אַרום זיך, און געקוקט מיט גאווה און שטאָלץ, צו די סימעטרישע בלומענבייטן וואָס זיינען געווען פאַרפלאַנצט אַרום אים, און צוגעגעבן דער שטוב אַ מער חשיבות׳דיקן אויסזען.

פון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן פון די פענצטער, האָט זיך געטראָגן אַ געמיטלעכע שטילע רואיקייט... סעניאָר רייכמאַן האָט אָנגעוויזן מיט שטאָלץ: — דאָס איז מיין אייגן הויז, אַליין געבויט מיט עטלעכע יאָר צוריק.

זיי זיינען אַריין אינעווייניק. אַרום טיש זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע פריינט. דאָס האָט ער זיי פריער אַלעמען צווויסן געגעבן, אַז היינט קומט דער „גרינער". ער האָט אים פאָרגעשטעלט מיט טרערן אין די אויגן, אַלס זיין „איינציקן קרוב", וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער גאַנצער משפחה, און גלייך אים אָנגענומען פאַרן אָרעם. ווי ער וואָלט מיט דעם זשעסט געגעבן צו פאַרשטיין: „היינט האָב נאָר איך דאָס רעכט מיט אים צו ריידן און פאַרברענגען. דאָס האָב איך פאַרלאָרן צייט און געלט אים אַראָפּצוברענגען". ער האָט אים געפירט איבער אַלע צימערן. געוויזן דאָס מעבל, די ברייטע אויסגעבעטע שטולן וואָס זיינען געשטאַנען ווי מיט אָפענע אָרעמס, גרייט אויפצונעמען די חשובע געסט. דאָס קרישטאָלענע געשיר, וואָס האָט שימערירנדיק געווונקען פון די גלאַנציקע שאַפעס. דאָס שאַרפע ליכט האָט אַזש געבלענדט די אויגן.

סעניאָר רייכמאַן האָט אויפגעכאַפּט דעם גרינעמס פאַרוווּנדערטע בליקן, וואָס האָבן אויסגעדריקט איבעראַשונג און דערשטוינונג פון זיין עשירות, פון זיין לוקסוסדיק־איינגעאָרדנטן הויז. ער האָט אים פּרובירט געבן צו פאַרשטיין, אַרויפלייגנדיק צאַרט זיין האַנט אויף יענעמס אַקסל:

— פאַרשטייסטו מיך, אין צייט פון דער מלחמה האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע אָפּגעלעקט אַ פעטן ביינדל. מענטשן זיינען געוואָרן רייך איבערנאַכט... די לאַגערן פון סחורות זיינען געוואַקסן, זיך פאַרמערט ווי נאָך אַ רעגן... ער האָט זיך דערביי צעלאַכט מיט אַ צופרידן הירזשנדיק געלעכטערל, צוגעבנדיק:

— איצט איז שוואַכער. עס איז אַ ביסל אַ קריזיס אין לאַנד. ווי נאָך אַ מלחמה...

סעניאָר רייכמאַן איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי סתם נישט געגלויבט זיינע אויגן. ער האָט געקוקט מיט שטוינונג, ווי דער גרינער האָט האַסטיק זיך באַפרייט פון זיין אָרעם. זיינע אויגן האָבן געקוקט צו אים מיט ביטול, באַדויערן און פאַראַכטונג... האָט אַ פּראַל געטאָן די טיר און איז אַרויס מיט שנעלע טריט, ווי ער זאָל וועלן וואָס גיכער זיך דערווייטערן פון אים...

סעניאָר רייכמאַן האָט זיך געפילט פאַרלוירן, האָט געקוקט צו זיין פרוי, וואָס האָט ארומגעשמאַיעט ארום די געסט, געשמייכלט צו אַלע־מען, האָט מיט אַמאָל פאַרשנורעוועט די ליפּן, געוואָרן ערנסט, געשאָקלט מיט דעם קאָפּ. ווי זי וואָלט דערלעבט נקמה אין אים, פאַר וואָס ער האָט זי נישט געפאָלגט, רק געהאַלטן אין איין ארומלויפן, פאַרלאָרן צייט און געלט אַראָפּצוברענגען דעם גרינעם, און איצט האָט דער גרינער אים גע־מאַכט צום נאַר, צו לייטיש געלעכטער. זי האָט ארויסגעוואָרטשעט מיט פאַרביטערונג:

— דאָס דאַנקט ער דיר אָפּ, דיין טייערער פריינטל, פאַר וואָס דו האָסט אַזוי פיל געטאָן פאַר אים... קיין זאַך איז פאַר דיר נישט שווער געווען אים ארויסצוראַטעווען... איצט צאָלט ער דיר אָפּ, אַ שיינע ריינע כפרה אויף דיר!

ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק אירע ווערטער. איז אַריין אײ־נעם זאַל צו די געסט. אַלע האָבן געגלאָצט מיט פאַרווונדערטע אויגן. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט און פאַרשעמט, און כדי צו פאַרגלעטן דאָס געשעעניש, האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, און געזאָגט מיט אַ טאָן פון מיטלייד און באַדויערן:

— נישט צו באַוווּנדערן די גרינע. זיי האָבן אַזוי פיל דורכגעמאַכט, די ליידן... זיי זיינען נעבעך נישט מיט אַלעמען... און צו פאַרווישן דעם שלעכטן איינדרוק, האָט ער ארויסגענומען אַ פּעקל קאָרטן און אָנגעהויבן טיילן די פאַרזאַמלטע געסט.

* *
*

דער גרינער איז אַרויס מיט שנעלע טריט, געפילט ווי עפּעס טרייבט אים, ער זאָל זיך אַלץ מער דערווייטערן פון זיין קרוב׳ס הויז... אַ דראַענ־דיקע זאַך בייטשט אים איבערן רוקן, און מאַכט ער זאָל איינבויגן זיין געשטאַלט. זיינע בלייכע אויסגעצויגענע באַקן האָבן באַקומען אַ טונ־קעלן אַש־קאָליר און דער נערוועזער שיקל פון זיינע אויגן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כסדרדיקן צוקן ווי ביי אַ גוססדיקער בהמה.

ער האָט געשפּירט ווי טיפע אומרואיקע כוואַליעס שטייגן אין אים, קלאַפּן אין די ווענטלעך פון זיין מוח, און אָט וועלן זיי פאַרפּלייצן זיין גאַנצן וועזן... זיין קרוב׳ס צינישער ענטפער וועגן זיין דערראַבעוועטן פאַר־מעגן... זיין הירזשנדיק געלעכטערל, זיין באַרימען זיך מיט זיין עשירות, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער מלחמה־צייט... האָבן אים דערמאָנט דעם גאַנצן גרויל און פּיין וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין די לעצטע יאָרן... די איבערמענטשלעכע ליידן און דערנידעריקונגען אין געטאָ... דאָס פאַר־

לירן אַלע זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס האָט אים אין גאַנצן דערשלאָגן... דערנאָך דאָס וואַלגערן זיך אין די לאַגערן... אַלץ האָט ווידער אויפגעטויכט פון די טיפענישן פון זיין נשמה. אַנטקעגן זיך האָט ער ווידער געזען זיין קרוב׳ס מגושמדיקן פעטן אויסגעכאַליעטן פנים, וואָס האָט געהירזשעט נאָכאַנאַנד. געקלאַפּט אים גוטברודעריש אין פּלייצע, איבערגעחזרט אַלע ווײַלע: — אַז ער וועט גאָר נישט דאַרפן טאָן — ווי עס זאָל אים אויסקומען צו לעבן אויף „בעטל־ברויט" ביי אים... זיינע רייד האָבן אים ווי דינע שאַרפע שפּיזעלעך געשטאָכן, פאַרשאַפט יסורים, און ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט און דערשלאָגן.

די דורכגעלעבטע קאָשמאַר־בילדער וואָס האָבן געטליעט, געדרימלט אין זיין געמיט האָבן איצט ווידער אויפגעוואַכט, און געוועקט אין אים אומרו און טרויער, יאוש און פאַרצווייפלונג...

ער האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג, ווי ער זאָל וועלן אַלץ מער זיך דערווייטערן — ניין, איך קען זיין הילף נישט אָנעמען! — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן אויפן קול, און דערביי געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס געלט, זיין הילף, וועט זיין אַ פאַרשוועכונג פאַר זיינע נאָענטסטע און טייערסטע. אַ לעסטערונג פון זייער הייליקן אָנדענק... — ווײַל אין דער זעלבער צייט, ווען זיין קרוב האָט דאָ געלעבט רואיק, גע׳מסחרט, געווען פאַרטאָן וועגן אָנזאַמלען עשירות... זיינען דאָרטן אין דער אַלטער היים, אויסגעראָטן געוואָרן אַזוי גרויזאַם און אכזריותדיק זיין משפחה... דאָס גאַנצע שטעטל... און אַזוי פיל דורות יידן... וואָס נאָכן דורכלעבן די איבערמענטשלעכע לײַדן זיינען זיי אַוועק געלייטערטע אויף קידוש־השם...

שאָדן־פרייד

דאס קליינע, רואיקע שטעטעלע, וואס ליגט ביים ברעג ים, מיט די ברייטע אספאלטירטע גאסן און רויטע געקעסטלטע טראטוארן, איז באשיצט פון איין זייט מיט א הויכן בארג, און פון דער צווייטער — מיט א געדיכטן באוואקסן עקאליפטוס־וועלדל. די ווינטן, וואס פארבלאנדזשען דא אהער, ווערן גלייך ארומגערינגלט פוןביידע זייטן, איינגעהאמעוועט אין זייער צעפראלטן געיעג, ווי מען נעמט איין שטיפעריש־צעלאזענע קינדער זיי זאלן נישט אנמאכן קיין רעש און טומל און זיי זאלן נישט שטערן די געמיטלעכע מאיעסטעטישע רואיקייט פונעם שטעטל, וואס איר מיסיע איז — צו בארואיקן די צעשרויפטע נערוון פון די שטאטישע טוריסטן, וועלכע דארפן רו און פארנעמען נישט קיין שום טומל און געפילדער.

דאס וועלדל הויבט אן רוישן מיט זיינע צווייגן, ווי עס זאל ווארענען די דערנענטערנדיקע ווינטן זיי זאלן נישט וואגן צו שטערן די ארומיקע שטילקייט.

די ווינטן, וועלכע בלייבן איינגעקלאמערט פון ביידע זייטן, בייזערן זיך מיט אן אנמעכטיקן וואיען, דערשרעקן זיך פאר דעם רוישנדיקן וועלדל מיט זיינע שורשנדיקע צווייגן, פאר דעם טונקל־גרויען בארג, וועלכער ליגט אנטקעגן און זעט אויס ווי א שלאפנדיקער גיגאנט, וואס קען מיטאמאל זיך אויפכאפן.

די ווינטן צעגייען זיך, שפרייזן אוועק מיט רוישלאזע טריט, ווי זיי וואלטן זיך געשארט אויף די שפיץ־פינגער, אנגעשפארט אויף די רוקנס פון די ים־כוואליעס, וועלכע רונצלען זיך מיט הכנעה, רודערן זיי, ווי מיט אומזעבארע וויאסלעס אין דער טיפעניש, און פארשווינדן אין אפענעם ים, אין ענדלאזן רוים.

די איינוווינער ציען זייער פרנסה פון די טוריסטן, וואס קומען די

עטלעכע מאנאטן פון יאר, און דאס גאנצע שטעטל באשטייט מערסטנטייל פון האטעלן און פענסיאנען, וואס גרויסן זיך מיט זייערע אפענע טעראסעס און באלקאנען, אונטערגעשפארטע מיט די רונדע סלופעס ביים אריינגאנג, באפוצט מיט גיפסענע געזימסן, זעען זיי אויס ווי טריומף־טויערן גרייט אויפצונעמען די חשובע געסט, די הויך־געשעצטע טוריסטן.

די האטעלן זיינען פול מיט אן א שיעור פענצטער, וואס קוקן ארויס מיט נייגעריקייט צום ים פון אנטקעגן, ווי זיי וואלטן עפעס זוכן אין דעם וייטן סודותדיקן האריזאנט.

אין די שטילע פרימארגנס ביים זונען־אויפגאנג, אדער אין די רואיקע פארנאכטן, אין שקיעה־צייט, ווען די בלוילעכע שפיצן פון די ביימער פון עקאליפטוס־וועלדל צינדן זיך אן מיט א גאלדענעם שיין און דער בארג פון אנטקעגן ווערט באלויכטן פון א פורפור־רויטן אפגלאנץ, ווי מ׳וואלט אנגעצונדן א ריזיקן שייטער אין האריזאנט, דאן שפיגלט זיך אפ אין די פיל שויבן, א קאמבינאציע פון פארשיידנארטיקע קאלירן, וואס גיבן צו די געביידעס א פאנטאסטישן אויסזען, ווי זיי וואלטן נישט געווען קיין מאדערנע בנינים געבויט לויט די כללים פון דער לעצטער ארכיטעקטור, נאר מיטלאלטערלעכע פאנטאסטישע שלעסער, וואס זיינען פול מיט ברענענדיקע רויטע פאקלען צו באלייכטן די טונקעלע געדרייטע לאבירינטן.

אין די ווינטער חדשים שטייט דאס גאנצע שטעטל און פוסטעוועט. די האטעלן פארהאקן טיר און טויער. פון די ליידיקע טעראסעס, פון די פוסטע קארידארן און פון דער אומעטיקער פלאזשע ווייעט א פוסטקייט, א טרויער, וואס צעגייט זיך ארום און ארום.

די שווערע אומעטיקייט צעשפרייט זיך אין חלל פון דעם פארלאזענעם שטעטל, וואנדערט איבער דעם ים־אויבערפלאך און בלייבט הענגען אויף די בלוילעכע שפיצן פון די ביימער פון עקאליפטוס־וועלדל.

אין שקיעה־צייט הערן זיך שטילע, מעלאנכאלישע טענער, וואס וויברירן אין דער לופט, ווי די ביימער און דער גאנצער ארום וואלטן אויסגעזונגען מיט דינע, צארטע מעלאדישע געזאנגען זייער בענקשאפט און אנגסט נאך די זארגלאזע מענטשן, וואס קומען פארברענגען, ווארפן אראפ פון זיך דעם יאך און פרייען זיך און שטיפן ווי קליינע קינדער; נאך דעם קינדערשן טומל און געלעכטער, וואס פילט אן דאס שטעטל פון ברעג צו בארג, נאך דעם כישופדיקן רייץ און יוגנטלעכן לוסט, וואס פרויען פארשפרייטן ארום זיך, צינדן און וועקן פארבאהאלטענע באגערן. אין די טונקעלע נעכט זעען אויס די פרויען אויף דער פלאזשע ווי פאספאר־פליגעלעך, וואס באלייכטן די פינצטערע וועגן אין א הייסער זומער־נאכט.

דער איינציקער פון גאנצן שטעטל, וואס איז נישט צופרידן מיט די טומלדיקע געסט, מיט די געשרייען און געפילדער פון די טוריסטן, דאס איז — די הייליקע סטאטוע, וואס געפינט זיך אויפן סאמע שפיץ

בארג, וואס פארקערפערט מיט זיך דעם באשיצער קעגן אלדאס בייז... פון אלע אנשיקענישן, שלעכטע קראנקהייטן. ער קוקט אראפ צו די מענטשן וואס דערנענטערן זיך צו אים מיט א ליבלעך שמייכלענדיק — מילדן פנים. ער האלט אויסגעשפרייט די הענט, גרייט אלעמען ארומ־צונעמען און באשיצן... ער ווערט אויך באזוכט פון אלטע פארזעסענע מוידן, וואס קומען בעטן ביי אים — ער זאל זיי צושיקן חתנים...

זיי דערנענטערן זיך צו אים מיט שטילע גאטספארכטיקע טריט. ווארפן אריין מטבעות הינטער דער פארצאמונג, וואס רינגלט ארום דעם הייליקנס געשטאלט און שיצט אים פון דער זון, רעגן און ווינט... זיי פאלן אויף די קני, שטרעקן אויס די הענט און פליסטערן א געבעט און גייען דערנאך אוועק מיט א פארגרינגערטן געמיט...

פון אלע זייטן ציען זיך געדרייטע וועגן אויף דעם משופעדיקן בארג, און כאטש זומער זעט מען א סך מער מענטשן, וואס זיינען עולה־רגל צו אים און אנדערע וואס קראשקען זיך מיט די קני דעם גאנצן וועג, דראפען זיך בארג ארויף איבער די געדרייטע געשלענגלטע וועגן דער־פילנדיק א צוגעזאגטן נדר זייערן... איז אבער דוקא זומער־צייט דעם הייליקנס געשטאלט, ווי איינגעהויקערט, פארוויינט און פארמרה־שחורהט, ווי ער וואלט נישט געקענט פארליידן דעם טומל און געלעכטער פון די מענטשן, וואס האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם גאנצן יאך... און שטיפן אזוי הפקרדיק־פריי און פארגעסן אין אלץ...

ער קען אויך נישט צוזען דאס צעלאזענע אויפפירן זיך פון די פרויען, וואס לאזן ברוינען זייערע אנטבלויזטע קערפערס אנטקעגן דער זון פאר פרעמדע אויגן, קרעמפן איין זייערע גופים אין איינגעשטייפטע באד־קאסטיומען, כדי מען זאל בולטער ארויסזען די צארטע ליניעס פון זייערע קערפערס און וועקן צו זינדיקע מחשבות.

דער בארג אויף וועלכן דער הייליקער געפינט זיך, ליגט רואיק און גלייכגילטיק צו אלץ, ווי ס׳וואלט אים נישט אנגעגאנגען אלץ וואס טוט זיך אויף אים און ארום אים... און פון ווייטנס זעט ער אויס, ווי א טונקל־גרויע משונהדיקע חיה, א פרעהיסטארישער מאמאנט, וואס האט פארבלאנדזשעט דא לעבן ים און ליגט און דרימלט און אט וועט ער זיך אויפכאפן, אראפשאקלען פון זיך דאס גיפסענע געשטאלט, וואס ליגט אים ווי א הארב אויף זיינע פלייצעס, וואס וועט אראפפאלן און צעשאטן ווערן אויף פיצלעך, ער וועט אנהויבן שפאנען מיט ריזיק־גרויסע טריט און וועט צעטרעטן אלץ וואס ער וועט אנטרעפן אויפן וועג.

אין דעם דאזיקן רואיקן שטעטל וווינט שוין לאנגע יארן מאוריסיא קליינמאן. ער איז א מענטש פון הויכן וווקס, א צעוואקסענער, מיט ברייטע פלייצעס, וואס זענען אים געבליבן בירושה פון שלעפן די פעק, די ברייטע אנגעשטאפטע קוישן סחורות, מיט א שווערן טאפטשענדיקן גאנג, וואס קומט אים פון ארומשלעפן זיך איבער די וועגן.

די פרוי זיינע איז פּונקט דער קעגנזאַץ פון אים; זי איז אַ ניד־דעריקע, אַ דראַבנינקע, וואָס ווערט ווי פאַרלוירן אַנטקעגן זיין הויך־צעד־וואַקסענעם געשטעל. זי שטייט אָבער נישט אָפּ אין דער אַרבעט אַנטקעגן אים. זי שטייט ווי אַ קרוג גאַנצע טעג אין געשעפט און העלפט דעם מאַן אין דער פּרנסה.

זיי פאַרמאָגן אויך איין איינציקן זון, וואָס ביידע ציטערן איבער אים און טראַכטן, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועלן זיי אים שיקן לערנען פאַר אַ דאָקטער אין דער גרויסער שטאָט. זיי לייגן גרויסע האָ־פענונגען אויף אים, אַז מיטן זונס ענדיקן און באַקומען דעם דיפּלאָם, וועלן זיי אויך ווערן דערהויבן. מען וועט זיי אָפּגעבן כבוד, מען וועט זיך רייסן איבער אים. מען וועט אים געבן אַ הויכן נדן... און מיט דעם וועט זייער פריערדיקער שטאַנד פאַרגעסן ווערן.

ער איז איינגעפונדעוועט, ווי צוגעוואַקסן צום אָרט. אויסערדעם וואָס ער האָט אַ גרויס געשעפט, וווּ מען קען קריגן פון אַ נאָדל ביז די טייערסטע שטיקער זיידנס, פאַרמאָגט ער אויך אייגענע האָטעלן, וואָס ברענגען אים אַריין אַ היפּשע הכנסה.

ער וואָלט שוין אויסגעלעבט אַזוי זיינע יאָרן, ווען נישט אַ פּלוצ־לימדיקער בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן און וואָס האָט אים אינגאַנצן צע־רודערט, צוגענומען ביי אים די גאַנצע רואיקייט און איינגעפונדעוועטקייט, ווי דער דערהאַלטענער בריוו וואָלט אים דערמאָנט, — אַז אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן און געבויט, שטייט אויף הינערשע פיסלעך, אויף אַ וואַקל־דיקן באָדן... און איז נישט זיכער, ווי עס וואָלט נישט געווען זיינס דאָס פאַרהאָרעוועטע און אויסגעפּראַצעוועטע האָב און גוטס, וואָס ער אַליין האָט מיט זיינע צען פינגער דעראָבערט.

דער בריוו איז געווען פון דער פרוים משפּחה — אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען געבליבן לעבן, געפינען זיך אין אַ לאַגער און קוקן זיך אויס די אויגן, אַז ער זאָל זיי אַריבערנעמען, ווינטשן זיך צו דערלעבן דעם גליקלעכן טאָג — צו פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד... די מיט בלוט־באַפלעקטע ערד...

דער בריוו האָט פון אים געריסן שטיקער. דער געדאַנק, אַז זיינע פריינט, פון דער פרוים משפּחה, וואַרטן אויף זיין הילף, זיצן דאָרט אין לאַגער און גאַרן מיט אומגעדולד צו אַנטלויפן, ווי די טריט וואָלטן גע־ברענט אונטער זיי... ווי דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון זייערע פריינט און קרובים וואָלט געשריען צו זיי... — דער געדאַנק האָט צוגענומען ביי אים די רואיקייט און געמיטלעכקייט...

ער האָט נישט געקענט רואיק איינשטיין אונטערן טאַמבאַנק און אויסהערן די נודנע רייד פון די קונים... דאָס פּולע געשעפט מיט סחורות, די אָנגעשטאָפּטע פּאָליצעס, וועלכע האָבן אים אָנגעפילט מיט חשיבות, מיט זיכערקייט, נישט־פאַרגעסנדיק קיינמאָל, ווי אַזוי ער האָט זיך געפּלאָגט

די ערשטע יאָרן פון זיין קומען דאָ אין לאַנד, אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווערן קויש איבער די „טשאַקרעס", אויסגעמאָסטן דאָס גאַנצע לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, ווו געטאָגט, דאָרטן נישט גענעכטיקט ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן געשעפט, און איצט מיטן באַקומען די ידיעה פון זיינע גראַטעוועטע פריינט, האָט אים אַלץ אויסגעזען ווערט־לאָז און איבעריק...

פון זיין פרוי האָט ער שטענדיק געהערט, אַז די פריינט האָבן אין דער אַלטער היים געפירט גרויסע מסחרים, געהאַנדלט מיט אויסלאַנד, געלעבט ברייט און אומעטום געשפּילט די ערשטע פידל, און דאָ מיט־אַמאָל אַזאַ סוף־הכל. זיצן און וואַלגערן זיך אין די לאַגערן און שטרעקן אויס זייערע הענט צו אים נאָך הילף... אָט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון געפילן און געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן איינע אין די אַנדערע אין זיין רעיון, האָבן געשאַפן אין אים אַן אומרואיקייט, אַ נערוועזע שפּאַנונג. ער האָט באַשלאָסן, זיי אַריבערצונעמען און ווי זיי וועלן נאָר אַהער קומען, וועט ער זיי העלפן מיט דער פולער האַנט, וועט זיי איינ־אָרדענען אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן אין אַלע צרות...

* *
*

ס'איז שוין אַריבער אַ צייט ווי די פריינט זיינען אָנגעקומען אין לאַנד און געוווינט ביי אים און דערמיט געשאַפן אַ גיהנום אין שטוב.

מאָוריסיאָ קליינמאַן איז געשטאַנען אין זיין געשעפט, ווו די אָנ־געוואָרפענע שטיקער סחורה זיינען געלעגן אַז אַ טאָלק אויף די טישן, אין די פּאָליצעס, און ס'האָבן זיך אים נישט געלייגט די הענט עפּעס צו טאָן, ווי דער נאָגנדיקער געדאַנק וואָלט אים געשטורכעט אין מח, גע־קלאַפּט אין אַלע קעמערלעך פון זיין וועזן און זיי נישט געלאָזן זיך באַ־וועגן.

ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט שטאַרע אָנגעשטרענגטע בליקן אויף איין פּונקט, ווי ער זאָל זוכן פון ערגעץ הילף און געטראַכט — „אַז קיי־נער קען אַזויפיל נישט טאָן שלעכטס אַ צווייטן, ווי אַ מענטש זיך אַליין". אַז דאָס האָט ער אַליין בידים זיך אַריינגעפירט אין אַ בלאָטע, גענומען אַזאַ יאָך אויפן קאָפּ, וואָס האָט אים געמאַכט אויס מענטש. טאָמער — נאָך אַזויפיל פּלאָגעניש, פון אַרומשלעפּן זיך מיט אַ שווערן קויש איבער די איינגעבויגענע פּלייצעס, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, זיין נע ונד, ווערן אויסגעריסן פון דער שווערער משא, וואָס פלעגט אים בויגן צו דער ערד, — האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַן אייגן געשעפט, צו אַן איינ־געפונדעוועטער פּאָזיציע, ער זאָל קענען געניסן פון אַ רואיק לעבן, — איז

אַיצט, מיטן אַריבערברענגען די גרינגע — זיין געמיטלעכע רואיקייט צע־שטערט געוואָרן...

קיין זאַך איז זיי נישט געפעלן געוואָרן. אויף אַלץ האָבן זיי געגראַ־טשעט מיט די אויגן. געקוקט אויף אַלץ מיט קנאה, ווי זיי וואָלטן אים נישט פאַרגונען דעם ביסן פון מויל, געטאַפּט, געמאַדזשעט מיט די הענט די שווערע שטיקער מעבל, וואָס זיינען געווען צעשטעלט ביי אים אין די צימערן, אויסרעכענענדיק וויפל עס קען באַטרעפן. זיי זיינען אַרומ־געגאַנגען שלינג און שלאַנג, אויף אַלץ געקרימט מיט די נעז. דאָס גע־פעלט זיי נישט, און יענץ שטייט זיי נישט אָן, און דערווייל געלעבט אויף זיין חשבון, אויף זיין קאַרק.

ער האָט דערהערט שטילע טריט. זיין פרוי האָט זיך דערנענטערט צו אים און געזאָגט:

— מען דאַרף גיין עסן. דער טיש איז שוין גרייט. עס ווערט אַלץ קאַלט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און די אָנגעשטרענגטע מוסקלען פון זיין פּנים, וועלכע זיינען בשעתן טראַכטן געווען פאַרשטייפט און אָנגעצויגן, האָבן אויף אַ ווײַלע נאָכגעלאָזן. זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומ־צופרידענער גרימאַסע.

ער האָט איר נאָכגעקרימט — עסן, עסן, — דיר ליגט נאָר איין זאַך אין זינען — עסן. ווייטער גייט דיר קיין זאַך נישט אָן. דיינע גרינגע פאַרצאַפּן מיר אַזוי דאָס בלוט, אַז עס פאַרגייט מיר שוין פון אַלץ דער טעם און חשק. עס ליגט מיר קיין זאַך נישט אין זינען... איך גיי דאָך אַרום אויס מענטש... מען קען דאָך קריגן פון זיי די אַפּאָפּלעקציע... — האָט ער אויסגעשריגן מיט ווייטיק. — אַרבעטן ווילן זיי נישט. קיין זאַך געפעלט זיי נישט, נאָר גיב זיי. שיט אין אַ לעבעדיקן זאַק... ביז וואַנעט איז דער שיעור? און דאָס איז — ווייל זיי שטאַמען פון דיין משפּחה — האָט ער צוגעגעבן סאַרקאַסטיש, ווי ער וואָלט געפונען אַ שעת־הכושר פאַר איין וועגס זיך אויך אָפּצורעכענען מיטן ווייב. אַלע זייט איר אַזוי, פאַרדאַרבענע מענטשן! עגאָאיסטן! פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן זייט איר גרייט יענעם אומצוברענגען, קוילענען אַן אַ מעסער... אַ מענטש קען אויסגיין פאַר אייערע אויגן און איר וועט אפילו נישט מיט קיין ברעם אַ פינטל טאָן... אַלץ וואָס אייך ליגט אין זינען, איז — זיך אַליין... דעם אייגענעם חומר... אַז איך האָב געהאָרעוועט, געפינצטערט — דאָס ווילן זיי נישט וויסן, נאָר אַז איך פאַרמאָג אַ געשעפט — דאָס איז זיי גרויס אין די אויגן. זיי קענען מיר דאָס נישט פאַרגינען... ווען איך זאָל זיי צעטיילן דאָס וואָס איך פאַרמאָג און בלייבן ביי גאָרנישט, וואָלטן זיי דע־מאָלט געווען צופרידן...

די פרוי האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי זי זאָל וועלן אָוועק־מאַכן זיינע רייד און געזאָגט מיט אַ רואיקן מיושבדיקן טאָן:

— וואָס ווילסטו פון זיי? לאָז זיי קומען צו זיך, זיך אויסטשוכען פון דעם קאַשמאַר, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט. זיי ווייסן דאָך נישט אויף וואָס פאַרא װעלט זיי גייען אַרום. זיי האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, דורכגעמאַכט, און דו פילסט זיי אַפילו נישט מיט... — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף.

ער איז אויפגעשפּרונגען. געקלאַפּט זיך מיטן פויסט אין האַרצן און זיך צעשריען:

— דײַנע װערטער מאַכן מיר אַ לאָך טיף אינעווייניק. דו וואַגסט צו זאָגן, אַז איך פיל זיי נישט מיט? איך וואָס האָב פאַרלאָרן צייט און געלט זיי אַריבערצונעמען, אומעטום אַרומגעלאָפן, אַרומגעשמייעט, אָנגע־שפּאַרט אַזש אין די הויכע פענצטער, נישט גערוט ביז איך האָב זיי אַרי־בערגעבראַכט. וואָלט איך דיר אַלץ מוחל געווען, ווען זיי זאָלן זײַן מענטשן. פאַרשטיין, מיטפילן, אָבער דאָס זײַנען דאָך חיות. אינגאַנצן פאַרווילדעוועט, האָבן אין זיך נישט קיין שום מענטשלעכן געפיל...

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אינמיטן. געבליבן שטיין אין אַן אָפּוואַרטנ־דיקער פּאָזע, ווי ער וואָלט דערזען אַנטקעגן זיך זײַנעם אַ געפערלעכן שונא, וואָס טשאַטעוועט אויף אים און זוכט אים אונטערצוברענגען... אויף זײַנע ליפּן זײַנען געבליבן הענגען די נישט־אַרויסגעזאָגטע ווער־טער.

מאָריסיאָ קליינמאַן האָט דערזען דעם גרינעם, ווי ער איז אַריין אין געשעפט מיט שווערע טריט, ווי ער זאָל בכיוון וועלן אָנמאַכן אַ טומל און געקוקט צו אים מיט אַרויסרופערישע בליקן.

דאָס איז געווען אַ מיטליאַריק מענטשל פון נידעריקן וווקס, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן, וואָס האָבן אויסגעדריקט פאַרביסנקייט, מיט גערוועזע שיקלדיקע אויגן, וואָס זײַנען נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, זיך באַוועגט הין און צוריק, ווי זיי זאָלן זוכן צו אַנטלויפן, זיך אויס־באַהאַלטן פון עפּעס... מיט אַ פאַרשפּיצט גאַמבעלע, וואָס האָט זיך גע־שטערקט פאַריסן פאַרוים און געגעבן צו וויסן, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן אים צו פאַרהאַלטן און זיך אַנטקעגן צו שטעלן...

דער גרינער האָט געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער, ווי ער זאָל פאַר־זעצן דעם פריערדיקן געשפּרעך, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט זײַן אַריינקומען:

— איך האָב טאַקע געוואָלט ריידן מיט אײַך. — וואָס וועט זײַן דער תכלית?

מאָריסיאָ קליינמאַן האָט נישט געקענט איינשטיין, געפילט ווי דאָס האַרץ וואַרפט זיך און ציטערט אין אים פון כעס. ער איז אַרויס פון הינטער דעם טאַמבאַנק, געשטורכעט אים מיט די פינגער אין פּנים און געזאָגט:

— איך וויל טאקע פרעגן — וויפל איז דער שיעור צו ליגן אויף מיין קארק? זיך אנגעזעצט אויף מיר, א גאנצע כאפטע ווי א באנדע היישעריקן און פרעסן פון גרייטן. גייען ארום שלינג און שלאנג, פוסט און פאס, טוען נישט אריין א פינגער אין קאלט וואסער, נאר צאפן פון מיר דאס בלוט, מיין פארהארעוועטע פראצע. און ווענדנדיק זיך דירעקט צו אים — האסט ער געזאגט מיט פארביטערטקייט — דו ביסט נישט קראנק צו גיין ארבעטן, דו מיט דיינע בנים! איר האט מער כוח פון מיר! אפילוביים ברוק, שלעפן שטיינער וואלט איך געגאנגען, איך וואלט געטאן כל עבודת פרך, און איך וואלט זיך נישט אנגעלייגט אויף יענעם, ווי פאַ־ראזיטן...

דער גרינער האט זיך צוגערוקט נענטער צו אים און אים אריינגע־שפיצט מיט דער גאמבע אין פנים, אים איבערגעקרימט:

— אזוי, דו ווילסט, אז מיר זאלן גיין ארבעטן ביים ברוק, האַ? האקן שטיינער, אוועקלייגן די כוחות, פאטערן דאס געזונט. אויף דעם האסטו אונדז אריבערגענומען?

— און איך האב נישט געהארעוועט די ערשטע צייטן פון מיין קו־מען דאַ? איך האב געשלעפט שטיינער, געטראגן ציגל, געארבעט ביי וואס עס האט זיך נאר געלאזט. און דא ארבעטן געפעלט זיי נישט, טא וואס ווילט איר? וואס האט איר זיך פארלייגט אויף מיר, מיך צו רואינירן, ברענגען צו גרונט?

— איך וויל דו זאלסט מיר געבן געלט, איך זאל קענען מאכן א געשעפט, מיר ארויסהעלפן די ערשטע צייט, איך זאל זיך קענען שטעלן אויף די פיס.

— ארויס פון מיין שטוב, דו בלוט־זויגער, אייער געביין זאל זיך דא מער נישט געפינען! איך וויל פון אייך מער נישט וויסן. אויפן שוועל וועל איך אייך מער נישט אריבערלאזן! אומדאנקבארע! גיב זיי געלט אויף צו מאכן געשעפטן, גיב זיי אלץ אוועק — וועלן זיי זיין צופרידן...
— די לעצטע ווערטער האט מאוריסיא קליינמאן גערעדט ווי צו זיך אליין, ווען דער גרינער איז שוין געהאט אוועקגעגאנגען, באווייזנדיק נאך פארן ארויסגיין אים צו דראען מיט האלב־פארשטיקטע ווערטער, וועלכע ער האט שוין נישט באוויזן אויפצוכאפן.

פון דאן אן איז מען געווארן אויף שטעכמעסערס מיט דער גאנ־צער משפחה. מאוריסיא קליינמאן האט אנגעזאגט דער פרוי זיינער, אז ער וועט אים אויפן שוועל נישט אריבערלאזן. אז ער וויל מער נישט וויסן פון זיי.

דער גרינער פלעגט ארומגיין זיך פארקלאגן פאר אלעמען, וואס דער קרוב זיינער, דער גרויסער גביר, וואס איז אנגעשטאפט מיט געלט, איז א מענטש אן א הארץ... האט זיי ארויסגעטריבן פון שטוב און געלאזט אויף גאטס באראט... און וויל זיי נישט העלפן, און געהאלטן אין איין

ווינטשן אים, אז דאס געלט זיינס זאל ער נאר אויסגעבן אויף דאקטוירים און רעצעפטן.

*   *
*

מיטאמאל איז זייער בן־יחיד, דאס שיינדל פון שטוב, וואס טאטע־מאמע האבן שטאלצירט מיט אים, האבן עס אפגעהיט, ווי אן אויג אין קאפ, פארשלאפט געווארן, געבליבן ליגן צו בעט און געקוקט מיט אומהיימלעכע הילפסלאזע בליקן דא צו זיין מוטער און דא אויפן פאטער. ביידע זיינען נישט אפגעטראטן פון זיין בעט. געוואכט איבער אים טאג און נאכט, ווי מיט זייער וואכן וואלטן זיי וועלן פארטרייבן די גרויסע געפאר, וואס לויערט אויף אים, אויף זיין יונגן לעבן.

ווען מאוריסיא קליינמאן פלעגט אמאל צושטיין צו זיין פרוי און איר זאגן, אז זי זאל זיך צולייגן א ווײַלע, זי קען נאך פאלן פון די כוחות, — פלעגט זי אנשטעלן אויף אים א פאר משונהדיקע ווילדע אויגן, געקוקט אויף אים מיט בייזקייט און רשעות, ווי ער זאל זיין דער שולדיקער אין זייער בן־יחידס קראנקהייט...

ווען מען פלעגט אים פרעגן אויפן זון, פלעגן זיך זיינע אויגן אנפילן מיט טרערן און זיין שטים, א צעוויטיקטע, א פארשטיקטע, ווי זי זאל קומען פון ערגעץ פון דער טיפעניש זיינער, פלעגט ארויסהעשען:

— ער איז שטארק חרוב, מיין זון. ער דארף גרויס רחמים.... און זיך צעכליפען אויפן קול, ווי א קליין קינד.

ער האט פארמאכט דאס געשעפט, אוועקגעלייגט אלץ אין א זייט און געלאפן צו דאקטוירים, זיי זאלן אים העלפן ראטעווען דעם בן־יחיד. די דאקטוירים פלעגן אים אנקוקן צעטומלט, פארלוירן. זייער שאקלען מיט די קעפ, זייערע באדויערנדיקע בליקן, זייער שווייגן, האבן אים געגעבן צו פארשטיין, אז אלץ איז פארלארן...

אין אן אוונט, ווען דאס גאנצע שטעטל איז געלעגן פארזונקען אין שלאף, זיך געטוליעט צום הויכן בארג, וואס אנטקעגן, ווי א סטאדע שאף צו זייער פאסטוך אין א מאמענט פון א געפאר, איז דער זעלבער צייט האט א יאמערלעך געוויין, דורכגעריסן די אנגעצויגענע שטילקייט פון שטעטל. אלץ האט זיך איבערגעוועקט און זיך איינגעהערט צו די הארצרייסנדיקע קולות מיט א פארכאפטן אטעם.

דאס האט מאוריסיא קליינמאנס פרוי באוויינט זייער בן־יחיד. געשטאנען איבער זיין בעט, וו ער איז געלעגן, ווי ער וואלט פארזונקען געווארן אין א טיפן שלאף מיטנעמענדיק מיט זיך זיינע נישט אויסגעלעבטע טעג און יארן, וואס וואלטן זיי געקענט פארשאפן אזויפיל פרייד. זי האט

זיך נישט געקענט טרייסטן, וואס ער איז אזוי פריצייטיק אוועק פון דער וועלט און איבערגעלאזט זיי אין עלנד און טרייסטלאזן צער...

מאוריסיא קליינמאן איז געשטאנען דערנעבן און זיינע ברייטע אקסלען האבן געצוקט, געציטערט פון א געוויין, וואס האט אפגעקלונגען טיף אינעווייניק אין אים. ער האט געהעשעט שטיל אין זיך, שטיקנדיק זיך מיטן יאמער, וואס האט געשפארט אין אים און האט זיך געריסן ארויסצוגיין אויף דער פריי.

די געציילטע יידן, וואס האבן געוווינט אין שטעטל, זיינען געקומען אפגעבן כבוד־המת. צווישן זיי איז אויך געווען דער גרינער. ער איז געגאנגען, ווי שטענדיק, מיט שווערע האסטיקע טריט, וואס האבן אפגעקלונגען הילכיק איבער די פוסטע גאסן פון שטעטל און דער שיקלדיקער בליק אין זיינע אויגן, האט איצט געלויכטן מיט שאדן־פרייד... ער האט אריינגערעדט צו זיי מיט א קול, וואס האט געקלונגען פרעמד און דערווידער:

— יידן, איר הערט? — גאטס שטראף האט זיך אויסגעגאסן אויף אים... דאס וואס איך האב אים געוווּנטשן איז מקויים געווארן. ער האט געזשאלעוועט דאס געלט, מיר נישט געוואלט העלפן. האט אים גאט באצאלט כפל כפלים... פון דעם געלט האט ער געדארפט פטרן אויף דאקטוירים און רפואות, און איצט האט ער ביי אים צוגענומען זיין בן־יחיד...

די עטלעכע יידן, וואס זיינען געגאנגען מיט אים, האבן אויסגעדרייט די קעפ, אנגעשטעלט אויף אים זייערע בליקן און נישט געקענט פארליידן די ציניש רייד פון דעם גרינעם, וואס האט זיך געפרייט מיט זיין קרובס אומגליק... געחוזקט מיט א צופרידענער הנאה פון יענעמס בראד... ווען עס האבן זיך געהערט די וויינענדיקע קולות און געיאמער, וואס האבן אפגעקלונגען אין דער פרימארגן־שטילקייט, ווי עלעגישע אקארדן פון א שווערן אומעט, וואס האט געוועקט א ציטער, אן אומהיימלעכקייט, האט דערמאנט, אז דער טויט איז דא נאענט, ווייעט מיט זיין קאלטן אטעם, און מאכט טראכטן פון יעדערנס סוף, וואס איז אומפארמיידלעך... און אז א יונג לעבן איז איבערגעריסן געווארן — און אז טאטע־מאמע וועלן זיך קיינמאל נישט קענען טרייסטן. פאר זיי וועט דער ווייטיק זיין שטענדיק, ווי א נישט־פארהיילטע וווּנד...

און אריינקומענדיק אין שטוב איז דער גרינער געבליבן ווי פארטראכט, נישט געקענט טאן א טראט ווייטער, ער האט דערזען זיין קרוב אן איינגעבויגענעם, א צעבראכענעם, א צונויפגעקארטשעטן, ווי ער יאמערט מיט א פארשטיקטן געוויין. די פרוי מאכט פארצווייפלטע זשעסטן מיט די הענט — שרייט מיט באנומענע הייזעריקע קולות, ווי זי וואלט וועלן אויסשרייען און דערציילן פאר אלעמען איר בראד, איר טיפן צער...

דער גרינער האט זיך געפילט דערדריקט אין קליינעם צימערל, וואס

איז פול געווען מיט קולות, געוואלדן און געיאמער. מיטאמאל איז אוועק די פיינטשאפט פון איינעם צום אנדערן, די קריגערייען די קנאה שנאה... דאס נישט קענען אנקוקן איינער דעם צווייטן, חרטה־געפילן האבן אים אנגעהויבן פייניקן... ווי ער וואלט געווען דער שולדיקער אין זיין קרובס אומגליק... ער האט געהאלטן די אויגן אראפגעלאזט צו דער ערד. זיך געשעמט צו קוקן עמיצן אין פנים... חרטה געהאט און זיך געשעמט, פאר זיינע פריערדיקע אויסלאכערישע ציניש רייד...

ער האט זיך דערנענטערט מיט וואקלדיקע פארשעמטע טריט צום קרוב, אנגעשפארט דעם קאפ אויף זיין ברוסט און ביידע האבן זיך צע־העשעט מיט א יאמערלעכן געוויין. — — —

דאָן סימאָן

דאָן סימאָן איז אַן אָנגעזעענע פּערזאָן אין דעם קליינעם רוסישן שטעטעלע, וואָס ליגט האַרט לעבן דער גרענעץ און וווּ ס׳איז שטענדיק דאָ אַ באַוועגונג פון פּויערים און „טשאַקאַרעראָס״, וואָס קומען איינקויפן זאַכן פאַר זייער ווירטשאַפט און טוריסטן פון די גרויסע שטעט, וואָס זוכן איינצוהאַנדלען מציאות אין די געשעפטן, יקר־המציאותן און אָנדענקונגען, צו ברענגען מתנות פאַר זייערע פריינט.

אין דעם גאַנצן אַרום ווייסט מען, אַז אין געשעפט פון דאָן סימאָן, איז פאַראַן אַ גרויסער אויסוואַל, וואָס אַ פאַמיליע דאַרף האָבן, סיי קליידער, סיי עסנוואַרג. ער באַהאַנדלט אַלעמען ראַיעל און אָרנטלעך. נעמט ביי קיינעם נישט איבער די פרייזן, און מיט דעם האָט ער געוואונען דעם צוטרוי פון אַלע איינוווינער.

דאָן סימאָן איז פון נידעריקן וווּקס, אַ דיקלעכער, מיט העל־בלאָנדע האָר וואָס האָבן דעם קאָליר פון צייטיקע זאַנגען. זיין בליק איז אַן אומזיכערער, אַ צוריקגעהאַלטענער, וואָס איז ענלעך צו זיין שטים, וועלבע איז אויך אַ הכנעהדיקע, אַן אונטערטעניקע. בשעתן ריידן בויגט ער איין עטוואָס דעם קאָפּ, אַ באַוויז, אַז ער שטייט געהאָרכזאַם צו יעדערנס ווונטש, איז גרייט נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג פון די קונים.

אַ סך פון זיינע קונדן, זיינען פון די אָרעמיקע „טשאַקרעס״, וואָס קומען איינקויפן פאַרשיידענע אַרטיקלען פאַר זייער באַלעבאַטישקייט. און זיי, די „טשאַקאַרעראָס״ האָבן שטענדיק אַ חשד קעגן די שטאָטישע סוחרים, אַז מען נאַרט זיי אָפּ, מען נעמט ביי זיי איבער די פרייזן.

זיי פילן זיך דעריבער היימיש און געמיטלעך ווען זיי טרעטן אַריבער די שוועל פון דאָן סימאָנס געשעפט. ער באַגריסט זיך מיט אַלעמען פאַמיליאַר און גוטברודעריש, סערווירט זיי אַ „מאַטע״, טרינקט מיט מיט זיי און פרעגט זיי בשעת מעשה אויף דער משפחה, אויף די שכנים,

און ווי אזוי עס איז די „קאַסעטשע" היינטיקס יאָר? מיט דעם וויל ער זיי באַווייזן, אַז עס גייט אים איצט נישט אָן און ס'ליגט אים אפילו נישט אין זינען זיין געשעפט, דער פּדיון. ס'איז אים וויכטיקער צו שמועסן און פאַרברענגען מיט זיי. ער לייגט זיי גאָרנישט פאָר, נאָר וואַרט מיט איינגעהאַלטענער גדולדיקייט.

נאָך אַ לענגערן שמועס, נעמען די „טשאַקאַרעראָס" אַליין זוכן און נישטערן אין די קעשענעס. נעמען ארויס אַ צעקנייטשטע פּאַפּירל, ווו עס זיינען פאַרשריבן אַלע „ענקאַרגעס", וואָס מ'האָט זיי פאַרצייכנט אין דער היים.

דאָן סימאָן ווערט רירעוודיק. זיין צעשוווּמענער בליק ווערט אָנגעשטרענגט און קאָנצענטרירט. ער הייבט אָן קלעטערן אויפן לייטער, ארויסנעמען פון די פּאָליצעס שטיקער לייוונט, שטיקער זיידנס, שיך, מאַנטלען, און פּאַקט עס זאָרגפעליק איין. ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק, טראָגט ער אונטער אונטערטעניק דאָס פּעקל, און באַקומענדיק דאָס געלט, בויגט ער זיך איין מיט הכנעה און דאַנקט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט.

ער פאַרגעסט אויך נישט ווען מען מאַכט בא אים אַ גרעסערן איינקויף, צוצולייגן אַ מתנה, וואָס די קונים נעמען עס צו מיט דאַנקבאַרקייט און צופרידנקייט. גייען אוועק מיטן געדאַנק, — אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גוטן איינקויף, און טראַכטן, — אַז „דאָן סימאָן" איז אַן אָרנטלעכער מענטש, און ס'איז גוט ביי אים צו קויפן.

די ערשטע צייט, ביים אָנקומען אין שטעטל, האָט זיך דאָן סימאָן געפילט זייער איינזאַם. ער איז געווען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און האָט זיך נישט געקענט צונויפלעבן מיט די אַרומיקע שכנים. די שמועסן זייערע פון באָקס, פוטבאָל און פערד־געיעג, האָבן אים געלאַנגווייליקט און נישט אינטערעסירט. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייִדן. פון די צימערן ווו ער האָט געוווינט, האָט פון אַלע ווינקלען געיאָגט די עלנטקייט און איינזאַמקייט. אַלץ איז געלעגן אין אומאָרדענונג, אַנגעוואָרפן און צונויפגעקאָדערט אין אַ טאָלק. מ'האָט געזען אַז עס פעלט דאָ אַ וואַכזאַמע, צערטלעכע פרויען־האַנט, וואָס זאָל אויף אַלץ אַכטונג געבן און האַלטן אָרדענונג.

מיט אַמאָל איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין לעבן פון דאָן סימאָן. צווישן די אַריינגייער און קונהטעס, וואָס זיינען טאָג־טעגלעך פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן, האָט זיך אויסגעטיילט איינע, וואָס האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. — דאָס איז געווען אַ טונקל־הויטיק מיידל, וואָס איז געקומען פון ערגעץ אַ וויטן געגנט, איז געווען אַליין און האָט קיינעם נישט פאַרמאָגט. דאָס מיידל פלעגט אים אָפּשטאַטן אָפּטע באַזוכן. אַלעמאָל פלעגט זי קומען מיט אַן אַנדער אויסרייד, און בלייבן דערנאָך אַ לענגערע צייט, און קוקן אויף אים שווייגעוודיק מיט אירע שוואַרצע אומעטיקע אויגן, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז

איר שטומער בליק רעדט צו אים אויף אַ געהיימער שפּראַך אַז ווערטער — אַט זיינען מיר ביידע איינזאַמע און עלנטע דאָ, לאָמיר זיך פאַרבינדן אין אַ שותּפותדיקן געמיינזאַם לעבן...

ביים פאַרמאַכן דאָס געשעפט, פלעגט זי בלייבן לענגער. העלפן אים איינלייגן די סחורות אויף די פּאָליצעס, מאַכן אַ לאַד. דערנאָך פלעגט זי אָנהויבן אויפראַמען די צימערן, איבערווישן אַלצדינג און אָוועקלייגן יעדע זאַך אויף אַן אָרט. צונויפקלייבן זיינע וועש, שטיין שעהן לאַנג, וואַשן און שווענקען די קויטיקע מלבושים און זיי דערנאָך אויפהענגען אין לאַנגן הויף.

דאָן סימאָנס שטיבל האָט אויפגעלעבט. איבער די צימערן זיינען מיט אַמאָל פאַרשפּרייט געוואָרן נייע ריחות, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען פון דעם טונקל־הויטיקן מיידל, פון איר צייטיק לייב, וואָס פלעגט אים ווי פאַרשיכורן. אירע ריחות האָבן דערמאָנט אין צייטיקע צעעפנטע רויזן און פאַנאַנדערגעבליטע אַקאַציעס, וואָס פילן אָן די לופט אין פרילינגס־צייט און וועקן דרימלענדיקע באַגערן.

ס'האָט געאָטעמט פון איר מיט גרענעצלאָזער הכנעה, געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, און פון אירע אומעטיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפע עלנטקייט, ווי פון אַ היימלאָזן הונט, וואָס וואַגלט אַרום איבער די וועגן און טוליעט זיך צו יעדן מענטש, וואָס ער באַגעגנט אויפן וועג. איר אונטערטעניקער בליק פלעגט אויפכאַפּן זיין יעדן ווונטש און פאַרלאַנג, און קוקן צו אים מיט צערטלעך־דאַנקבאַרע בליקן...

שפּעט ביינאַכט פלעגט דאָן סימאָנס שטיבל אָנגעפילט ווערן מיט אויסגעבראָכענע פאַרשטיקטע ליידנשאַפטן, וואָס פלעגן זיך דערנאָך פאַרגיין אין צערטלעכע שעפּטשענדיקע פליסטערייען, ווי אַ שטילער וואָרקען פון זיך ליבנדיקע טויבן. פון איר הייס, הונגעריק לייב פלעגט אויפגיין אַ פאַרשיכורנדיקער ריח, ווי פון צייטיקן האָניק, און פון אירע אומעטיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ צופרידענער בליאַסק פול מיט דאַנקבאַרקייט און געזעטיקטער הנאה.

דאָן סימאָן ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס טונקל־הויטיק מיידל מיטן גרינעם אַליוון־פּנים, איז געוואָרן זיין געזעצלעך ווייב. זיי האָבן זיך פאַרשריבן, אַרויסגענומען אַ חתונה־ביכל און דאָס פרעמדע מיידל האָט זיך אַלץ מער געפילט מעשה באַלעבאָסטע. אָנגעפירט מיט דער גאַנצערווירטשאַפט און באַלעבאַטישקייט.

ביידע האָבן זיך איינגעטיילט. אין דער צייט ווען ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין געשעפט, איז זי געווען פאַרנומען אין שטוב מיט דער הויזווירטשאַפט.

ער האָט זיך שוין נישט געפילט איינזאַם אין דעם קליינעם שטעטעלע. אין זיין שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ פרוי, וואָס איז אים געווען נאָענט, געטריי, געזאָרגט וועגן אים, אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

געזען, אַז דאָס עסן זאָל זיין צו דער צייט, געקוקט אים שטענדיק אין די אויגן, ווי זי זאָל נישט גלויבן זיך אַליין, איר גליק, אַז זי איז דאָס ווייב פון דאָן סימאָן, וואָס פאַרמאָגט אַ גרוים געשעפט און איז אַזאַ איידעלער און צאַרטער אין זיין באַנעמונג. אַזאַ גאָלדיק־בלאָנדער, וואָס פון זיין קוק אַליין ווערט זי אויפגעצאַפּלט, דאָס בלוט שטורעמט אויף ביי איר. און דערצו האַלט ער איר פאַר זיינס גלייכן, רעדט קיינמאָל צו איר אויף אַ הויכן קול, בייזערט זיך נישט, באַהאַנדלט איר מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט און ווייס נאָר, אַז ער דאַרף אָפּהיטן זיין געשעפט, די היים. איז נישט ווי אַנדערע מענער פון שטעטל, וואָס באַגייען זיך ברוטאַל מיט זייערע ווייבער, ריידן שטענדיק באַפעלעריש און ווייסן נאָר, אַז זייערע ווייבער דאַרפן זיי שטענדיק באַדינען, און ליגן אָפּ גאַנצע נעכט, פאַרברענגענדיק, אין שענק. שיכורן זיך אָן און פאַרטאַכלעווען דעם גאַנצן לויז און דערנאָך דאַרפן די ווייבער זייערע, זיך שניידן פון די פינגער אויף דער הוצאה.

זי האָט זיך אַליין נישט געגלויבט פון איר גליק. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי אַ חלום, וואָס קען צו יעדן אויגנבליק צערונען ווערן און פאַרשווינדן...

אין מלחמה־צייט איז דאָן סימאָנס געשעפט געוואַקסן ווי אויף הייוון. די פּאָליצעס סחורה האָבן זיך געבראָכן פון די שטיקער לייוונט, פון די שטיקער זיידנס, וואָס זענען איצט פּילפּאַכיק געשטיגן מיט יעדן טאָג.

צוגלייך מיטן שטייגן פון די סחורות, האָט זיך אויך ביי אים דערוועקט אַ נאָגנדיקער אומרואיקער געפיל, וואָס האָט אים געמאַטערט און נישט געגעבן קיין רו.

פון די צייטונגען איז ער דערגאַנגען, אַז עפּעס שרעקלעכעס און גרויזאַמעס קומט פאָר דאָרטן אין זיין אַמאָליקער היים, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן. זיין משפּחה, זיינע פריינט ווערן אכזריותדיק אויסגעראָטן און פאַרטיליקט. אַלץ ווערט דאָרט פאַרוואַנדלט אין חורבות, אין אַש... און ס'האָט אים באַנג געטאָן אויף זיינע נאָענטע, וואָס האָבן סאַמע פאַרן מלחמה־אויסברוך געשריבן צו אים אַזעלכע בעטנדיקע בריוו, ער זאָל זיי אַריבערנעמען, ער זאָל זיי אַרויסראַטעווען פון פייער, און ער איז געבליבן טויב צו זייערע הילפס־רופן, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט זיינע אַמאָליקע פריינט און קרובים.

און ס'איז אויסגעקומען, אַז דאָס פאַרבינדן זיך מיטן מיידל, האָט געמאַכט איבעררייסן די לויזע פעדים, וואָס האָבן אים פאַרייניקט מיט זיין משפּחה און זיין אַמאָליקער היים.

זיין רואיק־איינגעפונדעוועטע היים האָט אים אין גאַנצן פאַרטעמפּט, אָפּגעטויט זיינע געפילן צו זיינע אייגענע און דערווייטערט אים פון זיין שטאָם... און איצט, לייענענדיק די גרויליקע ידיעות, האָט ער

באַשולדיקט זיך אַליין, אַז ער האָט זיי געקענט אַרויסראַטעווען, און צו־ליב זיין שולד זיינען זיי אַלע אומגעקומען...

פאַר דער צייט וואָס דאַן סימאַן איז געווען אַריינגעטאָן אין געשעפט, פאַרנומען מיט די קונים, פאַרטיפט אין די רעכענונגען און באַשטעלונגען, געשטאַנען שפּעט באַנאַכט נאָכקאָנטראָלירנדיק די פּעק סחורות, וואָס ער פלעגט באַקומען, האָט אים דאָס ווייב אַ טאָכטער געבוירן.

דאָס קינד, איז איינגאַנצן געווען ענלעך צום פאָטער, פאַרמאָגט זיין העל־גאָלדיקע בלאָנדקייט, זיין גוטמוטיקן בליק און שמייכל. און צו דער זעלבער צייט האָט דאָס קינד אויך געירשנט דער מאַמעס הכנעהדיקייט, אונטערטעניקייט און איר אומעטיק־איינזאַמען בליק, וואָס איז שטענדיק געבליבן פאַר אים פרעמד, ווי אַן אומזעבאַרע מחיצה וואָלט אים אָפּגעטיילט פון איר... און אַז טיף אינעווייניק ביי איר איז געבליבן עפּעס פאַרהוילן פון אים, וואָס זי באַמיט זיך עס צו פאַרבאַהאַלטן...

דאַן סימאַן, וואָס איז געווען אַ פאַרנומענער מענטש, האָט איבער־געלאָזט דאָס קינד אויף דער מאַמעס השגחה. דאָס קינד איז געוואַקסן אונטער דער מוטערס איינפלוס, איינגעזאַפּט אין זיך איר שמייכל, אירע רייד, אירע מידות און געוויינהייטן.

נאָכן פאַרמאַכן דאָס געשעפט, פלעגט ער ליב האָבן צו שפּילן זיך מיטן קינד, וואָס פלעגט אָנפילן די שטוב מיט איר קלינגענדיקן געלעכ־טער, מיט אירע קינדישע פּלאַפּלערייען און מינעס. ער פלעגט דאַן פאַר־געסן אין געשעפט, אין די נודנע רייד פון די קונים, וואָס האָבן אים געהאַלטן געשפּאַנט אַ גאַנצן טאָג. ער האָט נאָר געזען פאַר זיך אַ ליכ־טיק לאַכנדיק פּנימל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים, אַרומגענומען אים מיט די ווייכע, פּוכקע הענטלעך און אים געקושט אַן אויפהער. אַריינ־געקוקט אים אין די אויגן מיט אַ קינדערשער תמימות און זאָרגלאָזיקייט און אים איינגעוויגט אין אַ לייכטן דרימל.

* *
*

דאָס קליינע שטעטעלע ווו דאַן סימאַן האָט געוווינט, מיט אירע בלאָטיקע גאַסן און איינשטאָקיקע הייזעלעך, די צעוואָרפענע שטיבלעך, וועלכע געגעצן פון זייערע צעעפנטע פענצטער מיט לאַנגווייליקייט און מאָנאָטאָניקייט, אַנטקעגן די צעצווייגטע אַקאַציע־בוימער, וואָס ציען זיך פון ביידע זייטן גאַסן, דאָס רואיקע שטעטעלע האָט מיטאַמאָל אויפגע־לעבט, ווי אויסגעטשוכעט פון אַ לאַנגן שלאָף.

דער הויכער קלויסטער מיט די לאַנגע פענצטער און שווערע מאַסי־ווע טירן, וואָס שטייט אויף דער „פּלאַסע" אויבנאָן, אויף אַן אָנזעעוו־

דיקן אַרט, אַרומגערינגלט פון איין זייט מיטן פּאָליציי־צירקל וווּ עס דרייען זיך שטענדיק אַריין און אַרויס באַשטיוולטע מיליטערלייט אין געפּאַסטע ענגע מונדירן פון אַלערליי ראַנגען, און פון דער צווייטער זייט — מיט מאַסיווע בנינים, מיט הויכע באַקראַטעווטע פענצטער און געשליפענע זיך דרייענדיקע טירן, אָפּטיילונגען פון פאַרשיידענע בענק, וואָס געפינען זיך אין דער הויפּט־שטאָט. דער קלויסטער, וואָס שטייט שטענדיק אַזוי אַנגעכמורעטער, אַזוי אומצופרידענער, וואָס קוקט אַרויס מיט צאַרנדיקע בליקן פון זיינע הויכע פענצטער אויף די אַנגערייכערטע שענקען, וואָס געפינען זיך אין אַלע ראָגן פון שטעטל און זיינען שטענדיק פול מיט קליענטן; אויף די איינוווינער פון שטעטל, וואָס גייען פאַרביי און מיידן אים אויס און לאָזן אים פּוסטעווען... דער קלויסטער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

דער נייער גלח, וואָס האָט זיך באַוויזן אין שטעטל, וועלכער איז געשיקט געוואָרן מיט אַ הייליקער שליחות, האָט געמאַכט אויפרודערן דעם גאַנצן אָרום. ער האָט פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט פּראָצעסיעס, ווו ער איז געגאַנגען פאַרויס, אָנגעטאָן אין אַ ווייסער גאָלד־באַהאַפטענער סוטאַנע, באַגלייט פון אַ גרויסער צאָל קינדער און פרויען, וועלכע האָבן נאָכגעזונגען מיט אַ פרומער דביקות די סערמאָנען.

אין די טעג פון די פּראָצעסיעס האָבן ראַדיאָ־הילכער צעטראָגן זיין דונערנדיקע שטימע איבערן גאַנצן שטעטל, וואָס האָט גערופן צו תשובה, מתודה זיין זיך אויף די באַגאַנגענע זינד.

דעם גלחס קול האָט געזוכט אַריינצודרינגען אין יעדער שטוב, אין יעדן הויף. גערופן די איינוווינער, זיי זאָלן זיך צוהערן צו גאָטס וואָרט, זיך דערנענטערן צו דעם אויסלייזער, וואָס אַלע דאַרפן אויפנעמען זיין רוף...

צווישן די וואָס פלעגן באַגלייטן דעם גלח אין די פּראָצעסיעס איז אויך געווען דאָן סימאָנס פרוי. זי איז מיטגעגאַנגען מיט אַ שטילער גאָטספאַרכטיקער פרומקייט און הכנעהדיקייט. געהאַלטן שטענדיק דאָס קינד מיט זיך. וואָס איז שוין פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסן.

די מוטער פלעגט נאָכזאָגן די פּסוקים מיט אַ פרומער הייליקייט. געהייסן דעם קינד מיטזינגען. זי איז געווען צופרידן און געטראַכט בשעת מעשה פון איר מאַן, — וועלכער גלויבט נישט אין דעם... לאַכט זיך אויס ווען זי דערמאָנט דעם גלח, און ווערט שטאַרק אויפגערעגט, ציטערט פון כעס, ווען זי נעמט מיט דאָס קינד אין קלויסטער...

פון די פּראָצעסיעס פלעגט זי קומען אַ צופרידענע מיט אַ גענייטערט געמיט, און געהאַלטן אין איין טוליען דאָס קינד צו זיך, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט... אַז עס קען נאָך עמיצער קומען און מיט געוואַלד איר צונעמען דאָס קינד, און איז געווען צופרידן וואָס עס באַגלייט איר שטענדיק.

אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן, ווען דאָן סימאָנס פרוי איז געקומען פון קלויסטער, אַן איינגעוויקלטע, אַן איינגעטוליעטע, אַ באַרואיקטע מיט אַ טונקעלן שאַל אויף זיך, וואָס זי נעמט שטענדיק מיט ווען זי גייט אין קלויסטער, אירע ליפּן האָבן כסדר זיך באַוועגט, ווי זי וואָלט נאָכגעזאָגט די הייליקע תפילות, — האָט מיט אַמאָל אַ פרעמד־אומבאַקאַנטע זאַך אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן... און אים פאַרטונקלט די ראיה...

ער האָט געקוקט צום קינד פון וויטן מיט אַן אויפגעריסענעם פאַרחידושטן בליק. — אַ גאָלדן צלמל האָט אַראָפּגעשיינט מיט אַ פרעמדן, אומהיימלעכן בליאַסק פון זיין קינדס הערצל. דאָס בלישטשענדיקע צלמל, וואָס ער האָט עס היינט דערזען צום ערשטן מאָל, האָט זיך אים אויסגעדוכט, קוקט צו אים אַרויסרופעריש׳ מיט חוצפה, רייצט זיך מיט אים...

דאָן סימאָן האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן צוריק, אויף הינטער זיך... ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן צלמל, וואָס זיין פרוי האָט געוואָגט אויפצוהענגען אויף זיין קינדס העלדזל.

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט, ווי קליינערהייט, ווען ער פלעגט פאַרבייגיין אַ קלויסטער, פלעגט ער אָוועקדרייען דעם קאָפּ. געהאַלטן דאָס פאַר אַ טמאדיקע זאַך, און ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע, פלעגט ער פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט צו קוקן אויף דעם... איצט איז זיין אייגן קינד, זיין בלוט און פלייש, געגאַנגען אין קלויסטער, נאָכגעגאַנגען די פּראָצעסיעס, אָנגעטאָן אַ צלמל אויף זיך, ווי זי זאָל באַווייזן בפרהסיה, אַז זי, זיין טאָכטער איז ווייט און פרעמד פון אים... און ווערט דערצויגן מיט פאַראַכטונג צו איר אייגענעם פאָטער...

ס׳איז אים געוואָרן טונקל פאַר די אויגן. אַ געלבלעכע מראה האָט פאַרצויגן זיין פנים און טראָפּנס שווייס האָבן זיך באַוויזן אויף זיין שטערן.

ער איז צוגעלאָפן מיט גיכע טריט צום קינד, אַ נעם געטאָן דעם צלם אין האַנט און אָנגעהויבן רייסן פון קינדס העלדזל און פון זיינע פאַרפרעסטע ציטערנדיקע ליפּן זיינען געפאַלן אָפּגעהאַקטע ווערטער געוועגדעט צו זיין פרוי:

— ווילסט לויפן אין קלויסטער? לויף וויפל דיין האַרץ גלוסט. אָבער דאָס קינד וועט קיין צלם נישט טראָגן! דו הערסט, איך וועל עס נישט דערלאָזן! — זיין קול האָט אָפּגעקלונגען ווייטיקלעך, פול מיט צער.

דאָס קינד האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אירע קינדערשע אייגלעך זיינען געוואָרן פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט געקוקט צום טאַטן מיט אַ צעטומלטן בליק. נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דער גוטער טאַטע אירער, וואָס האָט זי אַזוי ליב, גיט איר אַלץ נאָך, צערטלט איר שטענדיק, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי בייז, שרייט, מאַכט געוואַלדן און פאַרשאַפט איר ווייטיק.

די פרוי האָט אַרויסגעריסן דאָס קינד פון זיינע הענט. דאָס צעשראָקענע קינד האָט זיך איצט געטוליעט צו דער מוטער, ווי זי וואָלט

מורא באקומען פארן טאטן, וואס האט זי אזוי באליידיקט און איר פארשאפט יסורים...

דאן סימאנס פרוי האט געטוליעט מיט ליבשאפט דאס קינד צו זיך, געקושט עס אין די פארפלאמטע בעקלעך, אין די פארטרערטע אייגעלעך.

זי האט אויך מיט הייליקער פרומקייט א קוש געטאן דאס צלמל, וואס איז געהאנגען אויפן קינד ווי א צירונג, א באשיצונג פון אלדאס בייז און וואס דער מאן האט עס אזוי פארשוועכט, געוואלט אראפרייסן מיט געוואלד פון קינדס העלדזל. זי האט אנגענומען דאס צלמל, און עס צוגעטראגן צום קינדס ליפן א קוש צו טאן, און אירע בליקן האבן געקוקט צום מאן ארויסרופעריש, פול מיט נצחון, און מיט א ציטערנדיקער שטי־מע פול מיט כעס האט זי אויסגעשריגן:

— אומגלויביקער! האסט געמעגט האבן הארץ צו דערשרעקן אזוי דאס קינד, איר פארשאפן קרענקונג! האסט נישט קיין גאט אין הארצן! — האט זי צוגעגעבן מיט פארביסנקייט.

וואס א טאג ווייטער האט ער זיך געפילט אלץ מער פרעמד און אומהיימלעך ביי זיך אין שטוב. געזען, אז דאס ווייב זוכט אלץ מער צו דערווייטערן דאס קינד פון אים... און נעמט עס איינגאנצן אונטער איר איינפלוס...

איצט איז אים אויסגעקומען, אז זיין היים, דער פאמיליע־בונד, וואס האט אין אנהויב אויסגעזען אזוי פעסט, איז איצט צעטיילט און צע־בראכן... ער איז דער באלעבאס איבערן געשעפט, איבערן פארמעגן, און די פרוי זיינע — איז די גאנצע דעה זאגערין אין דער היים, דערציט די טאכטער נאך איר איינזען און גלויבן... און וואס ווייטער שפירט ער, אז דאס קינד ווערט פארפרעמדט פון אים, קוקט אויף אים מיט אומצוטרוי־לעכע בליקן... און באשטעטיקט מיט דעם אז זי איז אויף דער מאמעס זייט אין דעם שטרייט, וואס קומט פאר צווישן זיי ביידן...

אין די זונטיקן, ווען עס זיינען פארגעקומען די פייערלעכע פראצע־סיעס, האט ער נישט געקענט איינזיצן אין דער היים. ס׳האט אים געהויבן פון ארט. ער האט נישט געקענט אויפנעמען די שטראפנדיקע רייד פון דעם גלח, וואס האבן געזוכט ארייננצודרינגען אין יעדן הויז.

ער איז געווען זיכער, אז נישט געקוקט אויף זיין קעגנשטעלן זיך, פירט דארט זיין פרוי דאס טעכטערל זייערס ביי דער האנט, איז איבער־גליקלעך ווען דאס קינד באגלייט זי אויף די פראצעסיעס און זינגט מיט מיט איר די הייליקע געזאנגען.

אין די מאמענטן פלעגט ער זיך דערמאנען, — אז אין דעם שטעטל ווו ער האט זיך דערצויגן, פלעגן אין די חגא־טעג זיך צונויפזאמלען ארום קלויסטער אלע פויערים פון דעם גאנצן ארום. א גלח פלעגט האלטן גיפ־טיק־העצערישע רעדעס, געשאטן פעך און שוועבל אויף די יידן... די אומ־

גלויביקע... וואָס האָבן געקרייציקט יעזוס־קריסטוס, אַז די יידן זיינען די וואָס ברענגען אַלע צרות אויף דער וועלט...

די אַנגעהעצטע פּויערים פֿלעגן שלינגען גיריק דעם גלח'ס ווערטער, און דערנאָך פֿלעגן זיי, אויפגעהעצטע, אָנגערייצטע, ווי בייזע הינט, אַ לאָז טאָן זיך איבערן שטעטל און באַפֿאַלן די שוצלאָזע יידן, שלאָגן יעדן יידן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג. אויפֿברעכן די יידישע קלייטן און רויבן וואָס עס איז אונטערגעקומען אונטער דער האַנט.

איצט איז זיין אייגענע פֿרוי און טאָכטער געגאַנגען הינטערן גלח, באַגלייט און נאָכגעפֿאָלגט זיינע טריט, נאָכגעזאָגט זיינע תפֿילות און גע־קוויקט זיך מיט זיינע דרשות. און ווען זיי פֿלעגן קומען צוריק אַהיים, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיי קוקן אויף אים מיט אַרויסרופֿערישע בליקן... מאַכן אים אַ פֿאַרוואורף, וואָס נישט נאָר ער אַליין גייט נישט אין קלויסטער און חוזקט אָפּ פֿון זייער פֿרומקייט, לאַכט ער זיך אויס פֿון זייערע הייליקייטן...

דאָן סימאָנס רואיקייט און געמיטלעכקייט פֿון זיין היים איז צע־שטערט געוואָרן...

די שטענדיקע אַמפּערייען און חילוקי־דעות האָבן פֿאַרוואַנדלט די שטוב אין אַ גיהנום.

די כסדרדיקע אומצופֿרידנקייט האָט זיך געלייגט ווי אַ טונקעלער שאָטן אויף זיין געמיט און אים נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט באַשולדיקט זיך אַליין, אַז דאָס האָט ער דערפֿירט צו זיין איצטיקן מצב...

וואָס גרעסער דאָס קינד איז געוואַקסן און עס איז עלטער געוואָרן, איז אויך געוואַקסן ביים פֿאָטער אַן אומרו און מורא...

ער האָט צוגעקוקט מיט אייפֿער — ווי דאָס ווייב מיט דער טאָכטער האַלטן זיך איינס... היטן זיך פֿאַר אים, באַהאַלטן זיך אויס פֿאַר אים, און דאָס האָט אים געערגערט און געקרענקט.

ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט דאָס געשעפֿט, נישט אָפּגעהיט ווי פֿריער, געטראַכט — אומזיסט די גאַנצע מי און האָרעוואַניע זיינע, דאָס אַוועקגעבן זיינע כוחות, די בעסטע יאָרן — איז נישט געווען פֿאַר וועמען... דאָס געשעפֿט איז געוואָרן אָפּגעלאָזן און פֿאַרנאַכלעסיקט.

די קונים, וואָס האָבן באַמערקט זיין צעטראָגנקייט און צעשטרייט־קייט, אַז ער ענטפֿערט אויף צען ווערטער איינס, כאַפּט נישט אויף זייע־רע שמועסן, ווי ער וואָלט זיך מער נישט אינטערעסירט מיט זיי און עס וואָלט אים נישט געווען צום האַרצן, האָבן אָנגעהויבן אויסצומיידן. דאָס געשעפֿט האָט געפּוסטעוועט, האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ און זעלטן ווען פֿלעגט זיך באַווייזן אַ קונה.

דאָן סימאָן האָט געוואָרפֿן די שולד אויף זיין פֿרוי, אַז זי האָט צעשטערט דעם שלום־בית, גייט קעגן אים און וויל דווקא דערציען דאָס קינד אין קאַטוילישן גייסט... און פֿאַרסמט אים דאָס לעבן... ער ווערט

אפּהענטיק, פֿאַרלירט דעם מוט, און עס ליגן זיך אים נישט די הענט עפּעס צו טאָן. אַלץ זעט אים אויס איבעריק און נוצלאָז...

אין אַ פֿרימאָרגן ווען ער איז געווען פֿאַרטאָן אין געשעפֿט און באַדינט די קונים, איז ער מיטאַמאָל געבליבן שטיין און אַנגעשפּיצט זיין געהער. ער האָט זיך איינגעהערט מיט אויפֿמערקזאַמקייט, ווי די פֿרוי און טאָכטער האַלטן אין איין ארומלויפֿן איבער די צימערן, ווי זיי זאָלן זיך גרייטן צו עפּעס. ער האָט אויפֿגעכאַפּט זייער גיין אויף די שפּיץ פֿינגער, ווי זיי זאָלן נישט ווען אַנמאַכן קיין גערויש.

ער האָט געלאָזט די קונים וואַרטן, און איז האַסטיק אַרויסגעלאָפֿן פֿון הינטערן טאַמבאַנק, האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר, און איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל און מיט אויפֿגעריסענע אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. — אין מיטן צימער איז געשטאַנען זיין טאָכטער, אַן אויסגעפּוצטע אין גאַנצן אין ווייסן, מיט אַ ווייסער גירלאַנדיע אויפֿן קאָפּ, ווי אַ כלה, זי האָט געהאַלטן אַ תּפֿילה בוך אין האַנט צוזאַמען מיט אַ קראַנץ־קרעלן, פֿון וועלכן ס'איז נאָכגעהאַנגען אַ לאַנג ציילעמל. די מוטער האָט אַרומגעשמייעט אַ צופֿרידענע אַרום קינד און אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ הייליקן ציטער. שוין אַ לענגערע צייט, ווי זי גרייט זיך פֿירן דער טאָכטער אין קלויסטער צו נעמען „קאָמוניאָן", און האָט געהאַלטן דעם טאָג פֿאַר דעם גליקלעכסטן אין איר לעבן... און האָט זיך ביז איצט אויסגעהיט פֿאַר איר מאַן...

דאָן סימאָן איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרציטערטער, ווי אַ קאָנוווּלסיווער שוידער וואָלט אַרומגעכאַפּט זיין גוף, אים געפּענטעט און אים נישט געלאָזט עפּעס טאָן...

ער איז געבליבן שטיין אַ נעבעכדיקער, אַ הילפֿלאָזער, אָן לשון, נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, ער האָט געפֿילט, אַז די קני בויגן זיך אים, ער האַלט ביים פֿאַלן. אַלץ מיט אַן אַנדער וויגט זיך פֿאַר זיינע אויגן, זינקט אונטער זיינע טריט...

ער זעט די פֿרוי מיט דער טאָכטער אויסגעפּוצטע, שיינענדיקע, יום־טובדיקע, פֿאַרלאָזן אים, דערווייטערן זיך און גייען אַ יילנדיקע אַוועק. ער וויל זיי אָפּהאַלטן. ער שרייט צו זיי אויפֿן קול, צו זיין טאָכטער, — זי זאָל נישט גיין! אַז זי איז אַ יידיש קינד!... אַז זיינע עלטערן וועלן אין קבר קיין רו נישט האָבן צוליב איר! אָבער זיין שוואַך קול דערגרייכט נאָר צו אים אַליין, קלינגט אָפּ אין זיין צעבראָכן געמיט, ווי אַ פֿאַרדומפּן קול אין אַ פֿאַרלאָזענער חורבה.

ער בלייבט זיצן אַן איינזאַמער, אַ פֿאַרלאָזענער, זיינע אויגן קוקן מיט אַ יאָושדיקן בליק ארום זיך. זיין שטוב, זיין היים, זיין גרויס געשעפֿט, זיין פֿאַרמעגן, וואָס ער האָט מיט אַזויפֿיל מי און ענערגיע דערוואָרבן — קיין זאַך איז איצט נישט זיינס... ער איז דאָ אַ ווייטער, אַ פֿרעמדער, וואָס האָט דאָ צופֿעליק על פּי טעות פֿאַרבלאָנדזשעט — — —

ער פֿאַרמאַכט די אויגן, מיט דעם איז ער אויסן צו פֿאַרשטעלן אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום און דערמאָנט אים אין זיין דורכפֿאַל, אַנטוישונג... לייגט אַרויף די האַנט אויף די אויגן־דעקלעך און דריקט די פֿינגער מיטן גאַנצן כוח, ביז ער דערשפּירט אַ ווייטיק. ער בלייבט אַזוי אַ לענגערע ווײַלע קאָנצענטרירט אין זיך. און פֿילט אַ דערלייכטערונג ווי ער וואָלט אַוועקגעטראָגן געוואָרן ווייט פֿון זיין היים... פֿון זיין פֿרוי און קינד. פֿון דעם גאַנצן אַרום...

עס נעמען שוועבן פֿאַרביי אים פֿאַרנעפּלטע געשטאַלטן, וואָס דערמאָנען אין היימישע פּנימער, וואָס ער געדענקט זיי ווי פֿון חלום... און עס דוכט זיך אים אַז ער הערט פֿליסטערנדיקע שטימען, וואָס שעפּטשען אים אויפֿן אויער, רופֿן אים מיט דעם היימישן נאָמען וועלכער ער האָט שוין ווי פֿאַרגעסן.

— שימעלע! שימעלע! הערט ער אַ שטיל בעטנדיק קול ווי עס וואָלט געקומען ערגעץ פֿון ווייט — שימעלע! ווי גאָט איז דיר ליב, אַנטלויף פֿון דאַנען! פֿאַרשווער נישט דעם אָנדענק פֿון אונדז אַלעמען!...

ער גיט אַ לייכטן ציטער, רייבט זיך אויס די אויגן, און קוקט זיך אַרום מיט שרעק... ער טראַכט — אַז פֿון טיפֿער געשפּאַנטקייט און מידקייט, איז ער גאָר אַריינגעפֿאַלן אין אַ דרימל און האָט געזען אַזעלכע משונהדיקע חלומות... ער ציט אָפּ דעם אָטעם, און קוקט זיך אַרום מיט אַנגסטלעכער שרעק איבערן צימער ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט — גלויבט נישט זיך אַליין.

ער זיפֿצט אָפּ און טראַכט, — אַז ער וועט דאָ ווייטער נישט קענען בלייבן... אַלץ דערמאָנט אים, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער... אַן אויסגעלאַכטער און אַ באַזייטיקטער... און האָט דאָ גאָר קיין דעה נישט... ער קומט צום באַשלוס, — אַז ער וועט מוזן אַלץ פֿאַרלאָזן... נעמען דאָס קינד און אַוועקגיין ווו די אויגן וועלן אים טראָגן, אַבי נישט צוזען די שפּלדיקייט פֿון זיין איצטיקן צושטאַנד... זיין ירידה...

ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטול, וואָס שטייט נעבן אים, בויגט זיך אַראָפּ און בלייבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, ווי אַן אבל, פֿול מיט יאושדיקן טרויער...

אויף א נייעם וועג

ברוך צייטלין איז א מאדערנער מענטש, א פרייער, א הײנטוועלטיקער, וואס האט אראפגעווארפן פון זיך אלע רעליגיעזע צוימען און וווינט אין א מאדערנעם אפארטאמענט, ווו די צימערן זיינען פול מיט זון און ליכט און פארמאגן אלע באקוועמלעכקייטן. אנטקעגן דעם הילצעדנער שטיבעלע, ווו ער האט אמאל געוווינט אין די קינדער־יארן, זעט עס אוים ווי א פאלאץ.

פון אינעווייניק קוקט ארוים א לאנגער פינצטערער קארידאר מיט בלינדע טירן פוןביידע זייטן, וואס עפענען זיך פון מאל צו מאל און פארמאכן זיך דערנאך מיט א ירגזונדיקן קלאפ, וואס הילכט אפ ווי א ווארענונג צו אלע פרעמדע דורכגייער און אריינגייער, וואס דרייען זיך דא אן אויפהער דעם גאנצן טאג — זיי זאלן נישט וואגן איבערטרעטן די שוועלן אן א דערלויבעניש. ווייל אויף יעדער טיר איז דא א קליין פירקאנטיק פענצטערל די גרוים פון א מענטשלעך אויג, מען זאל קענען נאכפארשן און באטראכטן ווער עס שטייט אויף דער צווייטער זייט טיר און וויל אריינגיין אינעווייניק.

פון דעם טיפן לאנגן קארידאר, פון דעם שטיינערנעם געשפרענקלטן פאל און די קאלטע מארמארנע ווענט, יאגט א קילבלעכע לופט, וואס ווירקט דערפרישנד אויף יעדן אריינגייער אין די הייסע דושנע זומער־טעג.

אין די מיטיק־שעהן און אין די אוונטן ווערן די קילע שטראמען לופט פארשוואונדן. עס הערט זיך א רוישן און א סיקען פון די אנגעצונדענע פרימוסן, וואס זשומען אין די קיכן. דאס גרייטן צו די פרויען פון יעדן אפארטאמענט מיטיקן און נאכטמאל פאר זייערע משפחות. און אין דער צייט פארשפרייט זיך איבער די קארידארן אן איינגענעמע גלעטנדיקע ווארעמקייט, וואס דערמאנט א היימיש ווינקעלע, א רואיק געמיטלעכע היים, א געטרייע פרוי, וואס פילט אן די שטוב מיט ליבשאפט און וואכ־

זאמקייט. די ווארעמקייט איז דורכגענומען מיט כלערליי ריחות פון פאר־שיידענע מאכלים און צוגעווירצטע פאטראַוועס, וואס דרינגען ארויס פון די קיכן און רייצן דעם אפעטיט.

די געמיטלעך־באַרואיקנדיקע ווארעמקייט, די רייצדיקע ריחות בלאָנ־דזשען ארום פרעמד איבערן קארידאר, שטויסן זיך אָן אין די קאַלטע מארמאר־ווענט, שפרינגען אָפּ צוריק, פארליידן נישט די קאלטקייט, וואס ווייעט פון דעם שפּיגלדיקן גראַניט, פון דעם שטיינערנעם פאל, וואס יאָגט מיט אַ פרירנדיקער קעלט, און דעריבער ווערט יעדער אריינגעקומענער מענטש אויפגענומען מיט ווארעמע גלעטנדיקע אָרעמס.

ברוך צייטלין, וואס וווינט אין איינעם פון די אַפּאַרטאַמענטן, מיט זיין פרוי און זון, האלט זיך פאר אַ פרייען מאָדערנעם מענטשן, וואס לעבט אַ וועלטלעך לעבן, אָן טראַדיציעס און אָן פאָרורטיילן... און אַזוי האט ער אויך דערצויגן זיין זון.

ער אונטערשיידט זיך נישט פון די איבעריקע שכנים. אָבער טיף אינעווייניק איז געבליבן ביי אים אַ דערינערונג פון זיינע קינדער־יאָרן, וואס פילט אים אָן מיט בענקשאַפט צו זיין יוגנט ביי זיינע עלטערן, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט...

אַלס יונג בחורל איז ער געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן עילוי. מ׳האָט זיך געבענטשט מיט אים, געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, געהאַלטן, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גאון בישראל. שפּעטער, געדענקט ער, האָט די אָרעמקייט פון שטוב אים געצוואונגען אויסצוואַנדערן. און קומענדיק אין אַ פרעמד לאַנד, נישט קענענדיק די שפּראַך, נישט האָבנדיק קיין פאַך, האָט ער געליטן פון זיין אומבאַהאָלפנקייט, פון זיין נישט צוגעגרייטקייט צום לעבן. עס איז אים שווער געווען זיך צוצופּאַסן צו די האַרטע אומשטענדן פון אַרום. ער האָט אַ סך מאָל געליטן הונגער, נויט און איז געווען אינגאַנצן דערשלאָגן, מוטלאָז, אָבער זיין פלייס און ענערגיע האָבן אים נישט געלאָזט פאַלן. און ער האָט זיך ביסלעכווייז דערשלאָגן צו זיין איצטיקן וווילשטאַנד.

זיין עקאָנאָמישער מצב איז איצט געווען אַ רואיקער און אַ געזי־כערטער, וואס האָט אים נישט פאַרשאַפט קיין איבעריקע דאגות און זאָרגן.

ער האָט אויך ביסלעכווייז זיך באַפרייט פון זיין פרומקייט, געהאַלטן עס ווי אַן אומנויטיקע לאַסט, זיך גענומען צופּאַסן צו דעם אַרום, צו דער סביבה...

צוגלייך אָבער מיט זיין עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן פילן זיין פּוסט לעבן, וואס ציט זיך וואָכעדיק און מאָנאָטאָן. אין די פרייע טעג האָט ער נישט ווו זיך אַהינצוטאָן. ער פילט, אַז די טעג פאַלן אים צו לאַסט, ציען זיך לאַנג און איינטאָניק. די וויזיטן, וואס די פרוי רופט אים, מע זאָל גיין באַזוכן זייערע פריינט און באַקאַנ־טע — באַפרידיקן אים נישט. זיי, די לאַנדסלייט, ריידן מערסטנטייל פון

זייערע געשעפטן, פון זייערע קליענטן, פון זייערע פארמעגנס, וואס איינער זוכט ארויסצוווייזן, אז ער שטייגט איבער דעם צווייטן, אדער זיי זעצן זיך שפילן אין קארטן. ער פארליידט נישט זייערע נודנע שמועסן, זייער פוסטקייט און סנאביזם...

אז אנדערש מאל גייען זיי זען נייע רעקלאמירטע פילמען, וואס האבן אלע דעם זעלבן אינהאלט און סוף. ברוך צייטלין קומט דערנאך צוריק מיט א ווידערגעפיל, ווי ער וואלט אויפגעגעסן א שלעכטן איבערגעשטאנענעם מאכל פון וועלכן עס בלייבט אן איבלדיקער אומצופרידענער נאכטעם.

מיטאמאל איז פארגעקומען אן ענדערונג אין זיין לעבן. ס'איז אים אויסגעקומען אויפפאלנדיק און ס'האט אים שאקירט דאס מאדנע אויפפירן זיך פון זיין זון — זיין דערווייטערן זיך פון אים און דאס אוועקגיין אויף אנדערע וועגן...

ער באמערקט מיט שטוינונג ווי זיין זון ווערט פארפאלן ביז שפעט אין דער נאכט. האט באקומען אנדערע חברים און גייט ארום אין שטוב ווי א פרעמדער, א דערווייטערטער און אן אפגעזונדערטער, ווי ער וואלט געטראגן מיט זיך אן אנטפלעקטן סוד... וואס עמיצער האט אים מגלה געווען... וואס זיינע עלטערן האבן ביז אהער זיך באמיט אויסצובאהאלטן פאר אים... און דער אנטדעקטער סוד לערנט אים, ווי זיך צו פירן און גיין אויף דעם נייעם אנגעצייכנטן וועג, וואס ער האט זיך איצט גענומען צו גיין און וואס איז אנדערש ווי דעם טאטנס, זעט אים אויס אמתדיקער און אינהאלטספולער...

ברוך צייטלין האט זיך געפילט געטראפן פון זיין זונס געענדערטער אויפפירונג. ער האט צוגעקוקט, אז נישט נאר ער פארלירט איבער אים זיין איינפלוס, השפעה און קאנטראל, נאר אז זיין אייגענער זון קוקט אויף אים מיט ביטול און גרינגשעצונג... און דערווייטערט זיך אלץ מער פון אים. מיט דעם ווייזט ער — אז ער איגנארירט דעם לעבנס־שטייגער וואס ער פירט און באשולדיקט אים גלייכצייטיק, אז ער האט אים נישט געגעבן די ריכטיקע דערציונג, דעם אמתן וועג, און אויף דאס צו דערגיין האט ער זיך געדארפט לערנען פון אנדערע...

ברוך צייטלין האט צוגעקוקט מיט שטוינונג, ווי זיין זון האט זיך געביטן. איז געווארן ערנסט, פארטראכט, פארטיפט, אריינגעטאן אין לייענען כסדר, גייט נישט א טריט אן א היטל. מאכט א ברכה וואס ער נעמט נאר אין מויל, און איז געווארן פאנאטיש פרום.

ברוך צייטלין האט געהויבן מיט די אקסלען, נישט געקאנט באגרייפן ווי אזוי האבן זיך גענומען צו זיין זון רעליגיעזע נייגונגען, וואס ער אליין האט שוין לאנג פארווארפן און ער האט אפילו קיינמאל זיך נישט באמיט אין אים איינצופלאנצן. געהאלטן עס פאר צוריקגעשטאנענקייט און אבערגלויבן.

ס׳האט אים נאך מער פארדראסן, וואס דער זון האט צו אים נאך תרעומות, וואס ער איז אוועק פון יידישקייט... און האט אויסגעליידיקט די שטוב פון אלע יידישע יום־טובים און מנהגים, ווי ער וואלט נישט געהאט אין זיך קיין יידיש געפיל...

דער פאטער האט זיך גענומען אפשפעטן פון זיין זונס פרומקייט. אויסלאכן זיין שאקלען זיך ביים דאווענען און דאס נישט וועלן גיין אן א היטל. און ס׳האט אים ווי געטאן, וואס דער זון מיט זיינע נייע געגנג און פירונג האט פארנומען זיין פלאץ אין שטוב... אנגעהויבן זיך ארייג־מישן, זאגן דעות ווי אזוי מ׳זאל זיך פירן און נאך מער האט אים געער־גערט, וואס דאס ווייב האט נאך אנגעקוואלן פון דעם זונס פרומקייט... און האט אים נאך צוגעגעבן מוט, ווי זי וואלט געווען אויף זיין זייט...

ס׳איז געווען ערב־פסח. ברוך צייטלין איז געזעסן ביים טיש, גע־האלטן א צייטונג, געווען פארטיפט אין לייענען. ער האט מיטאמאל דער־הערט טריט. זיין זון האט זיך דערנענטערט צו אים, ארויפגעלייגט זיין האנט אויפן אקסל און דערמיט אים איבערגעריסן דאס לייענען:

— טאטע, הער מיך אויס: — זיין קול האט אפגעקלונגען האלב־באַ־פעלעריש, געווענדעט צום טאטן, וואס האט געקוקט צו אים מיט אן אומניחאדיקן בליק. דער זון האט פארגעזעצט, ווי ער וואלט נישט גע־לייגט קיין אכט אויפן טאטנס אומצופרידנקייט: — דו זאלסט וויסן זיין, טאטע, אזוי ווי עס גייט צו פסח — וויל איך נישט דו זאלסט ארייג־ברענגען חמץ אין די פסח־טעג. ס׳איז א גרויסע זינד... איך וועל מיט אייך נישט קענען זיצן ביי איין טיש... — האט ער צוגעגעבן, ווי א ווארענונג, א פארזאג...

אויפן פאטערס ערנסט פנים האט זיך באוויזן א געמאכט שמייכל־כעלע וואס איז אים געבליבן הענגען אויף די שפיץ ליפן. מיט דעם שמייכל האט דער פאטער געוואלט מזלזל־זיין דעם זונס דיקטירן אים, אנווארפן אויף אים זיינע מיינונגען, ווי ער וואלט געווען א חדר־יינגל. א פארלאנג האט זיך דערוועקט ביי אים — ארויסצוווייזן ווער עלטער איז, אים אנלערנען, אז ער וועט נישט נאכטאנצן זיינע משוגעתן און ווילדקייטן. ער האט געטראכט א ווייל און געקומען צום באשלוס — עס לוינט נישט איצט אנצוהויבן וועגן דעם, ער וועט עס לאזן אויף א צווייט מאל ביי א מער וויכטיקן ענין:

— גו, מילא, האט ער צוגעגעבן שפאטיש, — אויך מיר א דאגה! וועלן מיר עסן מצה א גאנצן יום־טוב. פון מיינעטוועגן קענסטו זיך אפי־לו באזארגן מיט מצה־שמורה אויך — האט ער צוגעגעבן סארקאסטיש און אויסלאכעריש. און אין זיך האט ער געטראכט, אז עס איז מער נישט ווי אן איבערגאנג ביי אים. ער וועט גיך מיד ווערן און וועט עס פאר־ווארפן...

דער פאטער האט זיך טועה געווען.

דער זון איז אַלעמאָל געוואָרן מער צושטייאיק און צודרינגלעך.

ער האָט געבראַכט אַ מתנה אין שטוב — אַ חנוכה־לעמפּל. עס אוועקגעשטעלט אויבן־אָן און זיך געפרייט, געקוקט אויף דעם מיט אַ טיפער אינערלעכער צופרידנקייט, אויף דעם מעשענעם גלאַנץ, וואָס פינקלט אַרויס פון די געדרייטע רערן, וועלכע ציען זיך אין דער הויך און זעען אויס ווי רייפע צעעפנטע בעכערלעך פון אַ צייטיקער בלום, וואָס ציט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט צו דער זון. דעם זון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קליין מעשן מנורהלע באַשיינט די גאַנצע שטוב, גיט צו אַ יום־טובדיקן אויסזען און פאַרטרייבט די וואָכעדיקייט...

איז אַ פרייטיק צונאַכטס האָט דער זון צונויפגעבראַכט אַ גרופּע חברים זיינע. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. איינער פון זיי האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט קידוש מיט אַ זינגנדיקן ניגון, וואָס האָט ביים פאָטער אויפגעוועקט לאַנג־פאַרגעסענע דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן... פון זיין אַמאָליקער היים ביי זיינע עלטערן...

אין דעם קליינעם הילצערנעם שטיבעלע ווו זיי האָבן געוווינט, איז פרייטיק צו נאַכט אַלץ געוואָרן אויפגערוימט און איבערגעפּוצט, די וואָכעדיקע זאַכן זיינען געוואָרן איבערגעדעקט און פאַרשטעלט, און פון יעדן ווינקעלע האָט אַרויסגעלויכטן די פרייַלעכקייט און די הייליקייט פון שבת.

די מאַמע, מיט אַן איבערגעבונדן טיכל, האָט מיט אַ פרומען הייליקן ציטער געקוקט צו די ברענענדיקע ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש, צו די ציטעריקע פלעמלעך, וואָס זי האָט ביי זיי אַריינגעוויינט אַלע אירע בקשות און דאגות... און האָט אָפּגעוואַרט צו באַגעגענען דעם טאַטן, וואָס האָט געדאַרפט קומען פון שול, כדי אים אונטערטראָגן דעם פרייַלעכן „גוט שבת“.

דער פאָטער פלעגט אַריינקומען אַ שיינענדיקער, אַן אויפגעלייגטער און אַן אויפגערוימטער, ווי ער וואָלט אַראָפּגענומען פון זיך אַלע זאָרגן און דאגות, פלעגט אויסזינגען אויפן קול דעם „שלום עליכם“, מאַכנדיק עטלעכע שפּרייזן איבערן שטוב, ווי ער וואָלט באַגריסט די חשובע געסט, וואָס באַגלייטן אים, גייען מיט אים מיט דעם גאַנצן הייליקן שבת... דערנאָך פלעגט ער צוגיין צום טיש, אָנגיסן אַ פולן בעכער וויין, פאַרמאַכן די אויגן, ווי ער זאָל זיך ווען מער פאַרטיפן און אויסזינגען מיט אַ היימישן ניגון דעם קידוש.

איצט האָט זיין זון אַריינגעבראַכט די שבתדיקע שטימונג ביי אים אין הויז. זיינע חברים, זיצנדיק אָנגעטאָן אין היטלען, מיט ערנסטע פּנימער, האָבן גערעדט פון עונג־שבת, דערקלערט די באַדייטונג, געזונגען דערנאָך האַרציקע ניגונים, וואָס האָבן אים דערמאָנט דעם טאַטנס זמירות.

דאָס ווייב האָט איצט אויפגעלעבט. האָט אַרומגעשמייעט אַרום טיש,

געהאלטן אין איין דערלאנגען די מאכלים פאר דעם זונס חברים, און געפילט זיך אויפגערוימט, יום־טובדיק און דערהויבן. געקוקט צום מאן מיט ארויסרופערישע בליקן, וואס איז געשטאנען אין א זייט א פארטראכטער און אן אפגעזונדערטער.

די הארציקע היימישע ניגונים פול מיט יוגנטלעכן ריטעם און התלהבותדיקער פרייד האבן ארומגעשוועבט איבער די צימערן, געמאכט אויפלעבן די פארגליווערטקייט און איינזאמקייט, וואס האט געיאגט פון אלע ווינקעלער. די יונגע מונטערע שטימען, פול מיט פרייד, האבן פאריאגט די עלנטקייט און אפגעזונדערטקייט פון זיין היים...

ברוך צייטלין האט זיך געפילט נעבעכדיק און דערדריקט אנטקעגן זון, וואס האט איבערגענומען די אנפירונג פון שטוב, טוט וואס ער וויל און באקומט אלץ מער העזה איבער אים. ס'איז אים געקומען אויפן געדאנק, אז אלע וואס קענען אים אלס פרייען מענטש, וועלן לאכן פון אים אין די פויסטן, — אז ער גייט צוריק אין שול... זיי וועלן חוזקן פון אים, אז ער איז געווארן פרום אויף דער עלטער.

ער האט באשלאסן אפצווארטן א גינסטיקן מאמענט און אים ווייזן, אז ער איז דער באלעבאס אין שטוב, און אז אים זיינען דערווידער די פארעלטערטע אפגעשטאנענע מנהגים און טראדיציעס, פון וועלכע ער האט זיך שוין לאנג דערווייטערט און אפגעזונדערט און האבן בכלל נישט קיין פלאץ אין אונדזער היינטיקן מאדערנעם לעבן...

די צייט איז געלאפן. און ער האט אלץ נישט געהאט קיין געלעגנהייט ארויסצווייזן זיין שטארקע האנט קעגן זיין זון, זיין אויבערמאכט, זיין אויטאריטעט.

ס'איז געווען א זונטיק נאכמיטיק. ברוך צייטלין מיטן ווייב זיינען געשטאנען אנגעטאן גרייט ארויסצוגיין. ער האט געבלעטערט די צייטונג, נאכגעקוקט די קינא־פראגראמען, וואס האבן געזוכט איבערצושטייגן איינע די אנדערע מיט זייערע פיקאנטע סוזשעטן, מיט די אנטיילנעמער — רייצנדיקע ארטיסטנס, וועלכע האבן קאנקורירט צווישן זיך מיט זייערע אינטימע ארויסרופערישע פאזעס, מיט זייער נאקעטקייט.

ביים ארויסגאנג האבן זיי זיך אנגעשטויסן מיטן זון, וועלכער האט זיי באגעגנט מיט אן אומעטיק פנים. ער האט געהאלטן א ספר אין האנט און האט פארשטעלט פאר זיי דעם וועג. געקוקט צו דר'ערד, ווי ער זאל זיך שעמען טרעפן מיט זייערע בליקן. זיין קול האט אפגעקלונגען ציטעריק און אפגעהאקט, נישט דרייסט:

— איר גייט זיך פארווײלן מסתמא, — ער האט זיי ביידן באטראכט, אנגעקוקט, ווי ער זאל נישט גלויבן זיך אליין. ער האט געווארט א ווײלע, ווי ער זאל פאסן מוט. ס'האט אים שאקירט, וואס ער, א קליין יינגל, דארף גיין שטראפן טאטע־מאמע — זיינע דערציער, דערמאנען זיי, אז זיי זיינען יידן... ער האט פארגעזעצט מיט א פעסטערן קול: — איר האט

פארגעסן, אז היינט איז תשעה־באב — דער בית־המקדש איז אין דער צייט חרוב געווארן... ס'איז א טרויער־טאג היינט ביי יידן... מיר טארן זיך נישט גיין פארוויילן, זיך אנטאן פארגעניגנס. מיר דארפן דערמאנען חורבן בית־המקדש...

ברוך צייטלינען האט א שלאג געטאן דאס גאנצע בלוט אין פנים אריין. ער איז געווארן רויט, אנגעצונדן, געציטערט אין גאנצן פון כעס — אט צו וואס עס איז דערגאנגען דאס נאכגעבן זיין זון. ער האט געמיינט צום אנהויב, אז עס זיינען קינדערשע קאפריזן, וואס וועלן פארבייגיין. איצט איז געקומען דערצו, אז זיין זון מישט זיך אריין אין זיין לעבן, זאגט אים דעות, ווי אזוי ער דארף זיך פירן, וו ער מעג גיין און וו ער טאר נישט.

ער האט אפגעשטופט ברוטאל אין א זייט דעם זון וואס האט פארשטעלט פאר זיי דעם ארויסגאנג. א מורמל געטאן צווישן די ציין, עפעס וואס דער זון האט נישט באוויזן אויפצוכאפן. ער האט אנגענומען צערטלעך פארן ארעם זיין פרוי, וואס האט געקוקט צום זון מיט מיטלייד און איז ארויס מיט איילנדיקע טריט, איבערלאזנדיק דעם זון, וואס איז געבליבן שטיין אין א זייט א פארטראכטער, מיט אן אומעטיק־דערשלאגן פנים, נאכקוקנדיק טאטע־מאמע מיט א טיפן באדויערן...

פון דאן אן איז דער שטילער, פארביסענער שטרייט צווישן פאטער און זון, נאך מער פארשטארקט געווארן, אנגעהאלטן מיט דער גאנצער שארפקייט און פארביסנקייט פון ביידע צדדים. איינער האט נישט געוואלט נאכגעבן דעם צווייטן, פארבייגן זיינס. און דאס האט אלעמאל ארויסגערופן צוזאמענשטויסן, שטרייטן צווישן פאטער און זון...

ס'איז געווען א הייסער זומערדיקער נאכמיטיק. די לופט איז געווען אנגעגליט, אנגעשרפעט פון א גאנצן טאג. ס'האט אויסגעזען ווי גליענדיקע פונקען וואלטן זיך געצונדן נאכאנאנד אין רוים און פארוואנדלט די אטמאספער אין א קאכעדיקער צעשמאלצענער לאווע, וואס האט פארשפרייט א שטיקנדיקע היץ.

ברוך צייטלין איז געגאנגען מיט גיכע טריט א היים, געפילט זיך מיד פון א גאנצן טאג ארבעט. ער איז געווען דורכגענעצט אינגאנצן פון שוויים, געפילט ווי אלץ קלעפט זיך אים צום לייב. ער האט געוואלט זיין וואס גיכער אין שטוב, אראפווארפן פון זיך אלצדינג און זיך אויסרוען, און וועלנדיק אריבערשפרייזן די שוועל פון זיין הויז, האט ער זיך אנגעשטויסן מיט זיין זון, וואס איז געשטאנען ביים אריינגאנג פארפלאמט און פארשמייעט און געקלאפט מיט א האמער איבערן אורשאק, דינע פארזיכטיקע קלעפעלעך, ווי ער זאל מורא האבן צו מאכן א שטארקן גערויש. דאס האט ער געוואלט אויסנוצן ווען דער טאטע איז נישט געווען אין דער היים, אנקלאפן מזוזות אויף אלע טירן.

דער פאטער איז געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאצטע ארויסשטארצנ־

דיקע אויגן און זיינע בליקן פול מיט אייפער און פּאַרדרוס, האָבן געבור־שעוועט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס. ער האָט געקוקט אויפן זון, אויף די אַרויפגעקלאַפּטע מזוזות, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט נצחונדיק פון די טירן, ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז די אויפגעהאָנגענע מזוזות ביי אים אין הויז, זענען אַ שטילער אַרויסרוף צו אים... און אַז ער טאָר דאָס מאָל נישט נאָכגעבן, פאַרשווייגן...

ער איז צוגעגאַנגען נענטער און אַריינגעקוקט דעם זון אין די אויגן, ווי ער זאָל עפּעס ווען אַרויסלייענען פון זיי... זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, זיך אָנגעשטויסן און נישט געוואָלט אָפּטרעטן צוריק. ער האָט אויסגעשריען מיט כעס:

— ווער האָט דיר דערלויבט אָנהענגען מזוזות אויף די טירן?

— ווער האָט מיר דערלויבט? — האָט דער זון איבערגעחזרט דעם טאַטנס רייד, ווי ער וואָלט נישט באַנומען זיין פראַגע. אַ יידיש הויז דאַרף זיין באַצירט מיט גאָטס נאָמען. ס'איז אַ כבוד, אַ שטאָלץ...

— אַ כבוד? אַ שטאָלץ? — האָט דער פאָטער איבערגעקרימט.

ער האָט אָנגעהויבן לויפן איבער די צימערן, זוכן אומגעדולדיק און אַז ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ צוואַנג, וואָס ער האָט געפונען ערגעץ פאַר־שטעקט, איז ער צוגעלאָפן און אָנגעהויבן אַראָפּרייסן די מזוזות פון די טירן, שליידערנדיק זיי איינע נאָך דער אַנדערער אויף דר'ערד, די מזוזות זיינען געפאַלן מיט אַ צעצויגענעם, דינעם אָפּהילך, ווי אַ פאַרפּרעסטער, איינגעהאַלטענער זיפץ, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ מענטשלעך אָנגע־ווייטיקט האַרץ...

און אַז אַלע מזוזות זיינען שוין געווען אַראָפּגעריסן און זיינען גע־לעגן אויף דר'ערד, פאַרשעמטע, באַליידיקטע' אויפגעריסענע און דורכגע־לעכערטע, ווי אויפגעעפנטע ווונדן, — איז דער זון געבליבן שטיין אין אַ זייט. געקוקט מיט אַ ווייטיקלעכן ציטער, וואָס דער טאַטע זיינער טוט און געפילט, אַז מיט יעדן ריס מיט דער צוואַנג, רייסט זיך עפּעס אָפּ ביי אים טיף אין האַרצן, פאַרשאַפט אים אַ דערדריקנדיקן ווייטיק, וואָס זיין איינענער טאַטע איז אַזוי מבייש די הייליקייטן... און פאַרשוועכט זיי, שליידערט זיי מיט רציחה אויף דער ערד, ווי ער וואָלט נישט פאַרמאָגט קיין יידיש געפיל...

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, אַרויסצופלאַצן מיט אַ געוויין.

ער האָט זיך איינגעבויגן, צונויפגעקליבן מיט ציטערנדיקע הענט די פאַרשעמטע מזוזות, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפן איבערן פאָל. ער האָט זיי צוגעדריקט צום האַרצן, ווי מ'טוליעט צו צו זיך אַ באַליידיקט קינד, וואָס איז געבליבן פאַרשעמט. צוגעטראָגן זיי צו די ליפּן און גע־קושט מיט אַ הייליקער פרומקייט... — — — — — — — — — — —

ברוך צייטלין, דערזעענדיק דעם זון זײַנעם אַ פֿאַרווײנטן, אַ צונויפגערדיקטן און אַ צונויפגעקאַרטשעטן, ווי ער האַלט מיט ציטערנדיקע הענט די אַראָפּגעריסענע מזוזות, קושט זיי און דריקט זיי מיט ליבשאַפֿט צום האַרצן, איז געבליבן גערירט פֿון זונס איבערגעלעבטן צער... פֿון דעם הייליקן ציטער, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פֿון זײַנע מיט טרערן פֿאַרלאָפֿענע אויגן. אַ טיפֿער אָפּשיי און דרך־ארץ האָט זיך בײַ אים דערוועקט צום זון. אין דעם מאָמענט האָט אויפֿגעטויכט פֿאַר אים אַליין זײַן יוגנט, די קינדער־יאָרן, זײַן פֿרומקייט, זײַן גרונטעוועס זיך אין אַלערליי מוסר־ספֿרים... און דאָס וועלן זיך לײַטערן און דערגיין צו אַ העכערער מדרגה, וואָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַ פֿאַרבאָרגן געפֿיל פֿון התלהבות, פֿון דערהויבונג, — און זײַן איצטיק לעבן, וואָס איז אַזוי וואַבעדיק און גרוי, מאָנאָטאָן און עלנט.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צום זון, אויסגעשטרעקט בײדע הענט און אים צערטלעך אַרומגענומען, ווי ער זאָל בעטן בײַ אים פֿאַרגעבונג, מחילה. ער האָט אים אַרײַנגעקוקט אין די פֿאַרטרערטע, ווײנענדיקע אויגן, ווי ער וואָלט מיטגעפֿילט זײַן שטומען צער, זײַן פּײַן. אין דעם מאָמענט האָט ער באַוווּנדערט און פֿאַרערט זײַן זון, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ איבערברוך אין זײַן לעבן, האָט זיך פֿאַרנומען צו גיין מיט פֿעסטע טריט אויף דעם נײַעם וועג, וואָס ער אַליין האָט שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿן, און וואָס גיט אים צו מוט, אײַנהאַלט און דערהויבונג...

אַ פֿאַרפֿרעמדטער זון

דאָס קלײנע רואיקע פּראָװינץ שטעטל, װאָס ליגט נישט װײט פֿון דער גרױסער שטאָט, זעט אױס װי אַ פֿאַרװאָרפֿן שטיל אינדזעלע נעבן אַ צעשטורעמטן ים.

און כאָטש עס איז אַזױ נאָענט פֿון דער מעטראָפּאָליע, דערגרײכט נישט אַהער דער טומל און געפּילדער, נאָר עס הערט זיך פֿון װײטן אַ פֿאַרשטיקטער גערױש, װי אַ װײטער עכאָ פֿון צעשטורעמטע ים־כװאַליעס, װאָס רײסן זיך צו די ברעגן, קלאַפּן זיך אָן אין די שפּיציקע פֿעלזן און צעגײען זיך מאַכטלאָז אין אַ װײסן בלעזלדיקן שױם...

די שטאָטישע אײנװױנער, װען זײ קומען דאָ, בלײבן װי געפּלעפּט. קוקן פֿאַרחידושט װי דאָס גאַנצע לעבן באַװעגט זיך פֿױל און לאַנגזאַם. די מענטשן אײלן זיך נישט, גײען געלאַסן און טראָגן מערסטנטײל לײװנטענע שיך און באַװעגן זיך מיט שטילע װײכע טריט, װי זײ זאָלן נישט װעלן שטערן די אַרומיקע שטילקײט.

זײערע געשפּאַנטע נערװן, װאָס זײנען צערײצט פֿונעם שטאָטישן טומל, װערן נאָכגעלאָזן און באַרואיקט פֿון דער אַרומיקער שטילקײט און דרימלענדיקע רואיקײט.

די אַרומיקע אײנשטאָקיקע הײזקעס נעמען אַרום װי מיט אַ רינג די רונדע „פּלאַסע", די װײסע שטיבלעך מיט די קלאָרע אױסגעװאַשענע פֿענצטער, קוקן פֿאַרחידושט אַרױס צו די לײדיקע גאַסן, און װוּנדערן זיך װאָס פֿרעמדע דורכגײער מיט אומבאַקאַנטע שװערע טריט האָבן געשטערט זײער פֿאַרטראַכטקײט און איבערגעריסן די שטילקײט פֿון די לײדיקע גאַסן.

בײ דער זײט, נאָענט פֿון פּאָליצײ־צירקל, װאָס געפֿינט זיך בשכנות, איז אַן אַלטער הױז מיט טיפֿע האַלב־פֿינצטערע קאָרידאָרן, שטײט אַ קלױסטער. ער שטײגט איבער מיט זײן הױכקײט און דינע שפּיצן, אַלע

הייזער פון שטעטל, און עס דוכט זיך, ווי ער וואָלט געקוקט פון אויבן אַראָפּ מיט זיינע גרויסע לאַנגע פענצטער, וואָס זיינען צעטיילט אין פיל קאָלירטע שייבעלעך, וואָס מיניען זיך אין אַלערליי פאַרבן אַנטקעגן דער זון. די בלישטשענדיקע שייבעלעך זעען דאָן אויס ווי וואַכזאַמע בלינצלדיקע אויגן, וואָס היטן און וואַכן איבער די איינוווינער פון שטאָט...

מיטיק־צייט, ווען די זון וואָרפט איר ליכט אויפן גאַנצן שטעטל, ווערן די שטראַלן געבראָכן און איבערגעהאַקט פון די שאַרפע קלויסטער־שפּיצן און די הייזער בלייבן האַלב אין שאָטן...

די עטלעכע רייען הויכע פּאַלמען־ביימער, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות אויף דער „פּלאַסע", גלייכע, געשטרעקטע, ווי זיי וואָלטן אויסגעוואַקסן געוואָרן פון איין פורעם, זיי באַוועגן זיך קוים מיט זייערע גרינע קרוינען־קעפּ און העלפן שאַפן אַ געמיטלעכע שאָטנדיקע רואיקייט.

מיטיק־צייט ווערט דאָס שטעטל אײַנגאַנצן ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע פאַרמאַכן טיר און טויער. פון די עטלעכע געציילטע געשעפטן ווערן מיט איילעניש אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן, דאָס יאָגן זיך אַלע צום מיטיק־עסן און זיך אויסצורוען, שלאָפן די „סיעסטאַ". אין די פּאָר שעה ווערט דאָס גאַנצע שטעטל צוזאַמען מיט די איינוווינער, פאַרזונקען אין אַ נאָך־מיטיק דרימל.

איין מאָל אין יאָר ווערט דאָס שטעטל אויפגעלעבט, דאָס איז אין די טעג פון קאַרנאַוואַל. פּונקט ווי אַז אַלט־געלייטער קערפּער, וואָס לעבט אויף מיטאַמאָל, באַקומט נייע כוחות און הויבט זיך אָן באַוועגן, — אַזוי ווערט איבערגעריסן די שטילקייט פון די גאַסן מיט באַווייזן זיך פון נייע פּנימער, וואָס מאַכן אַז אַ טומל מיט זייערע הילכיקע, שווערע, פרעמדע טריט, ברייטע צעוואַקסענע, מיט פאַרברוינטע פּנימער, מיט פאַרוואָרפענע „פּאַנטשאָס" אויף די אַקסלען, קלינגען זיי מיט די אייזערנע שפּאָרן פון זייערע פאַרבלאָטיקטע שטיוול. דאָס זיינען די „גאַוטשאָס", איינוווינער פון די אַרומיקע „טשאַקרעס", וואָס ברענגען מיט מיט זיך צוזאַמען מיט זייער עקזאָטיק און עקסטראַוואַגאַנץ, אויך ריחות פון פעלד, פון צעפּרייעטער אויפגעאַקערטער ערד, אַדורכגענומען מיט קילקייט פון דער־פרישנדיקע ווינטן.

זייענדיק שטענדיק פאַרנומען ביי די פעלדער און האָבנדיק ווייניק קאָנטאַקט מיט מענטשן, פילן זיי זיך געפּאַלן מיט זייערע האַמעטנע באַ־וועגונגען און דאָרפישן הילוך, אַנטקעגן די מענטשן פון שטאָט. נייגעריקע, אומצוטרויליכע, קוקן זיי אויף אַלץ מיט חידוש און כאַפּן קעל־בערנע התפּעלות פון יעדער קלייניקייט.

זיי בלייבן שטיין אין די געשעפטן האַלב צעטומלטע און לאָזן זיך צוריידן פון די פאַרקויפער און זעען זיך שפּעטער אַרום, אַז זיי האָבן איינגעהאַנדלט זאַכן וואָס זיינען פאַר זיי נוצלאָז און איבעריק.

די פרויען און מיידלעך, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אַ גאַנץ יאָר

אויף די פרייע טעג פון קארנאוואל, באלאגערן די געשעפטן, קוקן מיט גיריקע, זשעדנע אויגן אויף די שטיקער זיידנס, וואס גלאנצן אראפ פון די פאליצעס, אויף די געבלומטע און געמוסטערטע סחורות, וואס ליגן צעווארפן אויף די טישן, און קויפן דערנאך אוים אלע צוגעלעגערטע משונהדיקע קאלירן, וואס א גאנץ יאר ליגט עס און שימלט, ווערט איצט אין די טעג פון קארנאוואל צעכאפט ווי מצה־וואסער, און עס גייט אוועק אין גוט געלט.

קאלירטע בלעכלעך, דראטענע אפגעפארבטע בראסלעטן, קרעלן פון אלערליי קאלירן, סטענגעס און באפוצונגען, וואס ליגן פארוקט אין די שופלאדן א גאנץ יאר, זיינען פאר זיי איצט דער גאנגבארסטער ארטיקל.

זייער בליק און האלטונג, וואס א גאנץ יאר זענען זיי געצווימט און געמאסטן, ווערט איצט פריי און האפערדיק. אין זייערע אויגן צעצינדן זיך פארבאהאלטענע, פארשטיקטע פלעמלעך פול מיט באגערן.

די עטלעכע קלובן פון שטעטל אנאנסירן, — אז די גאנצע צייט פון קארנאוואל וועט מען טאנצן אלע נאכט אין זייערע לאקאלן.

אין דעם דאזיקן פראווינץ־שטעטל, אויף איינער פון די זייטיקע גאסן וווינט שוין לאנגע יארן, שמעון גערנער.

אין פראנט פון זיין הויז הענגט א שילד מיט גרויסע אותיות, וואס שרייט אראפ צו די דורכגייער און גיט צו וויסן, — אז דא וווינט א שניידער, וואס מאכט נייע אנצוגן און נעמט אויך אן איבערצוניצעווען און פאריכטן, — און כאטש מען זעט אים שטענדיק זיצן אן איינגעבויגענעם איבערן מאשין און נייען, מאכט ער נישט קיין גליקן פון זיין גאנצער הארעוואניע. און די קליינע צאל קארטלעך סחורות, וואס ליגן הינטער די פארשטויבטע פאליצעס, האבן פון דער לאנגער צייט ליגן און שימלען, פארלארן זייער האפערדיקן גלאנץ און חשיבות און זיי קוקן ארויס אפגעבליאקעוועטע, אפגעשאסענע פון דער זון, פון אונטער די פארשטויבטע שויבן, נייגעריקע און אומגעדולדיקע צו דעם ליידיקן סאלאן.

שמעונס באקאנטע וואס זיינען געקומען אין דער זעלבער צייט וואס ער, און זיינען איצט געשטאנען מיט גרויסע געשעפטן, מיט פולע, אנגעשטאפטע לאגערן סחורות, האבן געקוקט אויף אים פון אויבן אראפ, מיט גדלות און גרינגשעצונג, וואס ער שמעון איז א פארשלאפענער, האט נישט געוווסט פאר דער צייט זיך „ארויפצוארבעטן" און ווערן א סוחר און באקומען א נאמען.

זיי אלע זיינען די ערשטע יארן פון זייער קומען אין לאנד. ארומגעגאנגען מיט די קוישן, געשלעפט זיך ווי וואגאבונדן איבער די וועגן, איבער די דערפער, ווו געטאגט, דארטן נישט גענעכטיקט, און אויף זייערע פנימער זיינען געבליבן שפורן פון דער טונקעלער אפגעברענטקייט פון דער הייסער זון, צעשמיסן פון ווינט און רעגן, און זייערע אראפהענגנדיקע אקסלען האבן דערציילט פון די שווערע פעק, וואס זיי איז

אויסגעקומען צו דזשווינגען אויף זייערע איינגעבויגענע פּלייצעס לאַנגע שטרעקעס, און אַז אומרואיקער ציטער פלעגט זיי אַ סך מאָל באַפאַלן ווען זיי פלעגן בלייבן אויפן פרייען פעלד, אָדער עס פלעגט זיי אויסקומען צו נעכטיקן אין אַן אומבאַקאַנט אָרט...

מיט דער צייט איז זיי געוואָרן דערעסן דאָס אַרומשלעפּן זיך נע־ונד.

זיי האָבן אויסגעזוכט לאָקאַלן אין די נאָענטע שטעטלעך און האָבן פאַרלייגט געשעפטן, און פון שטיין גאַנצענע טעג אין די האַלב־פינצטערע סאַלאָנען, איז די טונקעלע אָפּגעברענטקייט פון דער זון, פאַרשוווּנדן פון זייערע פּנימער.

זייערע געזיכטער וואָס האָבן איצט ווייניק אָנגעזען דאָס זונליכט, זיינען איצט געוואָרן ווייס און אויסגעאַיידלט, און די אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען האָבן איצט ביים אויפהויבן זיי אַלע ווײַלע אויף אַראָפּצונעמען די שטיקער סחורות פון די הויכע פּאָליצעס, זיך אויסגעגלייכט און זיך געצויגן אין דער הויך... און דער אומרואיקער ציטער, וואָס האָט טיף אינעווייניק געפּיבערט אין זייערע אויגן, איז איצט מיטן פאַרגרעסערן זייערע געשעפטן און פאַרמעגנס, אויסגערונען געוואָרן, און אַ רואיקע זיכערקייט און חשיבות האָט זיך געטראָגן פון זייער גאַנג און באַנעמונג...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיי באַהערשט אַן אומרואי־קייט, אַ געשפּאַנטקייט, זיי האָבן נישט געקענט רואיק איינשטיין הינטער די האַלב־ליידיקע פּאָליצעס, ווי די פּאָליצעס וואָלטן צו זיי געוווּנקען, — אַז איצט איז אַ שעת הכושר זיי אָנצופילן. זיי זיינען געלאָפן אַלע ווײַלע אין שטאָט איינצוקויפן סחורות, איינגעהאַנדלט וואָס עס איז נאָר אונ־טערגעקומען אונטער דער האַנט און האָבן געטראַכט, אַז יעדער שטיקל סחורה וועט ווערן טייערער פון טאָג צו טאָג.

דערנאָך זיינען זיי געשטאַנען און געקוקט מיט צופרידנקייט אויף די פולע פּאָליצעס...

די שטיקער סחורות, וואָס זיינען איצט אומעטום געלעגן צעלייגט, צעהאַנגען, צעשטופּט אין די ווינקלען, האָבן איצט אויסגעזען ווי רייפע אויפגעגאַנגענע בייטן פון גרעטעטענע תבואות.

די פאַרשיידענע שטיקער זיידנס האָבן איצט באַם פאַנאַנדערוויקלען זיי, אַרויסגעגעבן אַ שטילן ציטערדיקן שאָרך, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט זייער פאַרבאַהאַלטענע פרייד, וואָס איצט וועלן זיי ווערן מיט גאָלד צו־גלייך... די פרייזן וועלן שטייגן פון טאָג צו טאָג...

ווען זיי, די אַמאָליקע אַמבולאַנטן און היינטיקע סוחרים, פלעגן פאַר־בייגיין שמעונס שניידעריי, וואָס האָט זיך געפּונען אין האַלב־טונקעלן סאַלאָן מיט פאַרשטויבטע ליידיקע פּאָליצעס, פלעגן זיי אַריינקוקן מיט אַ ביטול־שמייכעלע און באַדויערן, זאָגנדיק בשעת מעשה:

— אַז אַט דער שמעון איז אַ ווילער מענטש, נאָר טויג זיך נישט אויס, פאַרמאָגט נישט קיין אַמביציעס זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס אַ

תּכלית, נאָר איז פֿאַרבליבן אַז אַרבעטער, קליאַנטשעט זיך בײַ די עטלעכע אָפּגעשאָסענע קאָרטלעך, זיצט שטענדיק אַז אײַנגעבױגענער און שטשאַבעט מיט דער נאָדל, נעמט זיך אַרױס די אױגן בײַ דער מאַשין, „אַ פֿאַרפֿאַלענער מענטש”, װאָס װעט שױן בלײַבן אַז אײביקער קבצן, פֿלעגן זײ צוגעבן מיט באַדױערן...

שמעון נעמט זיך נישט צום האַרצן פֿון זײערע רײד, ער האַלט אַז מען דאַרף נישט אײַנרײסן די װעלט, װערן רײך... ער װיל לעבן פֿון זײַן אַרבעט. ער באַנוגנט זיך פֿון דעם װאָס ער פֿאַרדינט און איז צופֿרידן. ער זוכט נישט קײן גליקן...

דאָס װאָס פֿלעגט שמעונען פֿאַרשאַפֿן זאָרג און עגמת נפֿש איז געװען זײַן בן־יחיד מאָריסיאָ.

דאָס איז געװען אַ יונג בחורל מיט אַ דרײסטן חוצפּהדיקן בליק, װאָס פֿלעגט אַרײַנלײגן זײַן גאַנצן לעבן אין קלײדן זיך. אַלץ האָט געמוזט ליגן אױף אים אױסגעגאָסן. אײדער ער גײט אַרױס אין גאַס, שטײט ער לאַנג פֿאַרן שפּיגל, קעמט זיך ביז יעדער האָר ליגט אױף אַן אָרט און לײגט זיך אײַן זאָרגפֿעליק אַן אײַנגעקעמטן לאָק, װאָס גיט אים צו עלעגאַנץ און װױליונגערישקײט. ער גײט אַרום שלינג און שלאַנג, זוכט זיך נאָר אײַנצודרײען פֿון דער אַרבעט און לאַכט פֿון טאַטן, װאָס ער הרגעט זיך אָװעק בײַ דער מאַשין און זעט קײנמאָל נישט אַן די ליכטיקע שײַן און געניסט גאָרנישט פֿון לעבן, װי צוריקגעשטאַנענע מענטשן פֿון אַלטן דור...

שמעון פֿילט זיך געקרענקט פֿון דעם און דער געדאַנק — װאָס עס װעט װערן פֿון זײַן בן־יחיד: מאַטערט אים כּסדר און לאָזט אים נישט צורו...

פֿון קינדװײַז אָן האָט שמעון דערצױגן זײַן זון אין אַ פֿרײַען גײַסט, װײַט פֿון טראַדיציעס און פֿאַרורטײלן... געהאַלטן עס פֿאַר שאָװיניזם און צוריקגעשטאַנענקײט... און אַז דער זון איז אױסגעװאַקסן האָט ער זיך אין גאַנצן דערװײַטערט פֿון טאַטן, געקוקט אױף אים פֿון אױבן אַראָפּ. װי ער װאָלט זיך אױסגעלאַכט פֿון זײַנע שטראָפֿנדיקע רײד... געהאַלטן אים פֿאַר אַ צוריקגעשטאַנענעם.

שמעון זעט איצט אײַן אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרױסן טעות מיטן דערװײַטערן זײַן זון פֿון זײַן אײגענעם שטאַם... געלאָזט אים אױף גאָטס־באַראָט, אױף הפקר... איצט װיל ער כאַפּן צוריק און קען נישט, ער שטױסט זיך אָן אַלע װײַלע מיט זײַן זונס משונהדיקער אױפֿפֿירונג, װאָס פֿאַרשאַפֿט אים קרענקונג, צער און עגמת־נפֿש...

* *
*

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון קאַרנאַוואַל, אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל פון ברעג צו ברעג.

שוין אָנהויב אָוונט האָבן די ראַדיאָ־הילכערס צעטראָגן די ריטשענדיקע דזשאַז־קלאַנגען איבער די שטילע גאַסן, וואָס האָבן מיטאָמאָל אויפגעלעבט, זיינען געוואָרן באַלויכטן פון אומצאָליקע לאָמפּן, פון אַלערליי קאָלירן.

אַ צעפּראַלעוועטער ריטם פון פאַרכלינעטער עראָטישער פרייד און אומגעצוימטער לוסט האָט אָנגעפילט די לופט און געזוכט אַריינצודרינגען אומעטום, ווי עס וואָלט געוועקט די איינוווינער און צו וויסן געגעבן, אַז היינט איז קאַרנאַוואַל און מען דאַרף זיין פריילעך און געניסן מיט דער פולער האַנט...

די „פּלאַסע", אַן אילומינירטע צוליבן יום טוב, האָט געוווּנקען מיט די פילצאָליקע לעמפּלעך פון גרינע און רויטע קאָלירן, וואָס זיינען געווען אָנגעהאַנגען אויף די שפּיצן פון די פּאַלמען־ביימער.

די לעמפּלעך האָבן געקוקט מיט שפּאָט און אַרויסרופערישקייט צו דעם קלויסטער פון אַנטקעגן, וואָס איז געשטאַנען אַ באַשאָטנטער, אַ פאַרשלאָסענער, אַ פאַרגעסענער...

„גאַוטשאָס" מיט איבערגעבונדענע ווייסע טיכלעך אויפן האַלדז און אויפן שטערן, מיט ברייטע לויזע מלבושים, זיינען געגאַנגען פריילעכע און באַרוישטע, קלאַפּנדיק מיט די שפּאָרן, ווי זיי וואָלטן באַגלייט צום טאַקט פון דער מוזיק, צו די העל באַלויכטענע טאַנץ־זאַלן.

דער טומלדיקער, פריילעכער רעש, וואָס האָט אָנגעפילט דעם אַרום, האָט נישט געקענט אַריינדרינגען אין שמעונס הויז, ווי דער גאַנצער טומלדיקער געפּילדער און ליאַרעם, וואָס האָט דערגרייכט אַהער, וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אין עפּעס און אָפּגעשטויסן געוואָרן אויף צוריק...

אַ שווערע אומהיימלעכע שטילקייט האָט געהערשט ביי שמעונען אין שטוב. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי אַן אבל... זיין שטאַרער בליק האָט געקוקט פאַר זיך פייכט און פאַרנעפּלט. ער איז געווען אָנגעשפּאַרט אין מאַשין, געהאַלטן אַ בריוו אין האַנט און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז די ווערטער, וואָס ער האָט נישט לאַנג אַרויסגעלייענט, שוועבן אין דער לופטן. ער פילט זייער ציטערדיקע וויברירונג, ווי אומזעבאַרע פינגער וואָלטן אויסגעשפּילט אין חלל עלעגישע אַקאָרדן פון טרויעריקע מעלאָדיעס און מאָנען עפּעס ביי אים...

זיין שטיל, רואיק לעבן אינעם שטעטל, וואָס איז געווען ביז איצט ווי אַ שטייאיק וואַסער, איז מיטן דערהאַלטן דעם בריוו, ווי צעררודערט געוואָרן פון אַ ווייטן אָנקומענדיקן שטורעם.

ער האָט ווידער גענומען דעם בריוו אין האַנט און געלייענט אין זיך, וואָס זיינער אַ יוגנט־חבר שרייבט אים: — דו זאָלסט וויסן זיין, שמעון, אַז פון דיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן לעבן און פון

גאנצן שטעטל מיט אלץ מיט אן אנדער איז קיין זכר שוין נישטא. פון מארקפלאץ ביז דעם וואלד איז פולשטענדיק וויסט און חרוב, ווי נאך א שטורעם. מען זעט נאר די מצבות פון אלטן בית עולם, וועלכע קוקן ארויס מיט חידוש און פארווונדערונג צו דעם פוסטן חרוב געווארענעם שטעטל און דאס זעט אויס ווי א „זכר לחורבן"... ער פארשטייפט דעם בריוו אין האנט און בלייבט זיצן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ.

ער האט מיטאמאל אנגעשפיצט זיין בליק, געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. ער האט באמערקט זיין זון אין צווייטן צימער, ווי ער שטייט אן אויסגעפוצטער, א שיינענדיקער פארן שפיגל און קעמט זיך מיט התמדה, ברומט אונטער פאר זיך א ווולגאר לידל.

ער האט זיך האסטיק אויפגעהויבן פון פלאץ און איז אריין אין צווייטן צימער. זיין קול א פארשטיקטס, א צעוויטיקטס, האט אפגעקלונגען מיט אן אומענדלעכן טרויער:

— סטראיעסט זיך ווי אויף א חתונה און גרייטסט זיך גיין טאנצן, הוליען ביזן ווייסן טאג אריין מסתמא.

דער זון האט אים אנגעקוקט פארחידושט מיט א קאלטן פרעמדן בליק... געטראכט אין זיך אז דער „אלטער" דארף שוין זיין עובר־בטל, אז ער שטעלט אים אזא קלאץ־קשיה, באמערקט נישט, אז דאס גאנצע שטעטל גייט היינט כאדאראם און פרייט זיך מיטן יום טוב, א קוים באמערקבאר ביטול־שמייכעלע האט ארויסגעקוקט פון זיין בליק פון זיין פנים און איז געבליבן הענגען ביי זיינע מויל־ווינקלען:

— היינט איז דאך קארנאוואל, מען דארף זיין פריילעך, געניסן און זיך מאכן לוסטיק...

דער פאטער, וועלכער איז געשטאנען אנטקעגן אים און געהאלטן דעם בריוו אין דער האנט, האט טרויעריק געשאקלט מיטן קאפ, ווי ער וואלט אים באדויערט. דעם זונס רייד האבן פארגרעסערט זיין צער און פיין. זיין פארשטייפטע האנט האט זיך געשטרעקט אין דער הויך, ווי ער וואלט מיט עפעס געווארנט זיין איינציקן זון און זיין ציטעריקע שטימע האט ווי געדראעט.

— היינט איז קארנאוואל, אבער נישט פאר אונדז... אלע מעגן זיין פריילעך, אבער נישט מיר... טארסט נישט גיין טאנצן היינט! דארפסט רעספעקטירן דעם אנדענק פון דיינע נאנטע, משפחה, דיין שטאם; דו ביסט א ייד... דארפסט מיטפילן אונדזער ווייטיק און טרויער...

דער פאטער האט אים געשטורכעט דעם בריוו אין פנים און געזאגט מיט א ציטעריק קול:

— נא, לייען, וואס עס איז געווארן פון זיי אלע...

דער זון האט געגלאצט מיט די אויגן אויפן טאטן. נישט פארשטאנען וואס דער „אלטער" וויל פון אים האבן. א גאנץ יאר ווארט ער אויף די טעג פון קארנאוואל און דא דערציילט ער אים א מעשה מיט א בריוו.

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, אָפּגעשטופּט פון זיך ברוטאַל מיט ביידע הענט דעם בריוו וואָס דער פאָטער האָט אים כסדר געשטורכעט אין פּנים אַריין, ווי אַ זאַך וואָס איז אים דערווידער... און וואָס איז די סיבה אים צו שטערן אין היינטיקן יום־טוב... ער איז אַרויס מיט שנעלע איילענדיקע טריט, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז דער פאָטער קען אים ווען פאַרהאַלטן.

שמעון איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די נישט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו זאָגן זיין זון, זיינען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. דער בריוו איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט, געפאַלן מיט אַ מאָדנעם פאַרשטיקטן שאָרך, ווי אַ שטילער קרעכץ פון אַן אַרונטערגעשאָסענעם פויגל.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול, געפילט ווי עס שטייגט אין אים די פאַרביטערונג צו זיין אייגענעם זון, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט און געוואָלט דערציען אין אַ פרייען וועלטלעכן גייסט, געמיינט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ פרייער מענטש׳ אָן פאַרורטיילן... און איצט האָט דער זון אין גאַנצן זיך דערווייטערט פון אים, איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן, טראַכט נאָר פון פאַרגעניגנס און פוסטן לייכטזין, און פילט נישט מיט דעם גרויסן צער פון זיין משפּחה, פון זיין שטאַם... ווי ער זאָל זיין אין גאַנצן אַ פרעמדער...

דער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, געפּייניקט נאָכאַנאַנד. ער האָט באַשולדיקט זיך אַליין, אַז דאָס האָט ער מיט זיין פירונג דערווייטערט זיין זון פון זיך...

שמעון איז געבליבן זיצן, געטריבן פון זיך די שיכורע קולות און געלעכטערס, וואָס האָבן דערגרייכט אַהער פון גאַס, פול געמאַכט די לופט.

ער האָט געקוקט צום בריוו, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, אַ צעטראַטענער און אַ פאַרשעמטער. ער האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם בריוו מיט ציטערנדיקע הענט, ווי מ׳הויבט אויף אַ קראַנק קינד... געקוקט צו די פאַרשריבענע ווערטער, וואָס האָבן ווי געטאַנצט פאַר זיינע אויגן און האָבן אים אינגאַנצן דערשלאָגן און דערשיטערט און אַ פּיינלעכער געדאַנק האָט אים כסדר גענאַיעט, — אַז נישט נאָר האָט ער זיך היינט דערוווסט, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין משפּחה, זיינע אַלע פריינט׳ נאָר אויך אַז צוליב זיין פירונג האָט ער פאַרלאָרן זיין אייגענעם זון, וועלכער איז אַזוי ווייט און פאַרפרעמדט פון אים. אַז ער נעמט אויף מיט פאַראַכטונג און גלייכגילטיקייט זיין טיפן טרויער, און אומענדלעכן צער צו זיין אומגעקומענער משפּחה און צו זיין אויסגעראָטענעם שטאַם...

אַן עלנטער מענטש

אין דער אַלטער שפּיטאָל־געביידע, מיט דעם אָפּגעבראָכענעם טינק און צעקרישלטע אָפּגעשיילטע ווענט, וואָס זעען אויס אין די רעגנדיקע טעג ווי אויפגעעפנטע צעגאָסענע ווונדן פון אַלטע בעטלער, וואָס אַנטבלויזן זיי פאַר אַלעמען כדי צו וועקן רחמנות... סטאַרטשען אַרויס הויבע פענצטער, וואָס קוקן אַראָפּ אומהיימלעך מיט אַ בייזן אָנגעשטרענגטן בליק צו דער גאַס, צו די פאַרביילויפנדיקע מענטשן, צו דעם טומל און געפּילדער פון אַרום, ווען אינעווייניק, אין די פאַרשטיקטע צימערן, פאַרגייען זיך מענטשן אין ווייטיקלעכע יסורים; זיי, די קראַנקע, קענען נישט פאַרטראָגן דעם טומלדיקן גערויש.

אין די קאָרידאָרן, אין די סאַלעס און אין די צימערן הערשט אַן אָנגעצויגענע שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט אָפּגעוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרפרעסטן אָטעם, זיך צוגעקוקט צו דעם פאַרצווייפלטן געראַנגל, וואָס קומט פאָר ביי די אינטערנירטע שווער קראַנקע, וואָס געפינען זיך צווישן לעבן און טויט, קלאַמערן זיך פאַרצווייפלט מיט די לעצטע פאַרבליבענע כוחות זייערע, קוקן מיט בענקשאַפט צו זייער פאַרגאַנגענעם לעבן, וואָס דערווייטערט זיך אַלץ מער פון זיי... און שרעקן זיך פאַר דעם דערנענטערנדיקן סוף...

אין די פרימאָרגנס זיינען די קראַנקע אומגעדולדיק. קוקן אַרויס מיט געשפּאַנטקייט אויפן אָנקומען פון די דאָקטוירים, וואָס זאָלן זיי אונטערזוכן. און ווען די דאָקטוירים באַווייזן זיך מיט זייערע ווייסע אָנגעקראָכמאַליעטע כאַלאַטן און פאַרשטייפטן אָנגעצויגענעם גאַנג, ווערן זיי נאָכגעפאָלגט פון אַלע קראַנקע, וועלכע קוקן זיי נאָך מיט בעטנדיקע, פיבערנדיקע אויגן, ווי די גאַנצע רעטונג זייערע וואָלט געלעגן אין זייערע הענט...

די דאָקטוירים גייען אַדורך גלייכגילטיקע נעבן די בעטלעך ווו עס ליגן די קראַנקע, הייסן זיך ווייזן די ליסטעס, און גיבן אַרויס פאַראָר־

דענונגען די קראַנקן־שוועסטערס, וואָס נעמען אויף מיט אַ טיפֿן רעס־פּעקט די אָנווייזונגען פֿאַר יעדן איינעם. די דאָקטוירימס איילנדיקע בליקן ריידן אויף אַ שטומען לשון צו די קראַנקע: — מיר קענען זיך נישט אָפּגעבן מיט יעדן באַזונדער. מיר האָבן אַזוי פֿיל פּאַציענטן צו דער־ליידיקן...

אין די נאָך־מיטיק שעהן ווערן די קראַנקע באַהערשט פֿון אַ נער־וועזער דערוואַרטנדיקער אומגעדולדיקייט. דאָס איז די צייט פֿון די באַזוכן.

עס קומען צו גיין פֿריינט, משפּחה און באַקאַנטע, און די קראַנקע האָבן דאָס געפֿיל, אַז מען האָט זיי נישט געלאָזט אַליין... מ׳אינטערעסירט זיך מיט זיי. מ׳קומט זיך נאָכפֿרעגן אויף זייער געזונט.

אין די שעהן פֿון די באַזוכן ווערן זיי אויפֿגעמונטערט. זייער גע־דאַנק איז פֿאַרנומען מיט דער דערוואַרטונג פֿון די פֿריינט, וואָס דאַרפֿן אָנקומען... עס גייען אַוועק פֿון זיי די ווייטיקן און זיי פֿילן זיך פֿרייער, אויפֿגעלייגטער, פֿול מיט האָפֿענונגען, וואָס דערמוטיקן זייער דערשלאָגן געמיט...

אין דעם גרויסן זאַל, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אָפּעראַציעס, הערט מען אָפּטמאָל צעצויגענע קרעכצן און פֿאַרשטיקטע, בעטנדיקע הילפֿס־רופֿן, וואָס וואַרפֿן אַז אַ ציטער אויף די מענטשן אין די קאָרידאָרן.

די צעצויגענע זיפֿצן רייסן זיך דורך דורך די שפּאַרונעס פֿון די אָראָפּ־געלאָזטע שטאָרן, בלאָנדזשען אַרום איבערן שטילן הויף און שטויסן זיך אָן אין די שפּיצן פֿון די פּאַלמען־ביימער, וואָס שטייען יחסניש אָנגעצויגענע און גאַווהדיקע, און שפּאַנען דערנאָך אַריבער די שטאַכעטן פֿון דעם אייזערנעם טויער, מישן זיך אויס און ווערן פֿאַרלוירן אין דעם טומל פֿון גאַס, צווישן דעם רעווען פֿון די אויטאָמאָבילן און געגרילץ פֿון די טראַמווייען.

די קראַנקע, וואָס ווערן אַריינגעפֿירט אין אָפּעראַציע־זאַל אויף טראָג־בעטלעך, קוקן אַרום מיט שרעקעדיקע, פֿאַרצווייפֿלטע בליקן. זייערע אויגן בלאָנדזשען אַרום, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ פֿריינט, אַ באַקאַנטן, מיט וועמען זיך צו געזעגענען. זיי טראַכטן, — אַז עס דערנענטערט זיך זייער סוף... די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן... און ווען זיי ווערן אַריינגעפֿירט אינעווייניק, קוקן זיי מיט אומצוטרוי צו די דאָקטוירים, צו די קראַנקן־שוועסטערס, וואָס גרייטן צו די אינסטרומענטן, די אָפּעראַציע־מכשירים. זייער בליק קלאַמערט זיך אין זיי מיט געבעט, מיט תחנונים... — אָט גיב איך איבער אין אייערע הענט — דאָס טייערסטע, וואָס איך פֿאַרמאָג, — מיין לעבן! — — —

אין קאָרידאָר, נעבן אָפּעראַציע־זאַל, וואַרטן אָפּ מיט ציטערדיקער אומגעדולדיקייט די פֿריינט און קרובים. זיי קענען נישט רואיק איינשטיין אויף איין אָרט, גייען אַרום הין און צוריק מיט אומרואיקע טריט און

קוקן מיט אַנגסטלעכער דערוואַרטונג צו דער טיר, מ'זאָל זיי אָנזאָגן די בשורה, — אַז די אָפּעראַציע איז אַריבער בשלום. און ווען מ'גיט זיי איי־בער די פרייַלעכע ידיעה, ציִען זיי אָפּ דעם אָטעם און זייערע געשפּאַנטע בליקן ווערן נאָכגעלאָזן, באַקומען אַ מילדן צופרידענעם גלאַנץ.

גאַנץ אַנדערש איז אין דעם פּאַוויליאָן פאַר די געווינערינס, וועל־כע וואַרטן אָפּ מיט שפּאַנענדיקער אומגעדולד זיי זאָלן איבערקומען בשלום...

די קרובים און פריינט, וואָס קומען זיי באַזוכן, זיינען אויפגעלייגט, אויפגערוימט און פילן זיך יום־טובדיק. זייערע פּנימער לייכטן מיט אַ פרייַלעכן ציטער און פון זייערע אויגן קוקט אַרויס די אומגעדולדיקייט צו דעם ניי־געבוירענעם קינד, וואָס וועט פאַרגרעסערן די משפחה, אָנפילן מיט פרייד די היים... אויף יעדער טיר הענגט אַ ראָזער אָדער בלאָער שלייף — אַ צייכן פון אַ מיידל אָדער אַ ייִנגל.

די קימפּעטאָרינס ליגן אויף די בעטלעך בלאַסע, מיט לאַנגע אויס־געצויגענע פּנימער. דער מאַטער גלאַנץ פון זייערע אויגן, קוקט נאָכלע־סיק און מיד, ווי קיין זאַך וואָלט זיי נישט אָנגעגאַנגען.

אין זיך פילן זיי נאָך דעם ווייטיק, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון זייער טראַכט. אַ טייל פון זייער לעבן האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות אַרויסצוגיין אויף דער פריי... און דערנאָך האָט זיך אַ לעבעדיק וועזן אָפּגעטיילט פון זייער לייב, אַרויס אויף דער וועלט, צו דער ליכטיקער שיין און אָנגעפילט דעם חלל מיט אַ פּראַלנדיקן אויסגעשריי...

דאָס קליינע נפשל, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען באַשיצט, אַרומ־גערינגלט מיט אַ וואַרעמער טונקלקייט, געשווומען, ווי אַ קליין פישל אין אַ טייכל, איצט, ווען עס גייט אַרויס אויף דער פרייער וועלט, פילט עס מיט אַלע חושים דעם אומבייט, דעם דיסאָנאַנס... זיין פאַרנעפּלטער דמיון שרעקט זיך פאַר די לויערנדיקע געפאַרן, וואָס דראָען אים פון אַלע זייטן... די שטרויכלונגען, וואָס עס וועט דאַרפן אויסשטיין, און זיין געוויין, ווי אַ הילפס־רוף, שרייט אויס זיין אומבאַהאָלפנקייט... זיין שרעק, זיין מאַכטלאָזיקייט צו דעם אומבאַקאַנטן אַרום... און אויף ווייטער וועט עס מוזן זיך דורכשלאָגן אָן קיינעמס הילף, אַליין דעם וועג...

נעבן יעדער געווינערין שטייט אַ קליין בעטעלע אַריבערגעצויגן מיט אַ ווייסן טיול. אינעווייניק ליגן די ניי־געבוירענע קינדערלעך, וועלכע שלאָפן מערסטנטייל. חלומען פון זייער פריערדיק אידילישן לעבן, וואָס האָט געפלאָסן, ווי אַ שטיל רואיק טייכל... ווען זיי זיינען געווען אָפּהענ־גיק, באַוואַכט און באַשיצט פון דער מוטער.

אַנדערע זיינען וואַך. זייערע אָנגעשפּיצטע חושים כאַפּן אויף מאָד־נע אויסטערלישע קלאַנגען און גערוישן, וואָס וויברירן הילכיק אין זייערע פאַרנעפּלטע מוחלעך. זיי דערשרעקן זיך, ציטערן אויף און זייערע רויט־טע אָנגעשוואָלענע פּנימלעך פאַרגייען זיך אין ווילדע גרימאַסן. מיט דעם

דריקן זיי אויס זייער אומצופרידנקייט מיט דער נייער געשאפענער לאגע זייערער...

די געוווינערינס, ווען זיי דערזעען די ניי־געבוירענע קינדערלעך נעבן זיך, ווערן בארויאיקט, קוקן מיט מאמישער פרייד אויף די יונגע עופעלער, וואס ליגן ביי דער זייט. די מאמעס שמייכלען פון איבערגעפולטן גליק... — — — — — — — — — — — — — —

אין דעם זעלבן שפיטאל איז פאראן אן אונטערשטער עטאזש, וואס מען רופט עס — דער קעלער. ס'איז אראפצוגיין סאמע אונטן. ס'האט לאנגע פינצטערע קארידארן, טיפע געדרייטע טרעפ און א גרויען געשפרענקלטן פאל.

דער קעלער ווארפט אן אן אומעט אויף יעדן אריינגייער און באזוכער. צוליב דער אומעטיקער טונקלקייט און צוליב דעם נעבעכדיקן מצב פון די קראנקע, וועלכע ליגן איינער נעבן אנדערן אויף נידעריקע אייזערנע בעטלעך און קוקן ארויס עלנט און פארצווייפלט פון אונטער די טונקעלע דעקעס. יעדער איינער מיט זיין צער און זיינע יסורים. און ווען מען קומט אראפ פון די אויבערשטע עטאזשן, הויבט אן צו פארהאקן דעם אטעם פון די שווערע איבלדיקע ריחות, פון דער טונקלקייט פון ארום און פון דעם קלעגלעכן צושטאנד פון די קראנקע. עס פילט זיך דא דער ריח פון יאד, טוכלעקייט, רפואות און מענטשלעכער עלנטקייט און אומבאהאלפנקייט...

א פיינלעכע דערדריקנדיקע שטימונג הערשט אין קעלער ווען איינער פון די קראנקע ראנגלט זיך מיט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן... זיין פארשטיקט הייזעריק כארכלען רייסט, ווי מיט א טעמפער זעג, די אנגעצויגענע שווערע שטילקייט פון קעלער. עס דוכט זיך, אז א קאלטער הויך פון אן אויסגייענדיקן אטעם ווייעט מיט א שוידערלעכן סקרוך איבער אלעמענס קעפ, הילכט אפ אין יעדערנס געמיט, וואס ווארפט אן א שרעק אויף אלעמען... די קראנקע קוקן פון ווייטנס מיט מיטלייד און באדויערן, און לאזן נישט אראפ די אויגן פון דעם גוסס, ביז עס קומט א באדינער און טראגט אריין א טראג־בעטל, דעקט אים איבער און טראגט אים גלייכגילטיק ארויס.

די קראנקע קענען זיך נישט בארויקן, זיי קוקן אים נאך, ביז זיי פארלירן אים פון אויג, און א לענגערע צייט הערשט א טויטלעכע שטילקייט אין קעלער, ווי קיינער וואלט נישט געהאט קיין מוט עפעס צו ריידן, איבערצורייסן די טרויעריקע שטילקייט נאך זייער אוועקגייענדיקן חבר...

אין דעם קעלער, אויף איינעם פון די בעטלעך, ליגט שוין א לענגערע צייט, ברוך צאנקין.

זיין שטענדיק־קלוגער דורכדרינגענדיקער בליק איז איצט דורכגענומען מיט די אייגענע ליידן. ער קוקט צו זיך אליין. זיינע אלע חושים זיינען איצט פארנומען: — ווי אזוי פטור צו ווערן פון די יסורים, וואס דערקוטשען אים נאכאנאנד.

ווען די ווייטיקן כאַפּן אים אָן, פאַרשטשעמעט ער די ציין, נישט אַרויסצושרייען אויפן הויכן קול. ער קלאַמערט זיך איין אין דעם אייזערנעם בעטל, ווי עס זאָל זיין דער איינציקער פריינט צו וועמען מ׳קען זיך טוליען אין אַן עת־צרה... ער דריקט מיט אַלע כוחות די אייזערנע שטאַנגען, ווי ער זאָל וועלן אַרויסדריקן פון זיינע אָנגעווייטיקטע גלידער, די יסורים, די קראַמפּן און טראַכט מיט שרעק, אַז עס דערנעענטערט זיך זיין סוף...

מיט אַמאָל ווערט אים לייכטער. זיין שווערער אָטעם ווערט פרייער און נאַכגעלאָזענער. ער זיפצט אָפּ מיט אַ לאַנגן צעצויגענעם זיפץ, פול מיט דערלייכטערונג און געגעזונג. ער טראַכט, אַז די ווייטיקן האָבן אים נאַכגעלאָזט אויף אַ ווײַלע, כדי צו געבן אים אַ קורצן אָפּרו, אַ פּויזע, און דערנאָך אים צו אַטאַקירן אויפסניי, און אַזוי אים אויסמאַטערן ביז צום סוף...

ברוך צאַנקין, וואָס איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער אויפן בעטל, האָט זיך אויפגעזעצט און געקוקט מיט אַ דאַנקבאַרן בליק צו זיינע שכנים פון די אַרומיקע בעטלעך. מיט דעם האָט ער זיי צו וויסן געגעבן, אַז ס׳איז אים בעסער, אַז די ווייטיקן האָבן אים אָפּגעלאָזן.

פאַר דער צייט, וואָס ער איז דאָ אין שפּיטאָל, האָט ער באַוויזן זיך צונויפצופריידן מיט זיי, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע יאָרן, וואָס ער איז דאָ אין לאַנד, און ס׳האָט אים פאַרבונדן אַ טיפע פריינטשאַפט מיט זיי. זיי זיינען געוואָרן חבריש־אינטים, זיך דערציילט איינער דעם אַנדערן דעם גאַנצן לעבנס־וועג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט, פון די קראַנקייטן, וואָס יעדער איינער ליידט.

ס׳רוב זיינען עס געווען אַרבעטער און טאָג־לוינער, און יעדער איינער האָט אַרויסגעבראַכט אַ נייעם וויברירנדיקן טאָן, וואָס האָט אויפגעלעבט די פאַרגליווערטע שטילקייט פון קעלער. יעדערנס בענקשאַפט צו דער היים... צו ווייב און קינד... דאָס אַראָפּריידן זיך פון האַרצן האָט געשאַפן אַן אינטימען צוזאַמענבונד צווישן זיי, ווי זיי וואָלטן זיין אַלטע איבערגעגעבענע פריינט...

ברוך צאַנקין האָט געפילט, אַז דעם טאָג, וואָס ער וועט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, וועלן זיי זיין די איינציקע פריינט, וואָס וועלן אים דערמאָנען...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, וואָס איז געלעגן אויפן טישעלע, געזען, אַז עס איז שוין באַלד די צייט פון די וויזיטן און האָט זיך נאָך טיפער איינגעניורעט אין בעטל.

אין דער צייט פון די וויזיטן פילט ער נאָך מער די איינזאַמקייט און עלנטקייט, וואָס רינגלט אים אַרום.

ביי די איבעריקע בעטלעך שאַפן זיך שטענדיק גרופּעס מענטשן, פריינט, קרובים און באַקאַנטע, וואָס קומען מבקר־חולה־זיין. זייער אימ־

פעטיקער ריטעם, וואָס זיי ברענגען מיט פון דער טומלדיקער גאַס, פון רווישיקן לעבן, זייער זעלבסט צופרידנקייט, וואָס שרייט אַראָפּ פון זייערע פּנימער, זייער אויפגעלייגטקייט און מיטגעפיל, וואָס זיי ווייזן אַרויס, שאַפן אַן אויפגעהייטערטע שטימונג ביי די קראַנקע. זיי פילן זיך אויפגעמונ־טערט, קוקן מיט דאַנקבאַרקייט אויף די וואָס זיינען געקומען זיך נאָכ־פרעגן אויף זיי און נעמען אויף מיט האַפענונגספולער פרייד די דער־מונטערנדיקע רייד פון די באַזוכער...

ברוך צאַנקין קוקט מיט קנאהדיקע בליקן צו זיינע שכנים. ס'דוכט זיך אים, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער, אַ פאַרלאָזענער, אַ פאַרגעסענער... קיינער פרעגט זיך נישט נאָך אויף אים און אינטערעסירט זיך נישט מיט אים, און די באַזוכער, ווען עס קומט זיי אויס פאַרבייצוגיין נעבן זיין בעטל, קוקן אויף אים מיט אַ מיטפילנדיקן בליק, ווי זיי וואָלטן גערעדט צו אים און באַדויערט, וואָס ער ליגט איינער אַליין און איז אַזוי עלנט... אַרעמינקער, — זאָגן אַנדערע הויך אויפן קול, אַרויסווייזנדיק זייער רחמנות.

אַנדערע — די מער דרייסטערע, ווען זיי גייען פאַרביי זיין בעטל, שטעלן זיך אָפּ, פרעגן אים וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך, און צי נויטיקט ער זיך אין עפּעס. ער ווערט אַזוי גערירט, צעגומען פונעם פרעמדנס רייד, אַז עס ווערט אים אָפּגענומען דאָס לשון. ער וויל דאַנקען פון טיפן האַרצן פאַרן מיטפילן אים, פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, און פאַרלירט זיך, ווערט צעטומלט, געפינט נישט די פּאַסיקע ווערטער. ער שאָקלט מיטן קאָפּ — ס'איז אים בעסער — און פילט זיך דערלייכטערט ווען דער פרעמדער גייט אַוועק און דערווייטערט זיך פון אים. און דער־נאָך טראַכט ער, אַז דעם אומבאַקאַנטנס מיטפילנדיקע באַרמהאַרציקע רייד זיינען פאַר אים, ווי אַ נדבה פון צוגעוואָרפענע מטבעות, וואָס מ'שענקט אַוועק אַן איינזאַמען בעטלער...

דער וואָס האָט יאָ געהאַט דעם חוב אים צו קומען באַזוכן, איז זיין ברודער, וואָס ער האָט דאָ אין לאַנד, און וואָס איז דער איינציקער, וואָס איז אים געבליבן פון דער גאַנצער משפחה... און סך־הכל געדענקט ער, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער ליגט קראַנק, איז ער געווען ביי אים געציילטע מאָל, און עס זיינען אים אין גאַנצן נישט ניחא זיינע באַזוכן. שטענדיק קומט ער אין איילעניש, גראַטשקעוועט זיך, דערציילט אים, אַז ער האָט געלאָזט די פאַבריק אויף הפקר, אויף פרעמדע מענטשן, שטייט די גאַנצע צייט, ווי אויף אייזן פוס, גיט אים אַ פרעג די זעלבע ווערטער שטענדיק, וואָס ער מאַכט? ווי ער פילט זיך? געזעגנט זיך און גייט איילנדיק אַוועק. און דעריבער איז ער צופרידענער ווען ער קומט נישט אין גאַנצן...

איצט איז די צייט פון די וויזיטן, דער קעלער איז פול מיט פרעמ־

דע מענטשן, וואָס ריידן אַלע אויפֿן קול, לאַכן און מאַכן שפּאָס, זוכן אויפֿצומונטערן די קראַנקע. אָרום זיין בעטל איז ליידיק.

ברוך צאַנקין פֿאַרזשמורעט זיין בליק און קוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג צו דער אָפֿענער טיר. ער דערזעט זיין ברודער, ווי ער דערנענטערט זיך צו אים מיט גיכע טריט.

נאָך אים גייט מיט זיין פֿרוי, וועלכע בלייבט עטוואָס הינטערשטעליק, קען נישט נאָכיאָגן זיינע האַסטיקע בחיפּזונדיקע טריט. עס קומט איר אויס, אַז ער זאָל וועלן שטענדיק עפּעס איבערשפּרייזן, וואָס שטייט אים אין וועג. זי קוקט אויף אים מיט גרינגשעצונג, פֿילט זיך באַליידיקט פֿון זיין געוווינהייט, וואָס זי דאַרף זיך נאָכשלעפּן נאָך אים. ער לויפֿט שטענדיק פֿאָרויס, ווי ער וואָלט זי גרינגגעשעצט, געהאַלטן פֿאַר מינ־דערוויכטיק.

ביידע שטייען שוין נעבן זיין בעטל און באַמיען זיך צו שמייכלען, ווי זיי זאָלן זיך פֿילן שולדיק אין עפּעס און ווילן מיט דעם שמייכלען דאָס פֿאַרגלעטן...

ברוך צאַנקינען ווערט איבלדיק פֿון דעם אומגעריכטן באַזוך. זיין אָפּ־געשוואַכט האַרץ הויבט אָן פּולסירן מיט אַן אומרעגלמעסיקן ריטעם, אויסדריקנדיק מיט דעם זיין גאַנצע אומצופֿרידנקייט. ער ענטפֿערט קוים אויף די באַגריסונגען זייערע. ער ווייסט, אַז דער ברודער האָט ספּעציעל אויסגערעכנט צו קומען די לעצטע מינוטן איידער עס ענדיקט זיך די שעה פֿון די וויזיטן, כדי ער זאָל נישט דאַרפֿן באַלעמוטשען קיין איבעריקע צייט...

דער ברודער נעמט אַרויס אַ טיכעלע און הויבט אָן זיך ווישן דעם שווייס פֿון דעם רויטן צעפּלאַמטן פּנים, פֿון דעם געפּאַלדעוועטן קאַרק און זאָגט בשעת מעשה:

— סאַראַ שרעקלעכע היץ דאָ איז, — נאָך ערגער ווי אין אַ באָד, איך ווייס נישט ווי אַזוי מען קען דאָס אויסהאַלטן.

ברוך צאַנקין ענטפֿערט נישט. ער זשמורעט איין נאָך מער זיין בליק, ווי ער זאָל וועלן זיך קאָנצענטרירן אין זיך אַליין, דערווייטערן זיך פֿון זיינע באַזוכער, וואָס פֿאַרשאַפֿן אים אַ ווידער־געפֿיל.

— מיינסט, אַז איך האָב זיך געקענט אַזוי לייכט אַרויסרייסן? — הערט ער ווייטער דעם ברודערס קול, — שטענדיק די זעלבע מעשה. פּונקט ווי מיט צוואַנגען האָב איך זיך געמוזט אַרויסרייסן פֿון פֿאַבריק. ס'איז איצט אין סאַמע ברען פֿון סעזאָן און ס'ליגן „פּעדידאָס" גאַנצע פּעק, כאָטש נעם צערייס זיך. און כ'הויב נישט אָן צו וויסן וואָס צו טאָן, — באַמיט ער זיך צו ריידן מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן טאָן, ווי ער זאָל קומען בעטן אַן עצה ביים קראַנקן ברודער, ער זאָל אים אַרויסהעלפֿן... מ'רייסט סחורה פֿון די הענט — זעצט ער פֿאָר. עס איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש ביי די סוחרים און איך קען נישט נאָכקומען אַלע באַשטע־

לונגען. די פאבריק ארבעט ביי מיר דריי טורנעס און עס איז אלץ ווייניק — גיט ער צו גרויסהאלטעריש, מיט שטאלץ.

ברוך צאנקין שווייגט פארביסן. ענטפערט נישט, ווייל זיך נישט אויפרעגן. ער ווייסט, אז די שארפע ווערטער, וואס ער דארף זאגן זיין ברודער, טשאטשוועז אין אים, ווארטן אויף א גינסטיקן מאמענט, און ווען ער וועט נאר עפענען דאס מויל, וועט ער זיך נישט קענען באהערשן. די ווערטער וועלן פאלן ווי א האגל שפיציקע שטיינער, וועלן אים באליידיקן און ווייזן די טיר.

זיין שווייגן ווירקט דערדריקנדיק אויף זיי. זיי פילן זיך אומהיימלעך פון זיין פארזשמורעטן בליק פון זיין נישט ענטפערן אויף זייערע באגריסונגען.

דער ברודער וויל ארויסווייזן זיין געטריישאפט און זאגט מיט א היימיש־מיטפילנדיקן טאן:

נו, דער עיקר, וואס מאכסטו? ווי פילסטו זיך? — צוגעבנדיק שפאסיק — אז דו האסט זיך אויסגעקליבן קרענקען אין סאמע העכסטן סעזאן. קיין פאסיקערע צייט האסטו שוין נישט געפונען... אין א פרייערן מאמענט וואלט איך עפעס געקענט טאן פאר דיר...

און אז ער זעט אז דער ברודער קוקט אויף אים מיט דעם זעלבן פיינטלעכן בליק און ענטפערט נישט, ווערט ער בייז און זוכט מיט עפעס אים צו טרעפן, זיין קראנקן ברודער, וואס ליגט אויפן בעטל, ווי א סטאטוע, באליידיקט אים אזוי פארן ווייב און לאזט אים שטיין, ווי אן אפגעשמיסענעם, ענטפערט אים אפילו נישט. — און דאס איז אלץ, ווייל דו האסט מיר קיינמאל נישט געפאלגט — גיט ער צו — שטענדיק האסטו זיך געהאלטן פארן קליגערן, אוועקגעמאכט מיט דער האנט, וואס א צווייטער האט דיך געראטן. ווען דו פאלגסט מיך און דו האסט חתונה, וואלסטו פארשפארט קומען צו אזא מצב. וואלסטו אפשר אין גאנצן נישט קראנק געווארן, און אויב חלילה, אז מען ווערט קראנק, איז אלץ בעסער, אז מ'האט א ווייב, וואס היט דיך אפ, גיט אכטונג אויף דיר, זעט דיך צו.

ער האט געקוקט צווידייטיק צו זיין פרוי, א פינטל געטאן ווילונגעריש מיט אן אויג, ווי ער זאל זוכן ביי איר הסכמה צו זיינע רייד און צוגעגעבן:

— וואלסט פארשפארט ליגן דא אין קעלער, זיין עלנט ווי א שטיין, נישט האבן ווער עס זאל זיך אויף דיר ארומקוקן...

ברוך צאנקין קען נישט אויפנעמען דעם ברודערס צינישע רייד, וועלכע מאכן חוזק פון זיינע ליידן... ער פארמאכט די אויגן, ער זאל נישט דארפן קוקן זיי אין פנים, ער פילט אבער, אז זייער אנוועזנהייט רעגט אים אויף, דענערווירט אים. מיט פארמאכטע אויגן זעט ער נאך אלץ דעם ברודערס טעמפן פנים, זיין גלייכגילטיקן בליק, וואס בלייבט קאלט

צו יענעמס ליידן... וואָס האַלט אין איין ריידן פון זיך, ווי ער זאָל וועלן שטאַלצירן מיט זיין פאַבריק, מיט זיין עשירות.

ער זעט אויך דעם ברודערס פרוי, וואָס שטייט פון דער צווייטער זייט בעטל, אַן אויסגעפּוצטע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן גיין צו אַ שמחה, און ציט אַרויף אויף איר פּנים אַ מיטפילנדיקן אויסדרוק, ווי זי וואָלט מיטגעלעבט זיינע ליידן און מיטגעפילט זיינע ווייטיקן...

ברוך צאַנקין ליגט אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט נישט געקענט רירן מיט קיין גליד, נאָר די געדאַנקען לויפן ביי אים. ער טראַכט, — ווען ער פילט זיך בכוח, וואָלט ער אָנגענומען דעם געטרייען ברודער זיינעם פאַרן קאַרק און אים געוויזן די טיר, — וואָס איז געקומען כלומרשט אים מבקר חולה זיין און שיט אים זאַלץ אויף די וווּנדן... איז אויף אַזוי פיל טעמפּ און פאַרדאַרבן, אַז ער קען נישט סימולירן זיין זעלבסטצופרידנקייט... זיין פאַרבאַהאַלטענע פרייד, וואָס אים האָט אָפּגעגליקט אין אַמעריקע. ער איז געזונט, רייך און קען פון אַלץ געניסן... און עס קומט אויס, אַז זיין קומען אין שפּיטאָל איז נאָר צוליב דעם — ער זאָל זיך קענען באַרימען... די גאַנצע צייט רעדט ער נאָר פון זיך, גרויסט זיך מיט זיין פאַבריק, מיט זיינע גאָלדענע געשעפטן און מוסרט אים, אַז צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געפאָלגט זיינע קלוגע עצות, האָט ער זיך נישט באַוויזן אַרויפצואַרבעטן און איז דערגאַנגען צו זיין איצטיקן מצב...

ברוך צאַנקין פאַרבייסט די ליפּן, ווי ער זאָל וועלן פאַרהאַלטן די שאַרפע ווערטער, וואָס בושעווען אין אים, ווילן זיך מיט געוואַלד אַרויסרייסן אויף דער פריי... ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות זיך צו באַהערשן. האַמעוועט זיין כעס. ער פילט דערביי אַ שווערקייט אין אָטעם. זיין גאַנצער ברוסט־קאַסטן הויבט זיך האַסטיק אַרויף און אַראָפּ, ווי עמיצער וואָלט בכיוון אָנגעהאָנגען אַ שווערע משא אויף אים און דריקט מיטן גאַנצן כוח, וויל אים פאַרמאַטערן, פאַרפייניקן.

ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלעקל. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַוויזן אין טיר, געגעבן אַ צייכן, אַז די צייט פון די ווי־זיטן איז פאַרענדיקט און אַלע באַזוכער דאַרפן פאַרלאָזן די סאַלע.

דער ברודער מיט זיין פרוי האָבן מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, איילנדיק זיך געזעגנט, צוגעוואָרפן פון יוצא־וועגן אַ זיי־געזונט און זיך דערווייטערט פון זיין בעטל מיט גיכע זיך־יאָגנדיקע טריט.

ביידע האָבן געטראַכט, אַז זיי דאַרפן וואָס גיכער אָנקומען אין פאַבריק, וואָס זיי האָבן געלאָזט אַליין...

ברוך צאַנקין גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. זיין הויט ווערט בלאַס, דורכזיכטיק און גערונצלט. אַ שווידערנדיקע קעלט נעמט אים דורך, ער טרייסלט זיך אינגאַנצן. זיינע ציין קלאַפּן איינע אין די אַנדערע, קלינגען אָפּ אין זיינע אויערן מיט אַ פרעמדן, מעטאַלענעם געקלימפּער.

עס כאַפּן אים אָן ווידער די ווייטיקן, קלאַמערן זיך איין אים, נע־

מען אים ארום, ווי געדרייטע מאוימדיקע ארעמס פון א ים־פאליפ, וואס ציען אים מיט דער גאנצער קראפט צו זיך. פארקראמפן זיינע אלע גלידער, זיין אויסגעצערטן גוף, דריקן אים ווי מיט קלעשטשעס, ווילן ארויסזויגן ס'לעצטע ביסל חיות.

איצט איז זיין אטעם אפגעהאקט, פארסאפעט און דערשטיקט. זיין געדאנק איז באהערשט פון אן אומבאגרייפלעכן פחד, אז ער ראנגלט זיך מיט אן אומזעבארער קראפט, וואס וויל אים אויסמאטערן, בייקומען, באזיגן, און ער פילט ,אז ער ווערט זיך מיט די לעצטע כוחות זיינע...

ער בלייבט ליגן מיד און דערשעפט און קוקט מיט האלב־פארגלעד־טע אויגן אויף איין פונקט, ווי ער וואלט זיך פון אלץ מיאש געווען און טראכט, — אז פאר דעם וואס ער האט זיך שטענדיק געשראקן די גאנצע צייט פון זיין ליגן צו בעט, דער אומפארמיידלעכער סוף — וואלט איצט פאר אים געווען אן אויסלייזונג, א באפרייאונג... ער פילט, אז ער האט נישט קיין כוח איבערצוטראגן די מאטערנדיקע יסורים, און אז סיי ווי סיי וועט קיינער נישט בענקען נאך אים, קיינער וועט נישט מיטפילן זיין אוועקגיין, באדויערן זיין איבערגעריסן לעבן. ער לאזט קיינעם נישט איי־בער, וואס זאל אים אמאל דערמאנען, געדענקען... און אז ער האט דא געלעבט אן איינזאם, זינלאז לעבן. אן פריינט, אן ווייב און קינד, אן פרייד און אן גליק, ווי אן אפגעזונדערטער און ארויסגעשטויסענער...

און ליגנדיק אזוי מיט פארמאכטע אויגן, דוכט זיך אים, אז ער זעט די אלע יארן, וואס ער האט פארבראכט דא אין לאנד — דערנענטערן זיך איצט צו אים, רינגלען ארום זיין בעטל, ווי זיי זאלן קומען געזעגע־נען מיט אים... די אלע פארגאנגענע יארן זעען אים איצט אויס, ווי פארטראגענע פלעוועס פון אויסגעקלאפטע תבואות, וואס ווערן געטראגן פון ווינט און פון שטורעם, אן א ציל, ביז זיי פאלן אראפ צו דער ערד און מישן זיך אויס מיטן זאמדיקן שטויב. — — —

* *
*

ער האט מיטאמאל אנגעשפיצט זיין געהער. די אנגעצויגענע, פאר־קראמפטע מוסקלען פון זיין פנים, האבן נאכגעלאזן. זיינע האלב פאר־גלעזטע אויגן האבן זיך געעפנט און געקוקט מיט חידוש ארום זיך, גע־זוכט מיט נייגעריקייט און שטוינונג.

ער האט זיך איינגעהערט צו א קינדיש געוויין, וואס האט פארבלאנ־דזשעט אהער פון דעם שכנותדיקן פאוולאן, פון דער סאלע פון די גע־ווינערינס. אויף א מאמענט האט ברוך צאנקין פארגעסן זיינע אייגענע לײדן, די מאטערנדיקע יסורים, די גרוילנדיקע שרעק, וואס האט אים

באַהערשט. אַלץ האָט אָנגעטראָטן אױן זיך דערװײטערט... דאָס קינדישע קול, פֿול מיט לעבנסלוסט, מיט אױפֿגעװאַכטער פֿרײד, האָט אױפֿגעהײטערט די שטימונג אין קעלער...

דער צאַפּלדיקער װיברירנדיקער ניואַנס האָט אָנגעזאָגט פֿון אַ נײעם לעבן, װאָס איז אױפֿגעקומען דאָ נישט װײט... װאָס שפּאַנט אַרײַן, מיט אַ פֿראַלנדיקן אױסגעשרײ אױף דער װעלט, װי אַן אױסרוף פֿון נצחון... טראָגט זיך מיט אַן אימפּעטיקן כּוח צו דעם נײעם נישט־אױסגעטראָטע־נעם װעג...

און דאָס אומבאַקאַנטע קינדישע קול האָט געװעקט, געמונטערט די שװאַכע, די קראַנקע, די דערשלאָגענע, װאָס זײַנען געלעגן אױף די בעט־לעך און זיך אײַנגעהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם צו די פֿאַרבלאָנדזשע־טע קלאַנגען, װאָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אין די טונקעלע פֿאַרכמורעטע װענט פֿון קעלער און האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ פֿון אַן אױפֿמונ־טערנדיק געזאַנג... מיט אַ טריומפֿירנדיקן שאַל פֿון אַן אױפֿגעװאַכטער פֿרײד.

מענטשן אָן אַ היים

דער העלער פרימאָרגן, וואָס קוקט אַרויס מיט האַלב־פאַרנעפּלטע בליקן פון הינטער דעם באַרג, הויבט אָן שפּאַנען מיט לאַנגזאַמע רווישלאַזע טריט איבערן ים און דערנענטערט זיך צו דער שטאָט, וועלכע איז פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, ליגט נאָך אַ באַשאַטנטע, אַ פינצטערע, מיט אירע לאַנגע גאַסן און אַרויסגעשטאָרצטע סלופּעס, וואָס שטייען פון ביידע זייטן מיט פאַרטשעפּעטע דראָטן, וועלכע שטעכן מיט זייערע שפּיצן די געדיכטע פינצטערניש. פון וויטנס זעט אויס די שטאָט מיט אירע מטושטשדיקע געביידעס, ווי טונקעלע קאַמופלאַזשירטע טראַנשייען, באַשיצט מיט אַ נעץ פון פאַרצוימטע שטעכעדיקע דראָטן, אויפגעשטעלט איבער נאַכט צו באַשיצן די אוצרות פון דער שטאָט...

ביסלעכווייז ווערן באַלויכטן די קאָנטורן פון די הויכע געביידעס. די שטאָט וואַכט אויף, טשוכעט זיך אויס פון איר באַנאַכטיקן שלאָף, גענעצט מיט איר פולן מויל פון אירע ברייטע גאַסן און שלינגט גיריק די קילע פרימאָרגן־לופט.

לעבן ים זעט מען די ראָזע נעפּלען, וואָס זעען אויס ווי דורכזיכטיקע דינע וואַלן, וועלכע וויגן זיך אין האָריזאָנט, פאַרשפּרייטן קילע ווינטלעך, ווי זיי וואָלטן געוויעט מיט גרויסע פעכערס אין חלל, און מיט דעם פאַרטרייבן זיי די טונקעלע גרויקייט, וואָס שפּאַנט אַוועק מיט גיכע טריט אין אַלע זייטן.

עס הערט זיך דער רעש פון דער שטאָט, וואָס צעוויגט זיך מיט איר האַסטיקן טעמפּ, ווי אַ קלינגענדיקער גלאָק, וואָס וועקט און ליאַרעמט, רופט אירע שלאָפנדיקע איינוווינער.

דער אייזערנער געקלימפּער פון די טראַמווייען, פאַרטרייבט די באַנאַכטיקע שטילקייט און שניידט דורך מיט אַ בראַזגעריי די שטילע פאַרשלאָפענע גאַסן.

דורך די פֿאַרמאַכטע ראָלעטן פֿון די הייזער, זוכט אַריינצודרינגען דאָס העלע פּרימאָרגן־ליכט, און די קאַלטע שטיינערנע ווענט פֿון די געביידעס, וועלכע זעען אויס אין פּרימאָרגן, גרוי און פֿאַרכמורעט — שטויסן אָפּ צוריק דאָס העלע ליכט, וואָס צעגייט זיך אין וויברירנדיקע כוואַליעס, צעקרישלט זיך אויף קליינע טיילכעלעך אין העלן רוים און פֿאַלט, ווי אַ דינער זילבערנער רעגן אויף די דעכער און אויף די גאַסן.

דער ים — אַן אָפֿענער, אַ פֿרייער, נעמט אויף מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס דעם ניי־געבוירענעם טאָג. הערט זיך צו פֿאַרטייעטערהייט צו די שטילע אויפֿוואַכנדיקע טריט, וואָס קומען פֿון מזרח־זייט. די כוואַליעס ברומען פֿון פֿאַרשיכּורנדיקער פֿרייד, ווי זיי זאָלן פֿילן אויף זייערע רוקנס די צאַרטע באַרירונגען פֿון דעם ציטעריקן שימער פֿון די ליכט־כוואַליעס. די שוואַרצע, טונקעלע, געדיכטע שאָטנס, וואָס האָבן איבער נאַכט זיך צעלייגט אויף זיין אויבערפֿלאַך און איינגעהאַמעוועט זיין האַסטיקן ריטעם, דערשרעקן זיך, ווערן בלאַס און פֿאַרשווינדן. דער ים אָטעמט איצט פֿריי און באַקומט אַ ראזלעד־פּורפּורענעם גלאַנץ, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַלץ, וואָס געפֿינט זיך אַרום.

ביי דער זייט זעען זיך אַרויסגעשטאַרצטע קוימענס פֿון אַלטע אָפּגעניצטע שיפֿן, וואָס שטייען ווי פֿאַרלאָזטע איינזאַמע חורבות. זייערע פֿאַראַסטע פֿענצטערלעך באַגאַסן מיט פּרימאָרגן־טוי, קוקן אַרויס מיט אַ טיפֿער בענקשאַפֿט צו אַמאָליקע צייטן, ווי אַזוי זיי האָבן געשניטן ימים, געפֿאָרן פֿון איין פּאָרט צום צווייטן, זייערע אָנגעהייצטע קעסלען האָבן געטריבן און באַוועגט אַלע מאַשינען. די סירענעס האָבן מיט אַ פֿריילעכן פֿייף אויסגעשריגן אין יעדן פּאָרט זייער אָנקומען. אויף זייערע דעקן האָבן אַרומגעשפּאַצירט מענטשן פֿון אַלערליי קאָלירן און שפּראַכן. קינדער האָבן אַרומגעשטיפֿט, אַרומגעלאָפֿן, אָנגעפֿילט יעדן ווינקל מיט זאָרגלאָזער פֿרייד און קינדעריש געלעכטער. איצט שטייען זיי פֿאַרלאָזטע, קאַלטע און אויסגעלאָשענע. קוקן פֿאַרשטאַרט פֿון צווייטן ברעג ים מיט זייערע פֿילצאָליקע פֿאַרכמורעטע פֿענצטערלעך. זיי קוקן מיט קנאה צו די דאָקן ווו עס אָנקערן די אָנקומענדיקע שיפֿן מיט זייערע רויכערנדיקע קוימענס און אַרויפֿגעצויגענע פֿאָנען, וואָס פֿלאַטערן אַנטקעגן ווינט, ווי זיי וואָלטן סאַלוטירט דאָס נייע לאַנד, ווו זיי האָבן געלאַנדעט.

פֿון ווייטן הערט זיך אַ פֿאַרטויבנדיקער רעש. דאָס אַרבעטן די שלעפּמאַשינען פֿון שיף, אויסלאָדנדיק זייערע סחורות, וואָס ליגן אין די טיפֿע קעלערן און ווערן אַרויפֿגעשלעפּט אויף די הענגערס פֿון די הייב־מאַשינען, וואָס זעען אויס פֿון ווייטן, ווי ריזיקע רויב־פֿויגל, וואָס וואַרטן מיט זייערע פֿאַרשפּיצטע שנאָבלען אויפֿצוהייבן זייער רויב פֿון דער טיפֿעניש פֿון שיף.

ביי דער זייט שטייען שוין די טרעגערס פֿון פּאָרט מיט זייערע צעוואַקסענע קערפּערס און ברייטע פּלייצעס פֿון שלעפּן די משאות, וואַרטן

זיי מיט זעק אויף די אקסלען, צו פאנאנדערפירן די שווערע פעק אין די לאגערן פון פארט.

פון צייט צו צייט הערט זיך א שטילער געקלימפער טיף אין וואסער, וווּ די אלטע שיפן שטייען, אזוי ווי זיי וואלטן אפגעזיפצט אויף די פארגאנגענע צייטן, וואס וועלן זיך שוין קיינמאל נישט אומקערן...

לינקס פון פארט זעט זיך א גרויס ליידיק פלאץ מיט אנגעווארפענע בערגלעך מיסט, פון וואנעט עס זעצט אן אווירדיקער ריח. ליידיקע פלעשער פון געטראנקען און פארזשאווערטע קאנסערוון־שאכטלעך, וואס האבן אמאל באצירט יום־טובדיקע טישן, ליגן איצט דא צעווארפן און פארלאזט. דער ים, ווי ער זאל וועלן אויספלאסטערן דעם זאמדיקן פלאץ, וואס זאל זיך נישט פילן געפאלן אנטקעגן די גלאנציקע אספאלטירטע גאסן, וואס מען זעט דערנעבן, ווארפט ארויס פון צייט צו צייט ים־מושלען און גלאטע קאלירטע שטיינדלעך, וואס שאפן א וווּנדערלעכן קאמבינירטן מאזאיק און באצירט דעם זאמדיקן באדן פאר די וואס האבן פארכאפט דעם פלאץ, אויפגעשטעלט קליינע הילצערנעביידלעך, וואס זעען אויס ווי הינטישע בודעס, און וווינען דארט. דאס זיינען די שטאטישע „ביטשי־קאמעס", וואגאבונדן און הפקר־מענטשן, וואס פילן זיך דא היימיש, ווי אלטע תושבים, אז זיי האבן שוין א חזקה צו וווינען מדור־דורות.

פון איינעם אזא ביידל האט זיך אין פרימארגן ארויסגעשליכט א פארשוין, פויל אויסגעצויגן זיינע גלידער, געגענעצט מיטן פולן מויל. זיינע אלע באוועגונגען און תנועות זיינען געווען געלאסן און מיושבדיק. זיין אויסזען ביסטרע און אפשטויסנדיק. א צעפאטלטער קאפ־האר, וואס איז אים אראפגעפאלן איבערן שטערן, ווי נאכהענגענדיקע צויטן פון אן אלטן מלבוש. א פאר דערשלאגענע אויגן, ווי פון אן היימלאזן הונט, האבן געקוקט פול מיט רעזיגנאציע און יאוש. ס'מויל — אן איינגעפאלנס, האט אויסגעדריקט גלייכגילטיקייט און טעמפקייט. די לויזע זאכן, וואס האבן געהאנגען אויף אים און זיינען געווען צעדריפעט, שמוציק, האבן אים צוגעגעבן אן אפשטויסנדיקן אויסזען.

ער האט זיך אויסגעדרייט, א קוק געטאן צו דער שטאט פון אנטקעגן און א שמייכל, ווי א שטראל ליכט אויף אן איינגעפאלענער חורבה, האט זיך אראפגעגליטשט פון זיינע פארטריקנטע ליפן, געווען צופרידן, וואס ער איז נישט דארטן... האט נישט קיין עול אויף זיך, איז פריי און קען טאן וואס זיין הארץ גלוסט.

ער האט צונויפגעשארט עטלעכע שפענדלעך, וואס זיינען געבליבן פון דער נעכטיקער „אסאדא", צוגעשטעלט א פירקאנטיק בלעכל אויפצוזידן וואסער. ער האט געקוקט צום רואיקן ים, וואס האט זיך געשפרייט אומענדלעך פאר זיינע אויגן, צו דעם העלן קלארן האריזאנט, אריינגעצויגן אין זיך די ריינע לופט, געפילט זיך גרינג, מונטער און אויפגעהייטערט,

געטראַכט, אַז היינט ווערט מען קענען פאַרוואַרפן די נעצן און ס'וועט זיין פיש.

ער האָט געקוקט צו די שכנותדיקע ביידלעך, פון וואַנעט עס האָט זיך געטראָגן אַ שטילקייט. מסתמא האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפט ביז שפּעט אין דער נאַכט — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין — איצט שלאָפן זיי אַלע ווי געהרגעטע. און אַז דאָס וואָסער האָט אָנגעהויבן זידן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הילצערנעם קעסטל, גענומען ציען די מאַטע, קוקנדיק אין אָפענעם ים.

ער האָט באַמערקט טונקעלע פלעקן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין האָריזאָנט, און צוקוקנדיק זיך מערער האָט ער דערזען, אַז דאָס זיינען אַלטע אָפּגענוצטע שיפן, וואָס פירן אָרעמע עמיגראַנטן.

זיי, די עמיגראַנטן, זיינען געשטאַנען ביי די פאַרענטשן און גע־קוקט מיט געשפּאַנטער נייגעריקייט און אַנגסטלעכער דערוואַרטונג צו באַטרעטן דעם באָדן פון דעם נייעם, פאַר זיי אומבאַקאַנטן לאַנד.

ער האָט געקוקט צו די שיפן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיי באַדויערט. זיך דערמאָנט, — ווי ער אַליין איז מיט יאָרן צוריק גע־קומען דאָ אין לאַנד, געטרוימט פון אַ רואיק לעבן, געאַרבעט איבער די כוחות, געהאָפט קומען צו אַ צוועק, איינאָרדענען פאַר זיך אַ היים... אַז אייגן ווינקעלע... און מיטאַמאָל איז ער אַרויסגעפאַלן פון דער אַרבעט, אַרומגעגאַנגען אַ צייט ליידיק, געוואָרן נאָכלעסיק, אָפּגעלאָזן, ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער חברה.

זיי האָבן אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, געטיילט זיך מיט אים דעם ביסן פון מויל, און אַז ער האָט דערמאָנט וועגן גיין אַרבעטן, האָבן זיי אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ, און אים געוואָרנט — אַז אויב ער וועט דערמאָנען וועגן אַרבעט, ווילן זיי מיט אים קיין מגע ומשא נישט האָבן, און אַז די וואָס אַרבעטן, — האָבן זיי אים פילאָזאָפיש געגעבן צו דערקלערן — זיינען טיפּשים... ווייל די וועלט באַשטייט פון איין טייל, וואָס אַרבעטן, גיבן אַוועק זייער געזונט, די כוחות, און פון איבערגעקליגטע — וואָס לעבן אויפן חשבון פון די נאַראָנים...

ער האָט רעזיגנירט, זיך צוגעוווינט צום הפקר־לעבן, זיך באַזעצט, ווי די איבעריקע לעבן ים, אויפגעקלאַפּט פון עטלעכע ברעטער אַ ביידל און איז געבליבן מיט זיי.

און אַז ער האָט אויפגעהערט זופן די מאַטע, האָט ער דערשפּירט אַ הונגער, וואָס האָט אים גענאָגט, געצויגן צו דר'ערד. ער האָט אַ קוק געטאָן צום שטיק פלייש, וואָס איז געלעגן אויף אַ שטיין באַדעקט מיט פליגן, און געטראַכט — מען דאַרף שוין צוגרייטן די „אסאדא". און אַז ער האָט נישט געפונען קיין האָלץ מיט וואָס צו מאַכן פייער, האָט ער אָנ־געהויבן גיין אין דער ריכטונג צום שטאָט, וו אויף ביידע זייטן טראָטואַרן

זיינען געווען פאַנאַנדערגעשטעלט פולע, אָנגעשטאָפּטע בלעכן מיט מיסט. אין איינעם ערטער האָט ער געטראָפן הינט, וואָס האָבן געראַיעט אינע־ווייניק און זיי האָבן געזען אים זיך דערנעענטערן, האָבן זיי אָנגע־הויבן בילן אויף אים, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס ראַיען אין בלעכן מיסט געהערט נישט צום מענטשלעכן מין.

אין איין גרויסער בלעך, ווו ער האָט אָנגעהויבן זוכן, האָט ער גע־פונען אַ גאַנצן אוצר צוגעלעגענע פאַרפוילטע פרוכטן. ער האָט זיי גע־שטאָפּט אין זאַק, געטראַכט, אַז ער וועט שוין האָבן אַ גוטן נאַכשפּייז נאָך דער „אסאדא”.

ער האָט דערזען פון ווייטן אַ גאַנצן הויפן דרענגלער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט נעבן אַ נישט־פאַרענדיקטער געביידע. די דרענגלער, וואָס האָבן מיט אַ טאָג פריער געדינט אויף אונטערצושפּאַרן דעם דאַך, גע־האָלפן פאַרפעסטיקן דעם צעמענט, וואָס מ׳האָט געגאָסן אין די קוואַדראַ־טנע געפלאָכטענע אייזנס, געשטאַנען גלייכע, אָנגעצויגענע, געקוקט מיט פאַריסענער גאווה אַרום זיך, זיינען איצט געלעגן ווי אַלטע אָפּגעניצטע זאַכן, וואָס קיינער דאַרף עס מער נישט... און מען קוקט זיך מער נישט אום אויף דעם...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך צי קיינער באַמערקט אים נישט, און אַז ער האָט פאַרוואָרפן דעם אָנגעשטאָפּטן זאַק אויף איין אַקסל, און אויפן צווייטן דאָס בינטל דרענגלער וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ שאַרפן געקן גערויש, ווי זיי זאָלן זיך שטיקן פון פרייד מיט זייער פּלוצימדי־קער דערהויבנקייט, וואָס אַ מענטש טראָגט זיי מיט חשיבות אויפן אַקסל, ווי אַ ווערטפולע זאַך, איז ער אַוועק מיט רואיקע טריט צו זיך „אַ היים”.

ווען ער איז צוריקגעקומען זיינען זיינע שכנים געווען וואַך. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פולע שלעפּנדיקע טריט, ווי טשערעפּאַכעס, געגענעצט, קוים זיך באַוועגט. די געשפּרעכן, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, זיינען אַרויסגעקומען הייזעריקע, צעצויגענע און אָפּגעהאַקטע, אַז אַ צוזאַמענהאַנג, ווי זיי זאָלן זיך פוילן צו פאַרבינדן לאַנגע שמועסן.

איינער זיינען געזעסן אויף גרויסע שטיינער, געזופּט די ביטערע מאַטע און געקוקט מיט גלייכגילטיקע טעמפּע בליקן אַרום זיך. איינער אַן עלטערער מיט אַ מידן צעמאַרשטשעטן פּנים, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע און אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, איז געזעסן אויף אַ שטיין און פאַ־ריכט אַ נעץ, איבערבינדנדיק די אויסגעריבענע שטריק, און ווי כּלאחר יד גערעדט אָפּגעהאַקטע פראַזן, נישט צו דערוואַרטן פון קיינעם קיין ענטפער:

— ער האָט אַ גוטן פאַנג געהאַט. געכאַפּט פולע הויפנס פיש, וואָס זענען געשפּרונגען פון די נעצן צוריק אין ים און באַלויכטן מיט אַ פאַס־פאַרדיקן גלאַנץ די טונקעלע פּלאַזשע. ער האָט עס קוים דערטראָגן. זיך דערשלעפּט צו אַ גרויסן האָטעל, האָט דער באַלעבאָס אים געגעבן פאַר

דעם אַ שיבוש, נישט געלוינט די גאַנצע אַרבעט. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין — ער וועט מער נישט כאַפּן קיין פיש צו פאַרקויפן, אַנשטאָט זיי, די אומזיסטע פּרעסערס... נאָר פאַר זיך אַליין, ווייטער נישט!

דער „ביטשיקאָמע" וואָס איז געקומען באַלאַדן מיט ביידע פּעק, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם זאַק, די דרענגלער, זיך גענומען אָנצינדן אַ פייער, און אַז דער פייער האָט זיך צעפלאַקערט, צעברענט, האָט ער אַרויפגעשטאַכן דאָס שטיק פלייש אויפן שטעכער און ס'האָט זיך צע־טראָגן אַ ריח פון געבראָטנס, וואָס האָט אים גערייצט די נאָז־לעכער. אַ וואַסער איז אים געקומען אין מויל, וואָס האָט פאַרגרעסערט זיין אַפּע־טיט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבן פייער, הנאה געהאַט פון דער וואַ־רעמקייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען, געגלעט און געצערטלט. די שמאַ־טעס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף אים און זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט שימל, מיט פייכקייט און טוכלעקייט, האָבן זיך געפּרייעט אַנטקעגן פייער. אַ פאַרע האָט געזעצט פון זיי.

ס'איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן אַ מידקייט, אַ שלעפעריקייט. ער האָט עטלעכע מאָל פאַרמאַכט און געעפנט די אויגן, פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ און איז אַנטדרימלט געוואָרן. און אין שלאָף האָט ער מיטאַמאָל דערהערט אומבאַקאַנטע שטימען, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען שאַרף, ווי מען וואָלט אַרויסגעגעבן באַפעלן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעעפנט די אויגן און איז געבליבן אָנגעשפּיצט, ווי אַ דרימלענדיקע חיה, וואָס כאַפּט זיך אויף פון מיטן שלאָף און גרייט זיך צו פאַרטיידיקן פון אירע אָנפאַלער.

אויפן פּלאַץ האָבן זיך באַוויזן דריי פּערזאָן. איינער אַ הויכער, מיט ברילן, האָט געציילט די ווערטער, ווי ער זאָל זיין זיכער מיט זיינע אַרויס־געזאָגטע רייד, געהאַלטן אַ מעטאַלענעם מעטער אין האַנט און אויס־מעסטנדיק דעם פּלאַץ, האָט ער פאַראָרדנט — מ'זאָל אַריינקלאַפּן ברע־טער פון אַלע זייטן אויף די אָנגעצייכנטע ערטער, — דאָס איז געווען דער אַרכיטעקט.

פון אַ לעדערנער טעקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט ער אַרויסגענומען אַ דיקן פּאַפּיר, וו עס איז געווען אָנגעצייכנט מיט דינע שטריכן דער פּלאַץ פון דער צוקונפטיקער געביידע, דער אַרכי־טעקט האָט געקוקט איינגעבויגענערהייט אין פּאַפּיר, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל געבן זיין הסכמה, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג — מען קען זיך נעמען צו דער אַרבעט.

דער צווייטער, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געווען עטוואָס נידע־ריקער פון אים, האָט געטראָגן אַ היטל, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ ווויל־יונגערישן אויסזען. ער איז נאָכגעגאַנגען, באַגלייט דעם אַרכיטעקט אויף יעדן טריט און אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט זיינע באַפעלן. דאָס

איז געווען דער בוי־אונטערנעמער, וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט.

דער דריטער, וואָס איז געגאַנגען מיט זיי, איז געווען אַ הויכער פּאַרשוין, אַ דיקער, מיט אַ גלאַטן, רונדן פּנים, מיט רואיקע בליקן, האָט ווייניק גערעדט. זיך איינגעהערט נאָר, ווי דער אַרכיטעקט מיט דעם בוי־אונטערנעמער שמועסן צווישן זיך. זיין קוק האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן... זיי וועלן שוין אַלץ דורכפירן. דאָס איז געווען דער אייגנטימער.

ער האָט זיך איינגעבויגן, אַ קוק געטאָן אין פּלאַן, ווו ס'איז געווען געצייכנט דער פראָנט פון דער געביידע, וואָס ער גייט בויען. זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט. אין זיין געדאַנק האָט ער געזען — די געביידע אַ פאַרענדיקטע, מיט אַלע דעטאַלן און איינריכטונגען. ער האָט געטראַכט פון דער גרויסער רענטע, וואָס ס'וועט אים אַריינברענגען און ער וועט ביי דעם גאָרנישט דאַרפן טאָן, ער וועט נאָר דאַרפן גיין אויפמאָנען דאָס דירה־געלט.

די גאַנצע גרופּע וואַגאַבונדן, וואָס זיינען געזעסן לעבן זייערע ביידלעך נאָכלעסיק און פויל, זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגט. זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון די דריי פּערזאָן. זיי האָבן באַמערקט, ווי דער אַרכיטעקט ווייזט אין זייער ריכטונג, ווייזט מיט דער האַנט, אַז די אַלע ביידלעך מוזן אַראָפּגעוואָרפן ווערן, מען דאַרף נאָר לאָזן איינס פאַרן וועכטער אויף צו שלאָפן, ער זאָל אָפּהיטן דעם מאַטעריאַל, מען זאָל נישט צעגנבענען. דער בוי־אונטערנעמער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז דאָס וועט גלייך אויסגעפירט ווערן.

זייערע אַלעמענס בליקן זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אָנגעשפּיצט און פאַרשאַרפט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, — אַז אַ צרה רוקט זיך אָן אויף זיי... דער פּלאַץ וועט אָפּגערייניקט ווערן, און צוזאַמען מיט אַלע אומנוצלעכע זאַכן, וואָס וואַלגערן זיך דאָ, וועלן אויך זייערע צונויפגעשטעלטע הייזקעס צענומען ווערן און מען וועט דאָס אַלץ אַרויסשמייסן און מען וועט זיי הייסן גיין פון דאַנעט.

זיי האָבן באַמערקט, ווי דער אַרכיטעקט האָט אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן שילד, וואָס דאַרף אָנגעקלאַפּט ווערן אין סאַמע פראָנט, ווו מיט גרויסע קלאָרע ווערטער איז געווען אָנגעצייכנט דער פּלאַן פון דער גאַנצער געביידע, די לוקסוספולע וווינונגען, אויסגערעכנט די אַלע באַקוועמלעכקייטן. דער גרויסער בלעכענער שילד אַנטקעגן זיי האָט זיי נאָך מער צערייצט, ווי די דריי פּערזאָן, וואָס זיי זעען אַנטקעגן זיך. זיינען זייערע בלוטיקע שונאים, וואָס ווילן זיי אומברענגען, און מיט דעם אוועקגעשטעלטן שילד, ווילן זיי זיך פאַרשאַנצן, פאַרפעסטיקן, און דערנאָך וועלן זיי אָנפאַלן אויף זיי אַלעמען און צווינגען זיי אָפּצוטרעטן...

ס'איז מיטאַמאָל אָנגעפאָרן אַ פולער אָנגעלאָדענער לאַסט־אויטאָ,

וואָס האָט זיך אויפגעעפנט אין מיטן, זיך אויסגעבויגן אויף איין זייט, און האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן די שטיינער, וואָס האָבן געדאַרפט דינען צום פונדאַמענט.

די „ביטשיקאַמעס" האָבן מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזן אַ פרייליכן אויסגעשריי, געקוקט מיט צופרידנקייט אויף די שאַרפע, שפּיציקע שטיינער, וואָס מ'האָט אויסגעלאַדעוועט אונטער זייער נאָז, ווי עמיצער, אַז אַנפירער פון זייער באַנדע, וואָלט עס אונטערגעשיקט געהיימערהייט, זיי זאָלן קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

מיט פרייליכע אויסגעשרייען זיינען זיי צוגעלאָפן צו די הויפנס שטיינער און אָנגעמענדיק וויפיל איינער האָט געקענט, האָבן זיי אָנגעהויבן שליידערן אין בלעכענעם שילד, וועלכער האָט אָפּגעקלונגען מיט הילכיקע, אָפּגעהאַקטע קלעפּ.

דער אַרכיטעקט, דער אונטערנעמער און דער באַלעבאָס זיינען געבליבן ווי צעטומלט פון דעם אומגעריכטן אַנגריף, פון דעם האָגל שטיינער, וואָס איז געפאַלן אויף זיי פון אַלע זייטן. זיי האָבן זיך געשטעלט הינטערן בלעכענעם שילד, וועלכער האָט זיי געדינט, ווי אַ שוץ־וואַנט. געשטאַנען אייַנגעבויגענערהייט, פאַרשטעלנדיק זיך מיט די הענט, וועלנדיק אויסמיידן געטראָפן צו ווערן. און אַז די שטיינער זיינען געפאַלן אַן אויפהער, געהאָגלט אויף זיי נאָכאַנאַנד, האָבן זיי אָנגעהויבן צוריקטרעטן, אַנטלויפן פון דעם פּלאַץ, וווּ דער אָנפאַל האָט זיי געטראָפן אומגעריכט, און מ'האָט זיי נישט געלאָזט אָפּציען דעם אָטעם, זיי זאָלן קענען רופן נאָך הילף. און צוריקטרעטנדיק האָבן זיי געדראָעט, אַז מען וועט זיך מיט זיי רעכענען... זיי וועלן פאַר דעם באַצאָלן כפל־כפלים, זיי וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף...

די „ביטשיקאַמעס" וואָס האָבן צוגעקוקט, ווי זייערע שונאים אַנטלויפן, טרעטן אָפּ צוריק, זיינען געוואָרן ווילד פון פרייד. פאַרשיכורט פון זייער נצחון, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט צופרידענע יובל־געשרייען, ווי זיי וואָלטן געפייערט זייער זיג איבער זייערן אַ געפערלעכן שונא. זיי האָבן געוווּסט, — אַז מען וועט זיי נישט שאַנעווען, זיי וועלן באַקומען זייער שטראָף, דאָך האָבן זיי זיך געפרייט, וואָס זיי האָבן געצוווּנגען אויף אַ ווײַלע צוריקטרעטן זייערע פיינט, וואָס האָבן באַקומען אַ וויסטע מפּלה...

זיי האָבן געפייערט זייער טריומף מיט פרייליכע אויסגעשרייען, ווי זיי וואָלטן מיט דעם זיג געשטילט זייער האַס און פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי זיי אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן פון זייער מיזעראַבלען לעבן.

זייער זיג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

מיטאַמאָל זיינען אָנגעלאָפן בלינדירטע, פאַרמאַכטע אויטאָס, פאַרטויבנדיק די לופט מיט אַן אויסגעצויגענעם לאַנגן פייף, ווי דאָס וואָרענען

פֿון אַן אָנזאָגנדיקער געפֿאַר, וואָס דערנענטערט זיך.

די „ביטשיקאָמעס" האָבן געקוקט מיט צעטומלטע פֿאַרלוירענע בליקן, געוווסט וואָס דערוואַרט זיי. פּאָליציסטן זיינען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די פֿאַרמאַכטע אויטאָס און סווישטשענדיק מיט זייערע בלייענע נאַגייקעס אין דער לופֿטן האָבן זיי נאָכגעיאָגט די אַנטלויפֿנדיקע וואַגאַבונדן, וועלכע האָבן פּרובירט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. מ'האָט זיי געכאַפּט איינציקווייז און זיי אַריינגעשליידערט אין די פֿאַרמאַכטע אויטאָס.

און ווען דער פּלאַץ איז שוין געווען אָפּגעליידיקט, זיינען נאָר פֿאַרבליבן די פֿאַרלאָזענע הייזקעס, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע קליינע פֿענצטערלעך, און האָבן זיך געוווּנדערט פֿון דער שווערער אָנגעצויגענער שטילקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין מיטן העלן טאָג און עס זיינען מיטאָמאָל פֿאַרשטומט געוואָרן די היימישע געשפּרעכן און פּלאַפּלערייען פֿון זייערע איינוווינער...

פֿון די קליינע פֿענצטערלעך פֿון די פֿאַרמאַכטע אויטאָס האָבן אַרויסגעקוקט די דערשלאָגענע פּנימער פֿון די צונויפֿגעקאָרטשעטע „ביטשיקאָמעס", וועלכע האָבן אויסגעזען מיט זייערע אָראָפּגעלאָזטע קעפּ און טעמפּע מרה־שחורהדיקע בליקן, ווי היימלאָזע הינט, וואָס ווערן געכאַפּט אין די גאַסן, אַריינגעוואָרפֿן אין ענגע שטייגן און קוקן אַרויס פֿון אַיגעווייניק הילפֿלאָז און דערשראָקן, דערפֿילנדיק אינסטינקטיוו דעם טרויעריקן סוף וואָס דערוואַרט זיי דערנאָך... — — — — — — — — — — — — — —

די אַלטע פֿאַרוואָרלאָזטע שיפֿן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון ווייטן דורך זייערע פֿאַראָסטע פֿענצטערלעך מיט באַדויערן און מיטלייד, אויסדריקנדיק זייער טיפֿן צער צו די פֿאַרטריבענע און אַרויסגעשטויסענע... צו די מענטשן אָן אַ היים...

דער בן־יחיד

ביים סאמע אריינגאנג, פון ביידע זייטן טיר, הענגען ארויס פאר־שיידענע בילדער, איינגעראמטע אין באגילדעטע אדער באזילבערטע ראַ־מען, רופן זיי די אויפמערקזאמקייט פון די דורכגייער.

די פאטאגראפיעס זיינען אראפגענומען פון מענטשן אין אלערליי פאזעס און פארשיידענעם עלטער.

עס שיינען ארויס בילדער פון פריילעכע חתן־כלה, גליקלעכע און בארוישטע, קוקן זיי איינער דעם אנדערן אין די אויגן, האלטן זיך פאר די הענט און שמייכלען פון גליק. זייערע בליקן זיינען קאנצענטרירט צו זיך אליין, און באמערקן נישט אלץ וואס רינגלט זיי ארום...

פון צווישן די פאטאגראפיעס לייכטן ארויס די לאכנדיקע, שמייכ־לענדיקע אייגלעך פון יונגע קינדער, וואס קוקן ארויס מיט נאאיווע אומ־שולדיקע בליקן. זייערע פריילעכע פנימלעך גאפן תמימותדיק און צו־טרוילעך... פרייען זיך זארגלאז מיט דער אפענער וועלט, וואס זיי זעען פאר זיך און וואס לאכט זיי מיט אזוי פיל כישופדיקן רייץ...

מען זעט אויך ארויסגעהאנגענע בילדער פון מענטשן אין טיפן על־טער, וואס כאטש זיי זיינען רעטושירט און פארגלעט, איז קאנטיק די איינגעהויקערטקייט זייערע, די טיפע קנייטשן פון די פנימער. זייערע אויגן קוקן ארויס גלייכגילטיק, יאושדיק און פארשאטנט, און זייערע איינ־געבויגענע פלייצעס, אראפגעזעצטע אקסלען דערציילן פון שווערע איבער־לעבונגען און טיפע זארגן וואס זיי האבן דורכגעמאכט אין זייער לאנגן לעבנס־וועג... אויסגעטראגן אויף זייערע פלייצעס.

זייער מיושבדיקער בליק פול מיט דערפארונג און געזעצטקייט, קוקט ארויס גלייכגילטיק צו דער טומלדיקער גאס, צו די איילנדיקע מענטשן וואס לויפן פארביי, פארשמייעט און פארהאוועט, וואס יאגן זיך נאכאנאנד,

ווי זיי זאָלן מורא האָבן עפּעס צו פאַרשפּעטיקן, צו פאַרלירן, און זייער קלוגער סטאַשישער בליק שרייט אַרויס פון די בילדער, מאַנט און וואָרנט די פאַרבייליוויפנדיקע מענטשן — נישט כדאי! ס'איז אַלץ הבל־הבלים!

עס רופן אויך די אויפמערקזאַמקייט בילדער פון יונגע מיידלעך, אויסגעפּוצטע מיט לאַנגע געפאַלדעוועטע קליידער, ווי זיי זאָלן וועלן אויסבאַהאַלטן אין די פאַרפּרעסטע פאַלדן די גאַנצע בענקשאַפט און ליידנשאַפט זייערע... זייערע בליקן קוקן טרוימעריש פאַרחלומט, ווייט פאַר זיך. זייערע אויגן בלאַנדזשען אין דער ווייטקייט, וואָס זיי זעען אַנטקעגן זיך... און זיי פאַנטאַזירן פון זייער צוקונפטיק גליק, פון זייער באַשערטן...

אינעווייניק אין הויז געפינט זיך אַ זייטיק צימערל, וואָס איז פאַר־האָנגען מיט טונקעלע פאָרהאַנגען, כדי דאָס העלע טאָג־ליכט זאָל נישט אַריינדרינגען אינעווייניק, וואָס קענען שעדיקן די נעגאַטיוון. זיי ליגן איינגעלייגט אין פּעקלעך מיט באַזונדערע אויפשריפטן און זעען אויס צו זיין אומגעדולדיק, פילן זיך אומהיימלעך אין דער שווערער טונקלקייט, וואָס איז אויסגעשפּרייט אַרום. זיי וואַרטן מ'זאָל זיי נעמען און אַרויס־ענדיקן. אין דער טונקעלער פינצטערניש זעען אויס די נעגאַטיוון, ווי פאַרנעפּלטע אימאַזשן פון משונהדיקע אויסטערלישע געשטאַלטן.

די פינצטערקייט אין אַרבעטס־צימערל איז געדיכט און אומהיימ־לעך, ווי אַ שווערער אָטעם וואָלט געוועזן אויסגעשפּרייט אינעווייניק.

אין קאָנטראַסט צו דעם שיינען אַרויס די פּוכקע ראָזע פּנימלעך פון די קינדער. זייער זאָרגלאָזע פרייד און געלעכטער, וואָס איז אויפגע־כאַפּט געוואָרן אויפן גלאָז, שימערירן אין דער טונקלקייט פון צימערל, ווי פאָספאָר־פליגעלעך אויף אַ פינצטער פעלד. די קינדערשע צעעפנטע מיילעכלעך, מיט די בלישטשענדיקע אויגעלעך זעען אויס אין דעם פאַר־שטיקטן דושנעם צימערל, ווי אויפגעעפנטע קנאָספּן פון יונגע פעלד־בלימעלעך, וואָס איינגעהילטע אין פרימאָרגן־טוי ציען זיך מיט אַ גאַרנ־דיקער פרייד צו דער זון.

איינגעבויגן ביי אַ טישל זיצט דער באַלעבאָס אַליין. ער איז אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן איבערגעבויגענער פּלייצע, וואָס איז אים געקומען פון זיצן שטענדיק איינגעבויגן ביי דער אַרבעט. זיינע פאַרכמור־רעטע אויגן קוקן אַרויס מיט אַ ביסטרען אומצופרידענעם בליק, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ האַס אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס אים איז באַשערט זיך צו מאַרודזשען מיט אַזאַ נודנער אַרבעט. ער זיצט גאַנצע נעכט, רע־טושירט מיט אַ קליין פּענדזל די בילדער, באַמיט זיך אָראַפּצונעמען פלעקן, אויסגלייכן קנייטשן און פאַרשענערן די געזיכטס־שטריכן.

פון זיצן אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט, פילט ער, ווי ער ווערט אינגאַנצן פאַרזעסן. די פיס גליווערן אים און דער גאַנצער קערפּער ווער־נער ווערט קאַלט און פאַרשטאַרט. ער פילט ווי בייסנדיקע פלי־

געלעד קריכן אים אַרום איבער זיין פּליִיצע, איבערן גאַנצן קערפּער. ער שטעלט זיך אויף און הויבט אָן ארומצוגיין איבערן צימערל הין און צוריק. ער פילט די נאָכשלעפּנדיקע פּיס בויגן זיך שלאַבעריק, שלעפּן זיך אים נאָך.

ביסלעכווייז הויבט אָן דאָס פאַרהאַלטענע בלוט זיך פאַנאַנדערצוגיין איבערן גאַנצן קערפּער. ער קומט צו זיך און זעצט זיך ווידער צו דער אַרבעט, און טראַכט בשעת־מעשה, — אַז וואָס מער ער ציט אַריין טיף אין דער נאַכט, אַלץ גרעסער זיינען די פאַרדינסטן, די איינקונפטן, די קאַר־טאָלינע, וואָס ער פאַרניצט צו די בילדער, קאָסט אים אַ שיבוש און פאַר די פאָטאָגראַפיעס נעמט ער וויפל ער וויל נאָר, אַזוי אַז ס'איז כולו ריוח.

צום וואַשן די בילדער באַנוצט ער אַ כעמישע פליסיקייט, וואָס פאַר־שפּרייט אַ שווערן איבלדיקן ריח און פון דעם באַקומען זיינע הענט אַ געלן זשאַווערדיקן קאָליר, וואָס דערמאָנען אָפּגעשטאָרבענע הענט פון אַ בר־מינן.

צו באַדינען די קונים, אָנעמען באַשטעלונגען, אונטערהאַנדלען מיט זיי וועגן פּרייז און העלפן אויסקלייבן פּאָזעס, האָט ער איבערגעלאָזן פאַר דער פרוי זיינער, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם.

זי איז פון נידעריקן וווקס, אַ שטילע, אַ צוריקגעהאַלטענע, מיט אַ גוטמוטיקן בליק, מיט אַ ווייך הארציק קול, וואָס דערמאָנט געפיל־פולע טענער פון אַ וויאָלאָנטשעל. מיט איר באַנעמונג האָט זי געוווּנען די סימפּאַטיע פון די קליענטן.

דאַקעגן, אים איז ליבער צו אַרבעטן אינעווייניק, אין פינצטערן פאַרהאַנגענעם צימערל, ווו קיינער שטערט אים נישט. ער בלייבט אַליין און ער דאַרף נישט האָבן צו טאָן מיט דער גאַנצער וועלט, אויסשטיין אַלעמענס טענות און קאַפּריזן און ער פאַרשפּאָרט זיך מאַכן בייז בלוט פון יעדער קלייניקייט, ווייל מערסטן טייל קונים, ווען זיי קומען זען די פּראָבעס, בורטשען, זיינען אומצופרידן, האָבן תרעומות, אַז זיי דער־קענען זיך נישט, אַז דאָס זיינען נישט זייערע געזיכטס־שטריכן און גייען אַוועק מיט כעס און לאָזן פאַרפאַלן דאָס האַנט־געלט.

אין די זונטיקן און אין די יום־טוב־טעג מוז ער אָוועקלייגן די אַר־בעט. עס קומען אַ סך מער קליענטן און ער קען נישט איבערלאָזן פאַר דער פרוי אַליין. ער גלייכט זיך דעמאָלט אויס די ביינער און גייט אַרום מעשה באַלעבאָס איבערן סטודיאָ, אַ זוניפגערוימטער און אַן אויס־געגלייכטער.

אויף די ווענט זיינען אויסגעהאַנגען אַ שיעור בילדער, באַקאַנטע פּנימער, וואָס קוקן צו אים היימיש און פריינטלעך.

זיי האָבן איינאָונאיינציקן זון, וואָס ביידע האָבן אים ליב מיטן גאַנצן לעבן, רופן אים מיט אַ פאַרצויגענעם נאָמען און זעען מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַז אים זאָל קיין זאַך נישט פעלן. וואָס ער רעדט

ארויס, טראָגט מען אים אַנטקעגן. טאַטע־מאַמע גיבן אים אַלץ נאָך, קוקן אים אין די אויגן אַריין און ציטערן און פּלאַטערן איבער אים. דאָך גייט ער אַרום אַזן אומצופרידענער, אַ צעפּיעשטשעטער, אַ צעבאַלעוועטער, וואָס פאַרשטייט, אַז אַלע דאַרפן זיך בויגן פאַר אים, נאָכקומען זיינע פאַרלאַנגען און קאַפּריזן.

ער אַליין קוקט אויפן טאַטן מיט ביטול און גרינגשעצונג, וואָס ער פאַטערט אַוועק דאָס געזונט און די ראיה זיצנדיק שפּעט אין דער נאַכט ביים אַנטוויקלען די בילדער און קען זיך דערנאָך נישט רירן, בלייבט זיצן מיד און דערשעפּט, ווי די אָנגעשטרענגטע אַרבעט וואָלט אַרויסגעצויגן פון אים דעם קליאַק פון די ביינער.

אַ סך מאָל ביים טיש, מיטיק־צייט, לאָזט דער זון פאַלן אייניקע ווערטער אויפן טאַטנס חשבון, געווענדעט צו דער מאַמען, אַז ער אויפן טאַטנס אָרט וואָלט נישט געווען אַזוי פאַרנאַרט.

ער וואָלט מער אין גאַנצן נישט געאַרבעט, נאָר אויסגענוצט דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, צו געניסן, זיך אָנצוטאָן אַלע פאַרגעניגנס.

דער פאָטער ווערט בלייך פון זונס עזותדיקע רייד. זיינע אָנטצונדענע ברעמען ווערן צונטער־רויט. ער וויל עפּעס זאָגן זיין בן־יחיד אַזוינס וואָס זאָל אים אָפּהאַקן די פליגל... אַז דאָס וואָס ער דופנט אַזוי און רעדט מיט גרינגשעצונג פון טאַטנס האָרעוואַניע, גיט אים אַן עצה ער זאָל נעמען צעטרענצלען דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט, ווייל ס'האָט אים נאָך קיינמאָל קיין זאַך נישט געפעלט. ער קומט שטענדיק צום גרייטן.

דער פאָטער באַמיט זיך צו רעדן מיט אַ רואיק קול — ער זאָל נישט מיינען, אַז ס'איז אַלץ אַראָפּגעפאַלן פון הימל, אַז פון קינדווייז אָן האָט ער אַליין געליטן נויט, הונגער און דחקות, קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס הייסט אָפּעסן צו זאַט. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן עלטער, און איז געווען געצוווּנגען אויסצוּוואַנדערן, איז געקומען דאָ אין לאַנד, האָט ער אויך געגוג דורכגעמאַכט, געטאָן די שווערסטע אַרבעט ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זיין איצטיקן שטאַנד, און אויב ער, זיין זון, קען לעבן אַזוי ברייט, זיך פאַרגינען וואָס זיין האַרץ גלוסט, איז עס אַ דאַנק זיין האָרעוואַניע און שפּאָרזאַמקייט פון אַזויפיל יאָרן...

אויפן זונס ליפּן באַווייזט זיך אַ גרינגשעצנדיקער שמייכל. ער זאָגט מיט אַ ציניש שפּאָטישן טאָן:

— ווער האָט דיר געהייסן, טאַטע, זיך אַוועקהרגענען צוליב מיר... און ווער צווינגט דיך איצט צו אַרבעטן איבער די כוחות? אויב פאַר מיר... בין איך דיר מוחל. האָסט מיך שוין גענוג פאַרזאָרגט...

דער מוטערס גוטמוטיקער בליק ווערט אָנגעשטרענגט, פול מיט שרעק און כעס. זי וויל פאַרווישן דעם שווערן איינדרוק פון דעם זונס באַליידיקנדיקע ווערטער און עס געלינגט איר נישט. נאָר אירע שטומע

בליקן, פול מיט אַנגסט, ריידן צום זון, מאַכן אים אַ פאָרוואָרף, ער זאָל רעספּעקטירן דעם טאַטן... שאַנעווען זיין געזונט, און אים נישט פאַרצאַפּן דאָס בלוט...

דער פאָטער ענטפערט נישט אויפן זונס רייד, ווי ער זאָל נישט געפינען פאַר נויטיק מיט אים זיך אויסצוטענהן... ער טראַכט נאָר אין זיך, אַז ער האָט זיך אומזיסט מקריב געווען פאַר זיין בן־יחיד... וועלכער איז אויסגעוואַקסן ענגהאַרציק און עגאָאיסטיש... מיט אַ גאַנץ אַנדער קוק אויפן לעבן. נעמט אויף מיט גרינגשעצונג זייער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש... וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו אים, ווי ער וואָלט נישט געווען זייער זון, נאָר אַ ווילד־פרעמדער...

דעם פאָטערס געזונט־צושטאַנד האָט זיך אַלעמאָל פאַרערגערט. ער פלעגט אַרומגיין אַ פאַרביטערטער, אַן אויפגערעגטער, געהאַלטן אין איין באַטראַכטן זיינע געלע פאַרמעטענע הענט אַז אַ טראָפּן בלוט, און קוקנדיק אויף זיי, פלעגט אים דורכגיין אַ שווידערנדיקער סקרוד איבערן גאַנצן קערפּער. די קאַלטע, אָפּגעשטאַרבענע הענט, ווי צוויי שטומע צייכנס, האָבן אים דערמאָנט און פאָרויסגעזאָגט זיין שלעכטן סוף.

ער פלעגט זיי רייבן איינע אין די אַנדערע, געקוקט צי עס באַווייזט זיך אַ רויטקייט, טראָפּנס רויט בלוט, וואָס זאָלן דערוואַרעמען און אַוועקנעמען פון זיינע הענט דעם געלן קאָליר, וואָס יאָגט אָן אויף אים אַן אַנגסטלעכן שוידער. דערנאָך פלעגט ער בלייבן שטיין אַן אומבאַהאָלפענער, געאָטעמט שווער, מיט אַ קורצן אָפּגעהאַקטן אָטעם און אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין גאַנצן קערפּער, און זיינע פאַרמעטענע הענט זיינען אים נאָכגעהאָנגען, זיך געבאָמבלט פון ביידע זייטן, ווי שטיקער וואַקס פון אַ גיפּסענער פיגור, וואָס עמיצער האָט בכיוון אָנגעהאָנגען אויף זיינע אַקסלען כדי אים אָנצושרעקן.

איינמאָל, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, אַן איינגעבויגענער, צונויפגעקאָרטשעטער, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט, ווי עס ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן, ער זעט קיין זאַך נישט, און פון דער פינצטערניש שווימען אַרויס פייערדיקע קאָלירטע רעדער, וואָס דרייען זיך מיט אַ משונהדיקן געלויף, ווילן אים אַריינציען, אַריינשלעפּן אין אַווירבלדיקן קאַראַהאַד. ער פילט אַ שווידערנדיקע קעלט נעמט אים דורך אין גאַנצן. עס גייען אים אויס די כוחות. ער האַלט ביים פאַלן און האָט זיך נישט אין וואָס אָנצוהאַלטן. אַלץ שווימט אַוועק פון אים און דערווייטערט זיך. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אויסגעשפּרייט ביידע הענט, ווי ער זאָל רופן צו הילף. אַ פאַל געטאָן און געבליבן ליגן, נישט קענענדיק רירן מיט קיין גליד. — — —

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער שוין געלעגן אין בעט. ס'האָט אים געטרייסלט אין היץ און אין קעלט. ער איז געווען איינגעוויקלט, איינגעטוליעט, אַרומגענומען מיט וואַרעם־פלעשער. ער האָט געאָטעמט

שווער. געפילט, אַז דער גאַנצער קערפּער איז אים אַנגעווייטיקט און צעבראָכן, און אַ נאָגנדיקע אויסמאַטערנדיקע שוואַכקייט גייט אַרום אַיבער אַלע זיינע גלידער.

דאָס ווייב איז געזעסן נעבן אים מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן, געקוקט מיט צעשראָקענע פאַרזאָרגטע בליקן און איז נישט אָפּגעטראָטן פון בעט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין געזונט־צושטאַנד איז אַ דעליקאַטער, אַז ער ליגט איצט אַ צוזאַמענגעבראָכענער פון אַזויפיל יאָרן אָנגעשטרענגטער אַרבעט... קען זיך נישט רירן פון אָרט, טאָר נישט באַוועגן מיט קיין גליד. ער ליגט פאַרשטאַרט, אומבאַוועגלעך ווי אַ סטאַטוע. ווי זיינע אַלע אברים, וואָס זיינען אַזויפיל יאָרן געווען איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון דער שווערער און דערקוטשענדיקער אַרבעט, האָבן מיטאַמאָל מורד געווען אין אים, זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו פאָלגן און געבליבן אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן און באַפעל...

ער האָט געקוקט צום אַרבעט־צימערל, צו די גרויסע בליץ־לאָמפּן, וואָס ער פלעגט שטענדיק אָנצינדן ביי דער אַרבעט און וואָס האָבן אים געוואַרעמט, געבלענדט מיט זייער ליכטיקן שיין פון אַלערליי קאָלירן. איצט האָבן די פאַרלאָשענע בליץ־לאָמפּן געקוקט צו אים פון וויטן מיט אַ געדיכטן פאַרנעפּלטן אָפּגלאַנץ, ווי אויסגערונענע אויגן פון אַ בלינדן.

די טונקעלע פאַרהאַנגען האָבן אים געשראָקן, אָנגעיאָגט אויף אים אַ פּחד, אים דערמאָנט, אַז אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין דעם צימערל ביי די נעגאַטיוון, באַמיענדיק זיך אויפצולעבן און צוצוגעבן חיות און גלאַנץ די פאַרגליווערטע פּנימער, די אויסדרוקלאָזע שטריכן. איצט איז ער אַליין געבליבן פאַרגליווערט, אומבאַוועגלעך, אָן לעבן, אָן חיות...

ער האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענט, אַריינגעהעשעט אין זיי מיט אַ יאָמערלעך געוויין.

די פרוי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים. זי גלעט אים צערטלעך איבערן קאָפּ, איבערן שטערן און טרייסט אים. מיט אַ ציטערנדיקע שטימע זאָגט זי אים:

— שטאַרק זיך, זיי מוטיק. דיר וועט איבערגיין. דו וועסט געזונט ווערן און מיר וועלן נאָך אַלץ דערציילן אין פרײדן.

ער האָט יאָושדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער זשעסט, אַ שטומער ענטפער אויף אירע רייד, אַז ער גלויבט נישט אַז ער זאָל נאָך קענען אויפשטיין פון בעט.

* *
*

מיטן פֿאָטערס קראַנקהייט איז דער זון אַרומגעגאַנגען נאָך מער אומצופֿרידענער, ווי דעם טאַטנס שלאָפֿקייט וואָלט צעשטערט אַלע זיינע פּלענער און אויסרעכענונגען. ער פּלעגט אַריינגיין אין צימער, וווּ דער טאַטע איז געלעגן, אומטערגעווען אַ פּאָר מינוט, געקוקט מיט אַ קאַלטן איילקן בליק צום פֿאָטער, וועלכער ליגט אַן אומבאַהאָלפֿענער, אַ בלאַסער, מיט צעצונדענע טרערנדיקע אויגן. דער זון האָט נישט געקענט צוזען דעם טאַטן אין אַזאַ נעבעכדיקן מצב...

ביים מיטיק עסן קען זיך דער זון קיין אָרט נישט געפֿינען. דער מאַמעס פֿאַרטראַכטקייט, איר צוגעשמידטער בליק צום ליידיקן שטול ווו דער פֿאָטער איז שטענדיק געזעסן, און אין איצט געשטאַנען אַ ליידיקער, אַ פּוסטער, און אַן איינזאַמער... — דאָס האָט אים דענערווירט און אַריינגעבראַכט אין אַ פֿאַרביטערטער שטימונג...

דער פֿאָטער האָט געקוקט פֿון ווייטן צום זון, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב, ווי אַ פֿרעמדער. אין זיינע קאַלטע בליקן, אין זיין גאַנצער באַנעמונג זעט ער און פֿילט דעם זונס דערווייטערונג פֿון אים, אַז זיין קראַנקהייט גייט אים נישט אָן, אַז ער באַטראַכט דעם טאַטנס קלעגלעכן צושטאַנד, ווי אַ רעזולטאַט פֿון זיין אָנשטרענגונג פֿון אַזוי פֿיל יאָרן אַיבערגעמידקייט און אויסגעהאַרעוועטקייט, און אַז ער האָט קיין שייכות נישט צו דעם, ס'איז נישט זיין שולד...

די מוטער איז איצט פֿאַרנומען מיט די קליענטן מערער ווי פֿריער, זי מוז לאָזן דעם מאַן אַ סך מאָל אַליין. מיט אַ טיפֿן ווייטיק קוקט זי צום זון, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב, ווי אַ ווילקאַלעק, גייט אַרום פּוסט און פּאַס און פֿילט נישט מיט דעם קראַנקן טאַטן, וואָס ליגט אַזוי חרוב צו בעט... קען נישט רירן מיט קיין גליד, און זעט אוים ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן...

דער זון גיט אַ מאַך מיט די אַקסלען, דרייט זיך אוים נישט אויסצוהערן דער מאַמעס שטראָפֿנדיקע רייד, וואָס האַלט אים אין איין אויפֿווארפֿן זיין פֿירונג, מוסרט אים כסדר.

ער גייט אַריין צו זיך אין צימער און ברומט וווילוונגעריש אַ לידל פֿאַר זיך, הויבט זיך אָן צוצוגרייטן, זיך איבערטאָן אַוועקצוגיין. ער שטייט לאַנג פֿאַרן שפּיגל, קעמט זיך ביז יעדעס הערעלע איז איינגעלייגט, און אַז ער איז שוין אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט, איז גרייט אַרויסצוגיין, וואַקסט אוים די מוטער נעבן אים, פֿאַרשטעלט אים דעם וועג און וויל אים פֿאַרהאַלטן.

זי קוקט אויף אים מיט אַ דערשטוינטן בליק, ווי זי זאָל נישט גלויבן אירע אויגן. און מיט אַ קול, וואָס איז דורכגענומען מיט פֿאַרוואורף און געבעטן גלייכצייטיק, זאָגט זי צו אים:

— דו קלייבסט זיך גיין פֿאַרברענגען... הוליען מיט דיינע חברים? און דער טאַטע ליגט צו בעט, איז פֿאַרביי. מיר רייסט דאָס האַרץ קוקנ־

דיק אויף אים, און דיר ליגט אין זינען פאַרגעניגנס, וווילטאָג... גיין פאַרברענגען...

דער זון פאַרבייסט די ליפּן און ברומט אַרויס מיט כעס:

— און אַז דער טאַטע איז קראַנק, איז וואָס? דאַרף איך זיך אוועקזעצן וויינען? ס'איז מיין שולד? איך וויל זיך אַביסל צעשטרייען, זיך אָנטאָן פאַרגעניגן... ווילסט איך זאָל זיצן כסדר אין שטוב... ווערן פאַרשימלט? איך בין יונג און איך וויל פאַרברענגען. כ'האָב אַ טאַנץ־אוונט אויף היינט, כ'האָב צוגעזאָגט, כ'מוז גיין! האָט ער צוגעגעבן ווי אַ מאָטיוו צו באַרעכטיקן זיין אוועקגיין.

די מוטער שפּרייט אויס אירעביידע הענט אַנטקעגן אים, וויל פאַרצאַמען אים דעם וועג, און זאָגט מיט אַן ענערגיש־פעסטן טאָן:

— דו וועסט נישט גיין! דו טאָרסט נישט גיין, הערסט! דער טאַטע, אַז ער וועט זיך דערוויסן, וועט זיך נעמען צום האַרצן פון דעם. עס קען אים חלילה מאַכן שלעכט... יעדע זאַך ווירקט אויף אים. די מינדעסטע קלייניקייט רעגט אים אויף...

דער זון האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט אַ פרעמדן בליק, ווי ער וואָלט נישט אויפגענומען אירע רייד. פון קינדווייז אָן, ווייסט ער, האָט מען אים נאָכגעגעבן אַלע קאַפּריזן און פאַרלאַנגען. מ'האָט אים איינגעוווינט, אַז ער איז דער צענטער פון אַלץ און אַלעמען... אַלע דאַרפן אים נאָכגעבן. און איצט וויל די מאַמע זיך קעגנשטעלן אים, גיין קעגן זיינע פאַרלאַנגען. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן גאַנצן אימפּעט, אָפּגעשטופּט די מאַמען אין אַ זייט און איז אַרויס מיט גיכע טריט.

די מוטער איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע, צעשפּרייטע הענט, ווי זי זאָל וועלן באַשיצן איר זון, אים אָפּהאַלטן פון אַ געפאַר, וואָס לויערט אויף אים...

זי האָט נאָכגעקוקט מיט אנגסט, ווי ער לויפט אַרויס מיט איילנדיקע טריט, גיט בכיוון אַ זעץ מיט דער טיר, אויסדריקנדיק מיט דעם זיין עקשנות, פאַרביסנקייט און פאַראַכטונג. אירע אויסגעשטרעקטע הענט זיינען אַראָפּגעפאַלן, געבליבן הענגען מאַכטלאָזע, באַליידיקטע און פאַרשעמטע.

זי האָט אָפּגעזיפצט שווער און פיינלעך, געפילט אַ טיפן ווייטיק, וואָס קלאַמערט איר איין. זי האָט איינגעהאַלטן דאָס געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון איר גאַנצן וועזן אַרויסצופּלאַצן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט באַדויערט זיך אַליין, דעם תכלית, וואָס איז געוואָרן פון זייער היים... אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט. דער מאַן אירער ליגט איצט אַזוי חרוב צו בעט, קוקט צו איר מיט אַזעלכע אומעטיקע, בעטנדיקע אויגן, ווי ער זאָל זוכן די גאַנצע הילף ביי איר, זי זאָל אים ראַטעווען, האַלט אין איין קוקן אויף זיינע געלע וואַקסענע הענט, וואָס שרעקן אים און דערמאָנען זיין נאָענטן סוף... ווי אַ ציטערדיקער שוידער וואָלט

אויפגעגאַנגען פון זיינע פינגער־שפּיצן און אָנגעיאָגט אויף אים אַ פּחד, אַז אימהדיקן סקרוד.

און דאָס איינציקע שטיקל קינד, זייער בן־יחיד, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין אים דאָס לעבן, אים געצערטלט און געפּיעשטשעט, איז אויסגעוואַקסן אַ פרעמדער צו טאַטע־מאַמע... צו דער אייגענער היים... פילט נישט מיט דעם טאַטנס צער און פּיין.. איז אויסגעוואַקסן עגאָאיסטיש, אַז אַ געוויסן... ער האַלט, אַז אין לעבן דאַרף מען זיך אָנטאָן אַלע פאַרגעניגנס... און ווען דער אייגענער טאַטע ליגט אויפן קראַנקןבעט, גייט ער פאַרברענגען און ווייזט דערמיט אַרויס זיין פאַרדאַרבנקייט, ענגהאַרציקייט און עגאָאיזם...

דער זיידע מיטן אייניקל

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג, ווי אסתר שיינוועלט איז אַראָפּ פון קראַנקן־בעט, ווו זי איז געלעגן ווי צוגעשמידט אַ לענגערע צייט. איר אויסגעצערט קרענקלעך פּנים, מיט דער בלאַסער דורכזיכטיקער הויט, וואָס האָט אַריינגעשלאָגן אין אַ גרינגלעכן קאָליר, איר מידער פאַרנעפּלטער בליק, וואָס האָט געקוקט נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן, אירע גרוילעכע האָר, וואָס זיינען געווען האַרט און צעטריקנט, אָן אַ גלאַנץ, זיינען געווען צעפּלאָשעט אַרום איר פּנים און זיינען איר נאָכגעהאָנגען, ווי אויסגעטעפּעטע פעדים פון אַן אָפּגעטראָגענעם מלבוש, האָבן דערציילט פון דער שווערער קראַנקייט, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, וואָס האָט אויסגעצערט איר שוואַכן גוף און איר פּריצייטיק פאַרעלטערט.

די פינצטערע מחשבות האָבן איר נישט צורו געלאָזט די גאַנצע צייט פון איר ליגן צו בעט. קאָשמאַרע, פייניקנדיקע חלומות פלעגן זי אויסמאַטערן אין די לאַנגע נעכט. זי פלעגט אויפשטיין אַ מידע, אַ צעבראָכענע, זיך צוהערן מיט שרעק צום האַסטיקן קלאַפּן פון איר האַרץ, וואָס האָט איר געוואָרנט, געליאַרעמט אויף אַ הילכיק קול, פון אַ סכנה, וואָס לויערט אויף איר... און דערמיט פאַרגרעסערט איר שפּאַנונג און איר פּחד...

זי האָט פּרובירט שטעלן עטלעכע טריט און דערביי געפילט אַ מיִשונג אין קאָפּ און איז שיעור נישט אומגעפאַלן. די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל און נישט געוואָלט אַריינגיין נאָכאַמאָל אין שפּאַן, אויספאָלגן באַפעלן...

דאָס דורכגיין אַליין, אָן קיינעמס הילף, די עטלעכע טריט איבערן צימער, האָט איר געמוטיקט און געשטאַרקט, האָט איר אָנגעפילט מיט האָפענונג, אַז זי וועט ווערן געזונט און וועט ווייטער קומען צו די כוחות.

די אויסמאַטערנדיקע קראַנקהייט, וואָס האָט איר אָפּגעצערט און אָפּגעשוואַכט האָט איר געהאַלטן די גאַנצע צייט אין אַ כסדרדיקן פּחד, געשראָקן איר, אַז עס דערנענטערן זיך אירע לעצטע טעג... און זי דאַרף זיך שיידן מיט איר נישט אויסגעלעבט לעבן, אַז ס'דערנענטערט זיך איר סוף... און זי וועט נאָר מיטנעמען מיט זיך אירע בענקשאַפטן, וואָס זייַנען קיינמאָל נישט דערפילט געוואָרן, און ס'האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק גענאָסן פון לעבן.

די אַלע טרויעריקע מחשבות, וואָס האָבן איר נישט אָפּגעלאָזט די גאַנצע צייט פון איר קראַנקהייט און האָבן ווי פינצטערע שאָטנס פאַרטונקלט איר געמיט, האָבן איצט, מיטן שטעלן די עטלעכע טריט, זיך דערווייטערט, אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר דער פאַרבאָרגענער פרייד, וואָס האָט אויפגעקוואַלט אין איר וועזן...

אין דעם מאָמענט האָט זי געמאַכט דעם סך־הכּל פון איר פאַרהייראַט לעבן, וואָס האָט איר געגעבן אַזוי ווייניק פרייד. באַלד זייַנען אונטערגעקומען די קינדער, וועלכע האָבן צוגענומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אירע, ווי קיין זאַך וואָלט נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט, נאָר די קינדערשע דאגות און דאָס דערציִען זיי. טאָג און נאַכט איז זי געווען מיט זיי פאַרנומען, געוואַשן, געבאָדן, געזויגן, זיי פאַרשלעפערט, אַזוי טאָג איין, טאָג אויס. און אַז זיי זייַנען קראַנק געוואָרן, פלעגט זי וואַכן גאַנצע נעכט. זיי אָפּגעהיט, נישט אָפּגעטראָטן, ביז זי האָט זיי געשטעלט אויף די פיס. און אַז זיי זייַנען עלטער געוואָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן נייַע זאָרגן.

זיי האָבן אַלע דערנאָך חתונה געהאַט, און סיי זי און סיי איר מאַן, האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווי זיי וואָלטן צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פייַנפולן וועג, און וואָלטן זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך אַ שווערע משא...

ערשט־איצט, נאָכן חתונה־מאַכן די קינדער האָבן זיי זיך געקענט אַרומקוקן איינער אויף דעם אַנדערן. ביידע האָבן געפילט, אַז די פרייַנטשאַפט־פעדים פון איינעם צום צווייטן, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט מיט די דאגות און זאָרגן וועגן די קינדער, זייַנען זיך ווידער צונויפגעקומען, זיך באַהעפט... ווי צוויי פרייַנט, וואָס זייַנען אַ לאַנגע צייט געווען דערווייטערט און אָפּגעשיידט, האָבן זיך ווידער צונויפגעטראָפן, געפילט די איבערגעגעבנקייט און נאָענטקייט פון איינעם צום צווייטן.

מאַן און פרוי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די קינדער, וואָס מ'האָט זיך פאַר זיי מקריב געווען, זייַנען זיך צעפלויגן, טראַכטן שוין וועגן זייער אייגענער היים... און דערמאָנען זיך זעלטן פון טאַטע־מאַמע, קומען נאָר ווען זיי נויטיקן זיך אין עפּעס...

זי האָט אָפּגעזיפצט מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג.

צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון איר קראַנק זייַן, האָט

זי געפֿילט אַז אויפֿוואַכנדיקע פֿרייד, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון איר געמיט, אַנגעפֿילט איר מיט מונטערקייט און לעבנסלוסט. אַ פֿרייד־לעך־שוועבנדיקער ניואַנס האָט וויברירט אין איר און אַרום איר — לעבן... לעבן... לעבן... האָט זי פֿאַרנומען — אַ שטיל קול, ווי אַ געזאַנג, וואָס האָט גערופֿן צו איר... פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט זי פֿילן, ווי אַלע מענטשן — דעם גענוס פֿון לעבן. זי וועט קענען גיין אַליין, שפּאַצירן אָן קיי־נעמס הילף, זי וועט קענען אײַנאָטעמען די פֿרישע לופֿט, פֿילן אויף זיך דעם וואַרעמען שימער פֿון די זון־שטראַלן, און אָנקוקן דעם לויטער־בלויען הימל. זי וועט מער נישט דאַרפֿן ליגן צו בעט, מ'זאָל אַרומגיין אַרום איר, זי זאָל פֿאַלן אַלעמען צו לאַסט, מ'זאָל איר באַדויערן...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, פֿאַרוואָרפֿן מיטן קאָפּ אויף הינטער זיך, געאָטעמט שווער, געהאַלטן די בלאַסע הענט פֿאַרוואָרפֿן אויף זיך. זי האָט געשמייכלט צום מאַן מיט אַן אומבאַהאָלפֿענעם פֿאַר־שולדיקטן שמייכל.

דער מאַן האָט געקוקט אויף איר מיט אַ צעשראָקן פּנים, צוגעלאָפֿן מיט גיכע טריט, אָנגענומען זי צאַרט פֿאַרן אָרעם און געזאָגט מיט אַ פֿאַרזאָרגט קול:

— גענוג אויף הײַנט, אסתּר... ס'קען דיר נאָך מאַכן שלעכט. דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט, אַז דו דאַרפֿסט זיך דורכגיין אַלע טאָג ביס־לעכווײַז, ביז דו וועסט צו די כּוחות. און דו וועסט מיך מוזן פֿאָלגן — האָט ער צוגעגעבן שטיפֿעריש, ווי צו אַ קליין נישט־פֿאָלגעוודיק קינד. — דאַרפֿסט טאָן וואָס מען הייסט דיר... איצט ביסטו בײַ מיר אין די הענט.

די פֿרוי שאָקלט מיטן קאָפּ: — זי וועט אַלץ פֿאָלגן, און קוקט מיט דאַנקבאַרקייט צו איר מאַן, וועלכער רוט נישט, וואַכט איבער איר, זעט אַז זי זאָל נעמען די רפֿואות צו דער צייט, טראָגט איר אַלעמאָל אונטער אַן אַנדער זאַך צו דערקוויקן דאָס האַרץ, איר צו קרעפֿטיקן און צו שטאַרקן. און יעדן מאָל גייט ער צו: — טרינק, אסתּר, נעם עפּעס אין מויל. דו מוזט קומען צו די כּוחות, דו מוזט זײַן געזונט...

ס'איז געווען אַ זונטיק־נאָכמיטיק.

זי האָט געקוקט פֿון ווײַטן צום מאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ צווייטן צימער און האָט געבלעטערט אַ בוך. ווי ער מישט די בלעטלעך אַהין און צוריק. זי האָט באַמערקט זײַן אויפֿגערעגטקייט, און אַז דאָס מישן די בלעטלעך טוט ער פֿון נערוועזער שפּאַנונג. זײַן מילדער בליק איז איצט געווען בייז און אָנגעשטרענגט. ער קוקט אַלע ווײַלע אומגע־דולדיק צו דער טיר און שווײַגט פֿאַרביסן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס און ער וויל איר נישט מצער זײַן. און אַז עס גייט אַריבער אַ לענגערע צײַט, קען ער מער נישט אײַנהאַלטן אין זיך דעם כּעס און ווענדעט זיך צו איר:

— אַט האָסטו דיר, היינטיקע קינדער... דערמאָנען זיך אפילו נישט צו קומען זען די קראַנקע מאַמע. מיך קרענקט דאָס. ס'נאָיעט מיר בסדר אינעווייניק, ווי ס'וואָלט מיר ווער געעגבערט מיט עפּעס אין האַרצן. איך קען עס נישט באַגרייפן, ווי אַזוי קינדער קענען זיין אַזוי פאַרדאָרבן... דו האָסט דאָס לעבן פאַר זיי געאָפּפערט, — גיט ער צו מיט פאַרביטערטקייט. שטענדיק איז ביי דיר געווען נאָר די קינדער. איצט דאַנקען זיי דיר אָפּ...

אויף דעם פרוים בלאַס פּנים באַווייזט זיך אַ דינער פאַרענטפערנ־דיקער שמייכל. מיט דעם שמייכל וויל זי פאַרגלעטן זיין כעס און פאַר־טיידיקן די קינדער. זי רופט זיך אָפּ מיט אַ שוואַך קול:

— נעם זיך נישט צום האַרצן פון דעם, און רעג זיך נישט אויף... דאַרפסט זיי נישט באַשולדיקן. אפשר האָבן זיי נישט געקענט קו־מען, זיי האָבן דאָך אַליין אַ היים מיט קליינע קינדער.

— אַזוי? זיי זיינען פאַרנומען, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין די לעצטע ווערטער אירע, — פאַרטיידיקסט זיי נאָך. און אפילו טויזנט מאָל פאַרנומען... קען מען זיך נישט אָפּרייסן אַ פּאָר מינוט און קומען זען די קראַנקע מאַמע, וועלכע איז דעם ערשטן טאָג אַראָפּ פון בעט? זען וואָס זי מאַכט. אפילו פון יוצא־וועגן האָבן זיי געדאַרפט קומען דיך זען.

די פרוי האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. דער זשעסט האָט געקענט באַדייטן: אַזוי איז דאָס לעבן! און אַזוי זיינען קינדער... מיר דאַרפן פון זיי גאָרנישט דערוואַרטן...

דער מאַן, ווי ער זאָל אויפכאַפּן אירע געדאַנקען, וואָס זי האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן הויך אויפן קול, קען זיך נישט באַרואיקן. זיין אויפגערעגט קול ציטערט און קען זיך נישט איינשטילן:

— אין דער אַלטער היים האָט מען אַזוינס נישט געהערט — זעצט ער פאָר, — קינדער האָבן רעספּעקטירט טאַטע־מאַמע, געווען צוגעבונדן צו דער פאַמיליע, צו דער משפּחה, מיטגעפילט די היים. איינער וואָלט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן צווייטן. נאָר אין די לענדער וואַקסן אויס אַזוי די קינדער... זיי האָבן צופיל וווילטאָג... און מען גיט זיי צופיל נאָך, מיינען זיי, אַז אַלץ איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

— דו פאַרגעסט אַז מיר האָבן שוין דערלעבט אַ דריטן דור, מיר זיינען שוין זיידע־באָבע — זאָגט די פרוי מיט אַ דורכגענומענע פרייד אין איר קול, וועלנדיק אים צעשטרייען, אויפמונטערן.

— איצט דאַרפן מיר זיך ווינטשן צו דערלעבן נחת פון די אייניקלעך...

— אַ קנאַפּע טרייסט — ענטפערט דער מאַן מיט פאַרביסנקייט און סאַרקאַזם — די אייניקלעך... כ'זע שוין דעם נחת וואָס מיר האָבן פון די קינדער... שטעל איך מיר פאָר ווי די אייניקלעך וועלן שוין זיין...

די פרוי שווייגט. זי פילט זיך נישט בכוח מיט אים צו אמפּערן,

דיסקוטירן, זי בלייבט זיצן אפּהענטיק מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ, און מאַכטלאָז אראָפּהענגענדיקע הענט. א שפּילנדיקע רויטקייט באַ־ווייזט זיך אויף איר בלאַס געזיכט. די רויטקייט טיילט זיך פאַנאַנדער און צעגייט זיך אין טונקעלע אָפּגעזונדערטע פלעקן, וואָס פלעמלען זיך אויף אירע אויסגעבלייכטע באַקן. די פלעקן זעען אויס, ווי איבערגעצייר־טיקטע האַלב־פאַרוועלקטע בלומען. זי שפּירט א טיפע אויפרעגונג, וואָס נאָיעט איר א גאַנצן טאָג.

זי פילט זיך אַז אַנטוישטע פון אירע קינדער... וואָס זי האָט אויס־געהאָדעוועט און דערצויגן, געוואָרן פון זיי אַלט און גרוי פאַר דער צייט... און איצט דערמאָנען זיי זיך אפילו נישט צו קומען זען, וואָס זי מאַכט און ווייזן מיט דעם אַרויס, אז איר גאַנצע מי איז געווען ווי אויפן ווינט... און דעם מאַנס רייך פאַרגרעסערן נאָך מער איר צער...

אין די ערשטע יאָרן, געדענקט זי, איז זי געווען אַזוי איבערגעגעבן מיטן האָדעווען אירע קינדער, אַז זי האָט פאַרגעסן אין אַלץ. אין זיך... אין איר מאַן, קיין זאַך האָט פאַר איר נישט עקזיסטירט. זי האָט זיך געפילט עלנט און איינזאַם דאָ אין לאַנד די ערשטע יאָרן. די אַרומיקע סביבה האָט איר נישט באַפרידיקט. זי האָט געפילט א טיפע בענקשאַפט צו דער היים, צום לעבן, ווו זי האָט פאַרבראַכט די יונגע יאָרן, און אַז עס זיינען אונ־טערגעקומען די קינדער, האָט זי זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. אַלע אירע מחשבות זיינען געווען וועגן זיי... זי האָט מיטגעלעבט זייערע ליידן און זייערע פריידן. און ס'איז אַוועק פון איר דאָס בענקעניש, די איינזאַמקייט.. יעדער טאָג האָט געבראַכט אַנדערע דאגות און אַנדערע פליכטן...

איר מאַן פלעגט איר דעמאָלט אויפוואַרפן, אַז זי האָט זיך אַזוי איבערגעגעבן די קינדער, אַז זי האָט פאַרגעסן אין אים... זי פלעגט אים אָפּענטפערן טראַציק, — אַז ער איז אַן עגאָיסט, וואָס האָט נאָר ליב זיך אַליין, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין פאָטערלעך געפיל... אַז ער קען זיין אייפערזיכטיק צוליב די קינדער...

איצט זעט זי אַרויס, אַז דאָס צופיל איבערגעבן זיך די קינדער, דאָס ציטערן און פלאַטערן איבער זיי, האָט זיי פאַרוואַנדלט אין עגאָיסטן, וואָס טראַכטן נאָר וועגן זיך... און דער איינציקער, וואָס האָט איר אָפּ־געהיט בשעת זי איז קראַנק געווען, איז געווען איר מאַן, וואָס איז אַליין א חלוש און נויטיקט זיך מ'זאָל אַרומגיין אַרום אים... ער פלעגט וואַכן איבער איר טאָג און נאַכט, און האָט געטאָן אַלצדינג ביז זי איז געקומען צו זיך און איז אַרויס פון געפאַר.

זי גיט א צייכן ער זאָל צוגיין נענטער צו איר. שטרעקט אויס צו אים אירע בלאַסע הענט פול מיט דאַנקבאַרקייט. ער בויגט זיך אַריבער איבער איר, נעמט אַריין אירע הענט אין זיינע און טראָגט זיי צו צו זיינע ליפּן.

די פלעמלעך פון אירע צערויטלטע באקן ווערן בלאסער און פאר־גייען, באקומען א ראזלעכן אפגלאנץ. זי פילט די ווארעמקייט, וואס שטראמט צו איר פון זיינע באריִרונגען, פון זיינע הייסע ליפן. זי וויל אים זאגן עטלעכע ווערטער, וואס זאלן אויסדריקן אירע פריינטשאפטס־געפילן. זי פילט זיך שולדיק קעגן אים פאר דער גאנצער צייט...

— קום, זעץ זיך אוועק נעבן מיר, — זאגט זי מיט א שטיל בעטנ־דיק קול, — איך וויל פילן דיין נאענטקייט און דיין ווארעמקייט. דאס וועט מיך שטארקן, צוגעבן מוט און אויפהויבן מיין דערשלאגן געמיט. מיר דארפן ביידע איצט אכטונג געבן איינער אויפן אנדערן — גיט זי צו מיט א רירנדיק קול און אירע אויגן ווערן פייכט. איצט זע איך איין, אז עס זיינען נישטא קיין בעסערע פריינט ווי מאן און ווייב, און פון קינ־דער איז נישטא צו דערווארטן קיין הילף... זיי האבן שוין זייער וועלט, זייער היים, זייערע דאגות און פליכטן...

ביידע זיינען געבליבן זיצן צוגעטוליעט איינער צום אנדערן. נישט באמערקט ווי די נאכט איז צוגעפאלן, א טונקלקייט האט זיך אויסגע־שפרייט איבערן צימער. זיי זיינען געבליבן זיצן אין דער פינצטער, נישט געוואלט אנצינדן קיין ליכט, וואס זאל איבעררייסן זייער נאענטקייט, זייע־רע רעיונות.

א האסטיק קלאפן אין דער טיר און דער אפקלאנג פון באקאנטע שטימען האט זיי איבערגעריסן זייערע געדאנקען. ביידע האבן זיך אוי־בערגעקוקט. די פרוי האט זיך אפגערופן מיט א ציטערדיק קול, וואס איז געווען דורכגענומען מיט עקזאלטירטער, פארכאפנדיקער פרייד.

— די קינדער זיינען געקומען מיך זען, — און א פלעמלדיקע רויט־קייט האט זיך ווידער צעשפילט אויף איר בלאס פנים.

דער מאן הויבט זיך אויף פויל און נאכלעסיק פון זיין פלאץ. זיין גאנצער פנים ווערט פארשטייפט און אנגעצויגן, ווי ער וואלט ארויפגע־צויגן א מאסקע אויף זיך. ער וויל נישט צולאזן קיין שמייכל צו באגעגענען די קינדער, וועלכע האבן זיך מישב געווען האלבער נאכט און זיך דער־מאנט אן דער מאמען.

ער צינדט אן די ליכט און גייט זיי אנטקעגן. ער שלעפט די טריט, ווי ער זאל וועלן פארהאלטן זיין פלאנטערנדיקן גאנג. ער טראכט אין זיך, אז ער וועט באלד אויסלאזן זיין פארביטערט הארץ צו זיי... אלץ וואס האט זיך אים אנגעקליבן דעם גאנצן טאג, וועט ער זיי זאגן אין די אויגן... ער וועט זיי אויסשטראפן... און ווען ער עפנט אויף די טיר, גייט אריין די ערשטע די שנור. זי איז אויסגעפוצט, אויסגעגלאנצט און אויסגעעסטראנצלט, ווי זי וואלט אקארשט אראפ פון א מאנעקין. — מסתמא געגאנגען פארברענגען — טראכט ער אין זיך און ער דרייט אפ דעם קאפ אין א זייט, וויל איר נישט ענטפערן אויף איר באגריסונג.

נאך איר, טראגנדיק א קינד אויף די הענט, גייט אריין דער זון.

ער שלייכט זיך אריין מיט שטילע פארשעמטע טריט. ער האלט אביסל אראפגעלאזט דעם קאפ, ווי ער זאל זיך פילן שולדיק. קוקט אראפ צו דער ערד.

דאס קינד, דערזעענדיק דעם זיידן, גיט זיך א ריס מיטן גאנצן כוח און שפרינגט אראפ פון טאטנס הענט. שפרייט אויס ביידע הענט־לעך פארויס און לויפט צו האסטיק צו אים, און שרייט אויס מיטן גאנצן קינדערשן עקסטאז און פארכליניעטער צאפלדיקער פרייד: זיידע! זיידע! ער ווערט נישט מיד דאס איבערצוחזרן. און זיינע קינדערשע אייגעלעך קוקן פול מיט ליבשאפט צום זיידן...

דער זיידע פילט די פוכקע קינדערשע הענטעלעך פארפלאכטן ארום זיין האלדז. דאס קינד טוליעט זיך צו אים, קושט אים אין פנים, אויפן שטערן: — זיידע! זיידע! ווי עס זאל וועלן איבערגעבן און אויסדריקן מיט די צוויי יידישע קלאנגען זיין גאנצע ליבשאפט, נאענטקייט, וואס ער פילט צו זיין זיידן...

ווי אן אייז־קריע, וואס ווערט צעשמאלצן אונטער די ווארעמע זון־שטראלן, אזוי איז זיין אנגעווייטיקט הארץ צעגאנגען פאר פרייד, ווען ער האט געהאלטן אויף די הענט דאס אייניקל, וואס האט געקוקט צו אים מיט א קינדישער אומשולדיקער ליבשאפט אין פנים אריין. מיט אמאל איז אוועק פון אים דער כעס, דער פארדרוס, די שארפע שטראפנ־דיקע רייד, וואס ער האט זיך געקליבן זאגן דעם געטרייען זון, דער אויסגעסטראנצלטער שנור.

ער איז ארומגעגאנגען מיטן אייניקל אויף די הענט און געפילט זיך אויפגעהייטערט און אויפגערוימט. זיין פארצויגן פנים, זיין אנגעשטרענג־טער בליק, איז געווארן נאכגיביק און מילד.

איצט האט ער קיינעם נישט געזען פאר זיך, נאר די קינדערשע פינקלדיקע אייגעלעך, וואס האבן געקוקט צו אים. אויפגענומען דאס שמייכלדיקע צעשטראלטע פנימל פון קינד און זיין קלינגענדיקע יונגע שטימעלע, וואס האט אים גערופן — זיידע! — און מיט דעם געגלעט דאס נאיענדיקע הארץ.

דאס אייניקל האט געקוקט צו אים אזוי תמימותדיק אין די אויגן אריין, געהאלטן אין איין טוליען זיך, ווי ער וואלט פארשטאנען און מיט־געפילט זיין צער. און מיט די איבערחזרנדיקע קלאנגען מיטן ווארט — זיידע — געזוכט אים צו טרייסטן...

זיידע און אייניקל האבן זיך איבערגעקוקט, געפילט די דערנענטע־רונג, די ליבשאפט, וואס שטראמט פון איינעם צום צווייטן און דער ענגער צוזאמענבונד, וואס פארבינדט און פאראייניקט זייערע געפילן, זייע־רע געדאנקען און ביידנס שטרעבונגען.

* *
*

פון ווייטן האָט די באָבע צוגעקוקט מיט קנאַהדיקע בליקן... זי האָט זיך געפילט צו שוואַך אויף צו קענען אַראָפּגיין פון שטול און אַרומנעמען איר אייניקל. זי האָט נאָכגעפאָלגט איר מאַן, ווי ער טראָגט מיט פרייד דאָס אייניקל אויף די הענט און זיין פּנים איז צעשטראַלט, צעיאָכמערט. זי זעט זיין לויטער געזיכט, וואָס שיינט פון נחת און ליבשאַפט. און דאָס האָט אויך אין איר דערוועקט און ארויסגערופן אַ טיפע איבערגעגאַנגענע פרייד.

דאָס פרייען זיך פון זיידן מיטן אייניקל, האָט איר אויך אויסגעזען ווי אַ שטילע באַלוינונג, פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן אירע, וואָס זי האָט זיך מקריב געווען פאַר די קינדער... יאָרן וואָס זיינען פאַריבער אין שטענדיקע דאגות, פליכטן און זאָרגן... אַן פרייד און אָן גליק... זי האָט זיך דערפילט דערמוטיקט, דערהויבן, פול מיט האָפענונג און טרייסט...

דאָס בערגל פון נצחון

(סערריטאָ דע לאַ וויקטאָריאַ)

רעפּאָרטאַזש

פאַרוואָס טראָגט די געגנט דעם סימבאָלישן נאָמען „דאָס בערגל פון נצחון"?

ווען מ'דערנענטערט זיך צו דעם פּלאַץ, וועלכער איז דער העכסטער אָרט פון דער גאַנצער שטאָט, און מ'דערזעט אויפן סאַמע שפּיץ דעם אַרויסשטאַרצנדיקן קלויסטער אין ביזאַנטישן סטיל, מיט די רונדע טורעמלעך ביי די זייטן, טיפע אַריינגענג און געוועלבטע קאָלומנעס, אין סאַמע פראָנט, וועלכע קוקן אַראָפּ גדלותדיק און גרויסהאַלטעריש... קען מען מיינען אַז דער נאָמען שטאַמט פון דעם — וואָס די קאַטוילישע פירער האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק אָפּגעקויפט דאָס העכסטע פּלאַץ פון יענער געגנט, געלאָזט אויסבויען דאָרט אַ קלויסטער און כדי עס זאָל זיך מער אונטערשיידן און אַרויסהויבן פון אַלע געביידעס וואָס געפינען זיך אין שכנות... און זאָל רופן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דורכגייער... אַרויפגעשטעלט אין סאַמע פראָנט אַ הייליקע געשטאַלט, וואָס האַלט אויסגעשפּרייט די הענט, ווי אַ פּאַסטוך, וואָס וויל צונויפזאַמלען זיין סטאַדע שאָף זיי זאָלן גיין נאָך זיין רוף, און צוליב דעם אַ נאָמען געגעבן די גאַנצע געגנט „דאָס בערגל פון נצחון".

ס'קען אויך איינפאַלן אַ געדאַנק — אַז דער נאָמען שטאַמט פון דעם, — וואָס די שטאָט צעוואַקסט זיך אַלץ מערער, ווערט גרעסער, וואַרפט אַראָפּ אַלע אַלטע געביידעס, „קאָנוועטיזשעס" און בלעכענע „ראַנטשאָס" און טרייבט אַוועק זייערע אָרימע איינוווינער הינטערן שטאָט, ווייל זיי נישט האָבן נעבן זיך הינטער דער נאָז, ווו זיי גייען שטענדיק

ארום אפגעריסן און אפגעשליסן, פארדאגהטע און אומצופרידענע... האבן די ארויסגעשטויסענע איינוווינער פארכאפט די פרייע געגנט, זיך פארשאנצט אויף די ליידיקע פלעצער און האבן אויפגעשטעלט „ראנטשאס", וואס זיי האבן אליין צונויפגעקלאפט פון אלטע בלעכן, און באשלאסן פון דארטן — נישט אפצוטרעטן, און דעריבער האבן זיי, פייערנדיק זייער זיג — א נאמען געגעבן די געגנט „דאס בערגל פון נצחון".

אין דער אמתן ווערט באשטעטיקט לויט געשיכטלעכע דאטן: אז אין דעם פארווארפענעם העק זיינען פארגעקומען פארביסענע שלאכטן מיט פרעמדע אינוואזארישע חילות וואס האבן זיך באפעסטיקט אויפן בערגל, און זיינען שפעטער אומגעריכט אטאקירט געווארן פון די נאציאנאלע כוחות, ארויסגעשטויסן געווארן פון געגנט לוידנדיק א וויסטע מפלה... און ווען די היגע פאטריאטן האבן ארויפגעצויגן די פאן אויפן סאמע שפיץ, האבן זיי פייערנדיק זייער טריומף, א נאמען געגעבן דעם געגנט — „דאס בערגל פון נצחון".

באלד פון באגינען, ווי עס מערקט זיך נאר א שפראץ אויפן טאג, הויבט זיך אן אין געגנט א לעבהאפטע באוועגונג, וואס האלט אן א גאנצן טאג און ציט זיך ביז שפעט אין דער נאכט.

ארבעטער, האלב־פארשלאפענע, וואס פילן נאך די ווארעמקייט פון זייערע געלעגערס אויף זייערע נישט־אויסגערוטע גלידער, איילן זיך, לויפן מיט גיכע טריט צו דער ארבעט, כדי זיי זאלן חלילה נישט פארשפעטיקן צו דער באשטימטער מינוט. זייערע טונקל־בלויע ארבעטס־קליידער שאפן א קאנטראסט מיט דעם העלן פרימארגן־ליכט, וואס פאלט באלכסונדיק אויף זיי, אויף די ליימענע שטיבלעך, וועלכע קוקן ארויס טרויעריק און פארכמורעט, אויף די בלעכענע „ראנטשאס", וואס שטייען איינגעבויגענע און פארזשאווערטע פון ווינט און רעגן. די העלע זון־שטראלן פאלן אויף די פארזשאווערטע בלעכן און באזילבערן זיי, באלויכטן זיי מיט א העלן שימערירנדיקן גלאנץ און עס באקומט זיך א וואנדערלעכע קאמבינאציע פון אלערליי פארבן און אויסטערלישע משונהדיקע פיגורן, און עס מאכט דעם איינדרוק, אז דאס זיינען נישט קיין איינפאכע ווענט — נאר פוטוריסטישע געמעלן, אויסגעשטעלט אונטערן פרייען הימל, כדי עס זאל באוואונדערט ווערן פון יעדן דורכגייער.

די איינוווינער פון די שטיבלעך באמערקן עס נישט, ווייל מען זעט זיי ארויסגיין פון אינעווייניק נישט אומקוקנדיק זיך אפילו... די פוטוריסטישע געמעלן ליגן זיי נישט אין זינען... זיי הויבן זיך אן פארען ביי די קליינע הילצערנע וועגעלעך, וואס שטייען נעבן די אפענע טירן. די וועגעלעך קוקן אריין מיט אנגסטלעכער דערווארטונג צו די שטיבלעך אינעווייניק.

איינזאמע און פארלאזענע, שרעקן זיך די וועגעלעך פאר דער פינצטערניש, וואס רינגלט זיי ארום אין די לאנגע נעכט, צעלייגט זיך אין זייערע צע־

עפנטע פיר־קאנטיקע קאסטנס, און דעריבער ווארטן די וועגעלער מיט אומגעדולד, אז די באלעבאטים זאלן זיי נעמען אין די הענט און לאזן זיך מיט זיי אין גאנג.

די וועגעלעד ווערן פון זיי אליין צונויפגעשטעלט. די אייגנטימער זייערע, שפאנען זיך אליין איין אין זיי, ווי די ריקשעס אין כינע... און הויבן אן גיין זייער שטענדיקן מארשרוט.

דאס זיינען די „ביטשיקאמעס", תושבים פון דער געגנט, אלטע מיוחסים, אפגעריסענע, פארלאזטע, פארוואקסענע, מיט ארומגעוויקלטע שמאטעס ארום זיך, גייען זיי ביי די זייטן פון די גאסן, אפטרעטנדיק דעם מיטן גאס פאר גרעסערע מיוחסים, פאר די גלאנציקע אויטאס, וואס פארהילכן די לופט מיט זייער הייזעריקן רעווען. דאס ריטשען זיי פאר כעס, וואס די וועגעלעד פלאנטערן זיך נעבן זיי און פארשטעלן זיי דעם וועג...

די „ביטשיקאמעס", גייען לאנגזאם, מיושבדיק, ווי קיין זאך וואלט זיי נישט אנגעגאנגען. זיי שטעלן זיך אפ ביי די בלעכן מיסט, וואס שטייען צעשטעלט פוןביידע זייטן טראטוארן און ווארטן אויף זיי. זיי הויבן אן ראיען אינעווייניק און ווי געניטע פאכמענער, סורטירן זיי יעדע שטיקל „סחורה" באזונדער — פאפירן, פלעשער, בלעכענע קאנסערוון־פושקעס, אלטע שמאטעס, — אלץ ווערט זארגפעליק צעטיילט באזונדער און אריינגעשטאפט אין זעק. דערנאך, אז זיי זעצן אפ דאס ביסל צונויפגעקליבענע „סחורה", וואס זיי קריגן פאר דעם א שיבוש, גייען זיי שוין צוריק אהיים, שטופן די ליידיקע וועגעלעד געשווינדער.

די רעדלעד, וואס זיינען באשלאגן מיט באנד־אייזן, צעסווישטשען זיך מיט אמאל מיט א פארכליניעטער שטיפערישער פרייד. זיי זיינען צופרידן, וואס די באלעבאטים האבן שוין דערליידיקט זייער ארבעט, וועלן זיין פריי... און זיי וועלן נישט דארפן פירן אויף זיך אזעלכע חפצים פון וועלכע דאס וועגעלע ווערט אנגעפילט פון שטויב און שמוץ און עס טראגן זיך שווערע איבלדיקע ריחות.

שפעטער קומען זיי זיך צונויף גאנצע גרופעס, זיצן אויף הילצערנע קעסטלעד אין דרויסן פאר די טירן און שמועסן געמיטלעך צווישן זיך. ציען בשעת־מעשה די ביטערע מאטע, וועלכע גייט איבער פון האנט צו האנט, און קוקן מיט גרינגשעצונג און באדויערן צו די ארבעטער, וואס גייען צוריק פון דער ארבעט מידע און אויסגעמאטערטע.

די טיפע שטיין־גריבער, וואס שטייען פארלאזט און פאראיינזאמט, אין דער געגנט, גיבן צו וויסן, — אז מיט א צייט צוריק איז די גאנצע געגנט דא געווען וויסט און פוסט. מען פלעגט נאר הערן דאס קנאלן און אויפרייסן פון דינאמיט, וואס האט געלעכערט און געשפאלטן די שטיינערנע שיכטן. די פעלדזן־שטארקע ווענט פלעגן זיך צעפאלן און צעקרישלען אויף פיצלעך און פארוואנדלט ווערן אין זאמד, זשוויר און

קליינע שטיינדעלעך, וואס די ארבעטער פלעגן עס צעפירן אויף קליינע וואגאנעטקעס צו די לאסט־אויטאס, וואס זיינען געשטאנען גרייטע מיט זייערע צעעפנטע קאסטנס אויפצולאדעווען און צופירן עס צו די געביידעס וואס האלטן זיך אין בוען.

אינעווייניק, אין די שטיין־גריבער, פלעגן די ארבעטער אויסזען ווי קליינע באשעפענישן, ליליפוטן, וואס האבן זיך פארנומען אומצוברענגען דעם ריזיקן שטיינערנעם גיגאנט, רייסן פון אים שטיקער און ווילן אים צעפיצלען.

באלד ווי עס ווערט טונקל, באווייזן זיך צווישן די שמאלע געסלעך פארדעכטיקע פארשוינען, פארפאלגטע פון געזעץ, ליגן זיי אויסבאהאלטן א גאנצן טאג און קריכן ארויס פון זייערע באהעלטענישן, ווי חיות פון זייערע נארעס, און גרייטן זיך ווידער צו זייער ביינאכטיקער ארבעט. זיי קוקן פון א זייט, פארשן דעם גאנצן שטח, ווו זיי גייען, מיט זוכנדיקע בליקן, צו דערשנאפן אויב עס לויערט אויף זיי א געפאר. מיט דער טונקלקייט פון דער נאכט פילן זיי זיך זיכערער. זייערע פארזיכטיקע טריט שפאנען פעסט און דרייסט. די פייערלעך אין זייערע אויגן צעבלינצלען זיך ווי ביי א רויב־פויגל, וואס דערשפירט זיין רויב פון ווייטנס, און גרייט זיך צו ווארפן אויף זיין קרבן...

ביינאכט באקומט די געגנט א מאנאטאנעם אויסזען, און דער סימבאלישער נאמען — דאס בערגל פון נצחון — קלינגט ווי א גראטעסק און א חוזק, אנטקעגן דער גאנצער שטאט, וואס מען זעט פון ווייטן — א ליכטנדיקע און א רוישיקע...

די האלב פינצטערע גאסן ווארפן אן א פחד... די צעעפנטע מיילער פון די פארלאזטע שטיינגרובנס שלינגען גיריק די באנאכטיקע פינצטערניש. דאס ווילן זיי סימולירן און פארשטעלן די טיפע שפאלטן פון די צעקרישלטע ווענט, די שארפע שפיצן פון די ארויסשטארצנדיקע שטיינער, וואס זעען אויס, ווי אויפגעריסענע ווונדן. די שווארצקייט איז דא געדיכט, מיט דער האנט אנצוטאפן, און אין דער שטילקייט פון דער נאכט דרינגט ארויס פון די טיפענישן א פארטויבטער גערויש, א פארשטיקטער עכא. דאס דערמאנט די אוראלטע צעפראלעוועטע ווינטן, וואס האבן דא געבושעוועט פראנק און פריי... צעשטערט אלץ וואס זיי האבן אנגעטראפן אויפן וועג... און זיינען דערנאך איינגעהאמעוועט געווארן אין זייער ווילדן געלויף, איינגעפרעסט געווארן צווישן די ריזיקע שטיינער, וואס האבן געשפאלטן די צעבושעוועטע ווינט־כוואליעס און געבליבן איז נאר א פארשטיקטער ווידערקול...

אויפן העכסטן פלאץ, ווו עס שטייט דער קלויסטער מיטן הייליקנס געשטאלט, ווערט אנגעצונדן ליכט, וואס באשטראלט זיין בלאס געזיכט. דאס ליכט איז געמאכט אין פארעם פון א דארן מיט שארפע שפיצן, וואס שלאגט אריין אין א רויטלעכן קאליר... דאס איז א רמז פון די ליידן,

וואָס דער הייליקער האָט געדאַרפט נעמען אויף זיך אָפּצוקומען פאַר אַלעמענס זינד... דאָס טאָפּלטע ליכט שאַפט אַ דיסאָנאַנס אין טונקעלן אַרום, וואָס קוקט זיך צו מיט חידוש און פאַרווונדערונג צו דעם העלן שטראַליקן ליכט, וואָס באַצירט זיין קאָפּ און שיינט, ווי אַן אַרעאָל אויף זיין שטערן. מיט דעם טונקעלן רויטלעכן ליכט פון די דערנערדיקע שפּיצן, וואָס קאַפּען אַראָפּ ווי רויטע בלוט־טראָפּנס פון טיפע ווונדן... די בלוט־טראָפּנס דערמאָנען די ליידן און די פּייניקונגען, וואָס דער געקרייציקטער האָט געהאַט אויסצושטיין... און וועקן צו האַס, שנאה און נקמה...

אינעווייניק, פון די הויכע געוועלבטע סופיטן און די דיקע שטיינערנע ווענט, פון די טונקעלע אַלטאַרן, וויעט מיט אַ שאָטנדיקער רואיקייט און אַ הייליקער שטילקייט, וואָס קילט אָפּ די צערייצטע געמיטער פון די אַריינגייער און באַזוכער... וואָס שטויסן זיך אָן אין סאָמע פּראָנט מיט דעם בלוטיקן דערנער־קראַנץ... די אַריינגייער קניען מיט הכנעה, און בעטן מחילה פאַר זייערע זינדיקע מחשבות...

די שיין פונעם קלויסטער באַלייכט די גאַנצע געגנט, שפּרייט זיך אויס אויף די שמאָלע געסלעך, אויף די ליימענע הייזקעס, וואָס ווערן באַגאָסן מיט אַ זילבערנער שיין.

פון וויטן זעט מען די גאַנצע שטאָט מיט אירע הויכע געביידעס און מיט איר בליציקע ליכט־לאָמפּן פון אַלע קאָלירן, וואָס צינדן און פאַרלעשן זיך אָן אויפהער, ברענען ווי אָנגעצונדענע פאַקעלן, וואָס מ׳האָט אַרויפגעשטעלט אויף די העכסטע שפּיצן פון די מויערן. ווי אַ צייכן פון יום־טובדיקער פרייד, וואָס האָט זיך צעכוואַליעט איבער דער שטאָט מיטן אָנקומען פון דער נאַכט...

דער ווייטער גערויש שפּילט אויס אַ זינגענדיקן ריטעם, שאַפט דעם אַריינפיר צו דעם שפּילנדיקן מאַרש, וואָס די גאַנצע שטאָט מיט אירע איינוווינער וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין אַ וויגנדיקן טאַנץ פון לוסט און פרייד...

די נאַכט־לאָקאַלן ווינקען מיט די רויטע ליכטער פון זייערע האַלב־טונקעלע סאַלאָנען...

די ליכט־רעקלאַמעס פון די קינאָ־הייזער שרייען אַראָפּ פון די ווענט מיט רייצנדיקע געשטאַלטן פון האַלב־נאַקעטע פרויען, וואָס קאָקעטירן אין אינטימע, פרעכע פּאָזעס, מען זעט אויך צעקרימטע דעגענערירטע פּנימער פון גענגסטער מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן, וועלכע רופן דעם דורכגייער.

אין די קינאָ־הייזער, אין וועלכע דער שטאָטישער מענטש קומט זוכן צעשטרייונג און פאַרווייַלונג, טרעפט ער אָן אויף יעדן ראָג און יעדער געגנט מיט די אַפּישן זייערע וואָס רעקלאַמירן זייערע סחורות אויפן קול — ביי אונדז געפינט איר שטענדיק אויפן לאַגער די שענסטע בילדער פון מאָרד, ליידנשאַפט און זנות. פונקט ווי די גלאַדיאַטאָרן קאַמפן

אין אַמאַליקן רוים האָבן צופרידן געשטעלט די נידעריקע אינסטינקטן
פון דעם צעווילדעוועטן המון, וואָס האָט געפאָדערט „ברויט און פאַר־
ווײַלונג”, אַזוי ווערט געזעטיקט דער מאָדערנער מענטש מיט די ברוטאַלע
אָפּשטויסנדיקע מאָרד־סצענעס פון די קינאָ־בילדער, וואָס צעשרויפּן נאָך
מער זיינע צעשרויפּטע נערוון, וועלכע גאַרן נאָך רו, און די פּיקאַנטע
ליידנשאַפטלעכע עראָטישע סצענעס, וואָס די פילם־מאַגנאַטן זוכן אוי־
בערצושטייגן איינער דעם אנדערן, מאַכן אראָפּנידערן דעם צושויער, פאַר־
טונקלען זיין געדאַנק און לאָזן פריי זיינע אינסטינקטן...
די טענער פון דזשאַז, וואָס צעהילכן זיך איבער די גאַסן, פאַרטויבן
די לופט מיט זייערע הייזעריקע כריפּענדיקע קולות. דאָס באַגלייטן זיי
צום טאַקט, דאָס אויפגעוואַכטע נאַכט־לעבן וואָס איז איצט אין פולן גאַנג
אין שטאָט... מיט זייערע פאַרטויבנדיקע קולות ווילן זיי פאַרשרייען פאַר־
באָרגענע זאַכן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן נאָך האַלבער נאַכט אונטער דער
שוץ פון דער פינצטערניש, וואָס דעקט אַלץ צו און פאַרשטעלט...
די פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, און שטייען איצט מיט
פאַרלאָשענע קוימענס, פאַרדימיונט אין אַ טיפן דרימל, וועקן זיך איבער
פון די סקריפּנדיקע דזשאַז־טענער, קוקן מיט וואונדער פון זייערע טונ־
קעלע פענצטער אויף דעם קאָך און טומל, וואָס הויבט זיך איצט אָן אין
דעם אַריסטאָקראַטישן מאָדערנעם טייל פון שטאָט ווי עס וואָלט איצט
טאָג געוואָרן... אין דער צייט ווען די וואָס אַרבעטן אין די פאַבריקן
רוען אויף זייערע געלעגערס, שלאָפן איצט מיט אַ מידן שלאָף נאָך זייער
פאַרמאַטערטן טאָג אַרבעט, און די ליידיק־גייערס, וואָס הוליען איצט,
איז נישט נאָר וואָס זיי פוילענצן אַ גאַנצן טאָג, שטערן זיי איצט דעם
שלאָף פון די וואָס דאַרפן רו...
אויף די צענטראַלע גאַסן, ווו עס געפינען זיך די גרויסע לוקסוסדיקע
געשעפטן מיט די ריזיקע שוי־פענצטער, איז דאָס ליכט שטאַרקער און אָנ־
זעעוודיקער. די מאַטע שיין וואָס פאַלט פון די פיל העננ־לאָמפּן, גיסט זיך
ווי אַ ליכטיקער פאַנטאַן אין אַלע זייטן. דאָס האָבן די הויכע באַהערדן
פון שטאָט נישט געקאַרגט און זיך באַמיט, אַז די הויפּט־גאַסן זאָלן זיין
באַלויכטן מיט דער גאַנצער פראַכט און גלאַנץ...
אויסגעפּוצטע פרויען, שפּאַצירן איבער די גאַסן, מיט אַ ווינגנדיקן
גאַנג, ווינקען מיט זייערע אַריבערגעוואָרפענע היפטן, אײַנגעצויגענע
טאַליעס און אַרויסגעשטעלטע ביוסטן, וואָס וועקן און צינדן באַגערן...
זייערע זיידענע געפאַלדעוועטע קליידער גיבן אַרויס אַ שטילן שורשנדיקן
גערויש, ווי זיי זאָלן רופן מיט פליסטערנדיקע קולות די דורכגייער, וואָס
באַמערקן זיי נישט, זעען נישט זייער עקסטראַוואַגאַנץ און פרויען־רייץ...
זייערע ערנסטע פּנימער קוקן פאַרויס, פאַר זיך, פאַרטראַכט, ווי זיי וואָלט
גאָרנישט אָנגעגאַנגען אַלץ וואָס טוט זיך אַרום זיי, נאָר זייערע בולטע
ווינגנדיקע גלידער רעדן מיט זייער שפּראַך, און כאַפּן אויף מיט צו־

פרידנקייט יעדן לויב־וואָרט, וואָס ווערט געוואָרפן אויף זייער חשבון... זייער וויגנדיקער גאַנג ווערט באַגלייט מיטן קלינגען פון די נאָכהענגענ־דיקע בראַסלעטן אויף זייערע הענט, מיטן באַמבלען פון די גרויסע רע־דלדיקע אָוירינגלעך, וואָס וואַרפן זיך אויף ביידע זייטן, קלאַפן צו צום טאַקט נאָך זייער ריממישן גאַנג. דאָס ליכט, וואָס שטראָמט פון אַלע זייטן, ווערט געבראָכן דורך דעם שאַרפן בליאַסק פון זייערע צירונגען, וואָס זיי טראָגן אויף זיך.

פון די אַדורכפאָרנדיקע אויטאָס, וואָס גליטשן זיך פאַרביי, קוקן אַרויס פון די הינטערשטע פּלעצער פרויען מיט גרויסהאַלטערישע פּאָזעס צו די דורכגייער. זייערע בליקן פול מיט גדלות זאָגן מיט חשיבות און פּאָריסנקייט — מיר שטייען העכער פאַר אייך! אַט זיצן מיר ווי די פּריצים און איר דאַרפט גיין צופוס...

דאָס העלע ליכט פון שטאָט פאַלט אויך אויף דער ווייטער געגנט, וואָס הייסט — „דאָס בערגל פון נצחון"... עס דערגרייכט אַהער אַ בלאַסער שיין, וואָס באַלייכט די שמאָלע געסלעך און די באַשאָטנטע הייזקעס... און עס קומט פאַר אַ שטילער קאַמף — מען זעט די גאַנצע שטאָט אַנט־קעגן אַ באַלויכטענע, אַ יום־טובדיקע, מיט איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ. דאָס העלע ליכט, ווי שפּיאָנירנדיקע רעפלעקטאָרן זוכט און נישטערט צווישן די פאַרוואָרפענע הייזער, זוכט פאַרבאַהאַלטענע פּיינט... וואָס האָבן זיך פאַרשאַנצט און פאַרפעסטיקט הינטער די בלעכענע „ראַנטשאָס", צווישן די טונקעלע ליימענע שטיבלעך, וואָס זעען אויס ווי טיפע שוץ־גראָבנס...

די זוכנדיקע רעפלעקטאָרן פון דעם רייכערן טייל שטאָט, האַלטן אויפן אויג די געפערלעכע געגנט — „דאָס בערגל פון נצחון", ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע אַרויסגעשטויסענע, אַנטלאָפענע און אומ־צופרידענע... פאַר מורא פון אַן אומגעריכטער אַטאַקע, וואָס קען קומען, אויסברעכן פון דעם טייל שטאָט אַנטקעגן דעם צווייטן... דעם אַריסטאָ־קראַטישן, דעם רייכערן.

דאָ איז דער געגנט, איז איצט רואיק און שטיל. אַלץ איז פאַרזונ־קען אין באַנאַכטיקער רו. די גרעסטע טייל איינוווינער פון דאָנעט, וואָס זיינען אַרבעטער, טאָגלוינער, — רוען איצט, נעמען זיך אָן מיט נייע כו־חות צום מאָרגנדיקן טאָג.

דאָס איינציקע פּלאַץ, אין דער געגנט, וואָס איז שטאַרק באַלויכטן, איז דער קלויסטער... דעם הייליקנס געשטאַלט, וואָס זעט איצט אויס בלאָס און אָפּגעצערט, ווייל פאַרשטעלן דאָס שרייאיקע ליכט, וואָס קומט פון דער צווייטער זייט שטאָט... ער וויל אויך מיט זיינע אויסגעשפּרייטע הענט צוריקשטויסן די חוצפּהדיקע, פרעכע קלאַנגען פון לוסט און פרייד, וואָס דערגרייכן אַזש אַהער און וועקן ביי די אָרעמע איינוווינער קנאה און אומ־צופרידנהייט... זיין רחמנות־פּנימל שעפּטשעט, — אַז מען דאַרף זיין געהאָרכזאַם, אָננעמען אַלץ מיט ליבשאַפט און הכנעה...

צווישן דער ארומיקער טונקלקייט, און טיפער שטילקייט פון דער נאַכט, שלאָגט אַפּ דער שאַרפער קאָנטראַסט פון הייליקנס געשטאַלט — דער פאַרבלוטיקטער דערנער־קראַנץ, וואָס באַצירט זיין בלאַסן שטערן רופט די אויפמערקזאַמקייט פון די דורכגייער, וועקט צו רציחה... צו רשעות און האַס... דאַקעגן זיין ליידנדיק־אויסגעמאָגערטע געזיכט מיט די אויסגעשפּרייטע הענט, זוכן איינצושטילן די אומצופרידענע, די אַרויס־געשטויסענע... די אָרעמע איינוווינער פון דער געגנט „דאָס בערגל פון נצחון”...

דער לוקסוסדיקער אויטאָ

נאָך דעם ווי מאַוריסיאַ שאַלקינס זון איז צוריקגעקומען פון דער הכשרה, אַן אָפּגעברענטער, אַ שווייגעוודיקער, אַ פאַרטראַכטער אין זיך, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ שטילן סוד אין האַרצן, אַ הייליקן סוד, וואָס האָט אים געוואַרעמט, אָנגעפילט זיין וועזן מיט אַ פאַרבאָרגענער פרייד, אים צוגעגעבן מוט און אויסדויער אויף צו קענען אויסהאַלטן דעם שווערן פאַרביטערטן קאַמף מיט די עלטערן, מיט דער סביבה, האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע, געשטאַנען גאַנצע טעג און געפּאַקט די זאַכן, וואָס ער וועט דאַרפן מיטנעמען אין וועג אויף דער ווייטער נסיעה.

ער האָט זיך פאַרמאַכט אויף גאַנצע טעג ביי זיך אין צימער, זיך אָפּגעשלאָסן פון דעם אַרום, ווי ער זאָל זיך וועלן אָפּזונדערן און דערווייטערן פון אַלץ, וואָס וויל זיך אים שטעלן אין וועג... פון די פריינט און קרובים, וואָס האַלטן אים אין איין אויסריידן, וואַרפן אים אויף פאַר וואָס ער פאַרט אַוועק און לאָזט איבער אַזאַ גוטס, אַזאַ שפע, און זיי רופן אַרויס מיט דעם אַ ווידערגעפיל און ער קען עס נישט פאַרטראָגן, אויפנעמען רואיק זייערע שטראָפנדיקע רייד. דער מאַמעס געוויינען, דעם טאַטנס דראָונגען זעען אים אויס עגאָיסטיש און קליינלעך אַנטקעגן אַ אידעאַל, וואָס ער טראָגט אין זיך...

די חברים וואָס זיינען געקומען צו אים, זיינען געזעסן לאַנגע שעהן מיט אים אין זיין צימער, געשמועסט צווישן זיך מיט שטילע שושקענדיקע שטימען, אים באַגלייט די גאַנצע צייט, ווי זיי וואָלטן וועלן מיט זייער אַנוועזנהייט אים מוטיקן, אַרויסווייזן זייער פאַרערונג צו אים, זייער טיפן אָפּשיי און דרך־ארץ, וואָס ער האָט באַוויזן אַלץ איבערצושטאַרקן און גרייט זיך עולה צו זיין, און וועט האָבן די זכיה זיך צו פאַרייניקן מיט די חברים, וואָס וואַרטן אויף אים אין ווייטן נגב, כדי געמיינזאַם העלפן בויען דאָס לאַנד...

*　　*

*

וואָס מער עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון זיין אָפּפאָר, איז מען אַלץ מער צוגעשטאַנען צו אים, פּרובירט אים אָפּריידן, און דאָס האָט אים געמאַכט דענערווירן און אויפרעגן.

ס'איז אים שוין געווען דערעסן דעם טאַטנס איינטענהן מיט אים, דאָס ווען אים אָפּהאַלטן פון פאָרן קיין ארץ, אים צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אַבי ער זאָל בלייבן דאָ מיט אים. ער פלעגט גאָר נישט ענטפערן אויף די אַלע רייד, געשוויגן פאַרעקשנט, ווי ער זאָל נישט געפינען פאַר נויטיק...

נאָר טיף אין הארצן האָט ער באַדויערט זייערע לעבערלעבע נישטיקע אַרגומענטן, וואָס ווילן אויסהאַנדלען זיין אידייע אויף קליינגעלט, צוזאָגנדיק אים פאַר דעם מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן און לוקסוסדיק לעבן.

מאַוריסיאָ שאַלקין איז געשטאַנען אין האַלב־פינצטערן סאַלאָן פון זיין פאַבריק, ווו די מאַשינען האָבן פאַרהילכט די לופט מיט אַ פאַרטויבנדיקן גערויש, ווי זיי, די מאַשינען, וואָלטן פאַרגעזעצט מיט זייער שטענדיקן טומלדיקן געפּילדער, פאַרשטייען נישט וואָס זייער באַלעבאָס נעמט זיך אַזוי צום הארצן פון זיין זונס אַוועקפאָרן, קוקן צו אים פאַרחידושט מיט זייער קאַלטן שטאַלענעם בליאַסק, וווּנדערן זיך פון זיין אומעטיקייט און פאַרטראַכטקייט און זוכן אים צו צעשטרייען, אים אָפּצוציען מיט זייער פרייליכן שטאַלענעם געקלימפּער... אויסשרייענדיק צו אים נאָכאַנאַנד אויף זייער הוזשענדיקער שפּראַך, אַז זיין פאַרמעגן פאַרגרעסערט זיך כסדר, זיי רוען קיינמאָל נישט, אַרבעטן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת און פאַרגרעסערן מיט דעם זיין עשירות...

מאַוריסיאָ שאַלקין האָט איצט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם גערויש פון די מאַשינען, געקוקט צו די ערנסטע, פאַרטראַכטע פּנימער פון די אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען איינגעבויגענע ביי דער אַרבעט, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אַרבעטער קוקן פאַר זיך מיט אַ באַהאַלטענער פרייד, וואָס זיי האָבן דערלעבט אין אים אַ נקמה...

ער כאַפּט אויף אַ סך מאָל, ווי זיי שושקען זיך איינער מיטן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן חוזקן פון אים, שמייכלען שפּאָטיש און ווען ער דערנענטערט זיך צו זיי, ווערן זייערע פּנימער ערנסט און פאַרגליווערט. עס קומט אים פאָר, אַז די אַרבעטער לאַכן פון אים, וואָס ער האָרעוועט אַזוי, קערט וועלטן און דער זון זיינער מאַכט פון אים אַ חוכא־וטלולא, לאָזט איבער אַלץ און פאָרט גאָר אַוועק אין אַ קיבוץ, ווי ער זאָל וועלן מיט דעם באַווייזן, אַז זיין טאַטנס גאַנצע האָרעוואַניע פון אַזוי פיל יאָרן איז געווען איבעריק און נוצלאָז...

ער האָט נישט געקענט רואיק איינשטיין אין פאַבריק. דער מאָנאָטאָנער, איבערחזרנדיקער טומל פון די מאַשינען, האָט אים אויפגערעגט און דענערווירט.

ער האָט אויך נישט געקענט אויפנעמען אַ צווייטנס רייד, די רייד פון די אַרבעטער, אַנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך אַלע ווילע געווענדעט צו אים מיט אַן אַנדערן ענין. דער נאַיענדיקער געדאַנק פון זונס אוועקפאָרן האָט פאַרנומען אינגאַנצן זיין רעיון, האָט אָפּגעשטויסן אַלע אַנדערע מחשבות, וואָס האָבן אים איצט אויסגעזען מינדערוויכטיק אַנטקעגן דער גרויסער באַליידיקונג, וואָס דער אייגענער זון וויל באַגיין קעגן אים מיט זיין אוועקפאָרן, מיט זיין פאַרלאָזן די רייכע היים, ווי ער זאָל טאַטע־מאַמע טאָן מיט דעם צו להכעיס, מאַכן פון זיי דאָס גענאַר..

געטראַכט האָט ער לעצטנס, אַז ער וועט אין גאַנצן איבערגעבן די פאַבריק דעם זון, ער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ער פילט זיך לעצטנס מיד און אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ וויטן, לאַנגן וועג און דאַרף רוען... פון יעדער קלייניקייט רעגט ער זיך לייכט אויף, שפּרינגט פון דער הויט און יעדע מינדעסטע זאַך ליגט אויף אים ווי אַ האַרב אויף די פּלייצעס, ווי אַן אומגעהויערע שווערע משא, וואָס ער אַליין איז נישט בכוח צו טאַשטשען אויף זיינע אויסגעהאָרעוועטע אַקסלען, וואָס בויגן זיך אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס ציט אים צו דר'ערד.

ער האָט אויסגערעכנט, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך צוריקציען פון אַלץ און ער וועט קענען לעבן רואיק און מיט אַמאָל האָט דער זון זיינער, וואָס ער האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען אויף אים, איבערגעקערט אַלץ קאַפּויער מיטן קאָפּ אַראָפּ, זיך אַריינגענומען אַ פאַרעקשנטן געדאַנק וועגן אוועקפאָרן, וואָס האָט צעשטערט אַלע זיינע פּלענער און אויסרעכענונגען...

און שטייענדיק אַזוי פאַרטראַכט אין פאַבריק, האָט ער זיך געגעבן אַ קלאַפּ אין שטערן, צופרידן פון דעם פּלוצלימדיקן איינפאַל, וואָס איז אים מיטאַמאָל געקומען.

ער האָט שנעל פאַרלאָזט די פאַבריק, זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אים נעבן דער טיר, און אָנגעהויבן פאָרן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט, ווי ער זאָל וועלן עפּעס אַניאָגן, דעריאָגן אַזאַ זאַך, וואָס וויל פון אים אַנטלויפן און ער באַמיט זיך עס צו דערכאַפּן, פאַרהאַלטן.

די סירענע פון אויטאָ האָט כסדר געפייפט, געבייזערט זיך מיט אַ ירגזון, ווי ער זאָל מעלדן פאָרויס און וואָרענען מ'זאָל מאַכן פריי דעם וועג — ער גייט וועגן אַ וויכטיקן דרינגענדיקן ענין...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויס געשעפט מיט ריזיקע שפּיגלדיקע שויפענצטער, וואָס האָבן שימערירט פון בלישטשענדיקער געשליפנקייט און שפּיגלדיקער ריינקייט, און פון די ווינקלען האָבן אַרויסגעבליאַסקעט די באַגילדעטע ראַמען פון די שויבן, וואָס האָבן געפינקלט אין אַ רויטלעך־פייערדיקן גלאַנץ אַנטקעגן דער זון.

ער איז אַריין אינעווייניק, געטראָטן מיט יראת־הכבוד אויפן

גלאַנציקן געוועקסטן פּאַרקעט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן מיט זיין יעדן טראָט אַ רוישיקן סקריפּ, וו ס'זאָל מיט דעם סקריפּ אויפמערקזאַם מאַכן יעדן אַריינגייער, אַז דאָ געפינט זיך די פאַרטרעטונג פון דער גרויסער פירמע, וו מען קען קריגן די שענסטע לוקסוס־אויטאָס פון דער בעסטער קוואַליטעט ,מיט די נייסטע אולטראַ־מאָדערנע איינריכטונגען.

אין פראָנט איז געשטאַנען איינער אַלס מוסטער, געשטאַנען באַלכסון, אין דער קרים ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען צו שטיין גלייך מיטן סאַמע פראָנט און אַרויסקוקן צו אַלע פשוטע דורכגייער, סתם־מענטשן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט האָבן די זכיה צו פאָרן אויף אים, געגלאַנצט מיט גאַוודיקער פּאַריסנקייט פון זיינע באַניקלטע טיילן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ העלן אָפּגלאַנץ פון צעגאָסענעם זילבער און אַרויסגעוונקען פון אינעווייניק מיט אָן אַ שיעור אויטאָמאַטישע קנעפּלעך.

אויף דער פאָדערשטער זייט, אויף אַ סאַמע אָנזעעוודיקן אָרט איז געהאָנגען אַ בראָנזן פירקאַנטיק שילדל, וו עס איז געווען אויסגעקריצט אין רעליעף די באַרימטע מאַרקע פון אויטאָ, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס די טייערסטע און לוקסוסדיקע, וואָס נישט יעדער איינער קען דער־גרייכן צו דעם און אַז דאָס איז נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר גרויסע מיוחסים...

מאַוריסיאָ שאַלקין איז געוואָרן ערנסט. געגעבן צו פאַרשטיין מיט זיין קוק, אַז ער וועט נישט נאָכגעבן, ניט געוואָלט נעמען אין אַכט ווען דער פאַרקויפער האָט אים פרובירט איידל אָנמערקן, אַז ער דאַרף וואַרטן אויף דער ליסטע פון די פאַרשריבענע, וואָס מוז גיין לויט דער ריי. מאַוריסיאָ שאַלקין האָט געענטפערט מיט אַ שטרענגן טאָן, — אַז עס איז אים אומעגלעך צו וואַרטן, — אַז דאָס איז פאַר אים אַ דרינגנדיקער ענין... עס גייט אים אין לעבן, אַז דער קויף זאָל געמאַכט ווערן היינט. ער וועט באַצאָלן מיט אַן עודף, און די טראַנזאַקציע איז געשלאָסן געוואָרן כהרף־עין.

ער האָט געלאָזט דעם אַלטן אויטאָ שטיין און גלייך זיך אַריינגע־זעצט בהרחבהדיק אין נייעם, און איז געפלויגן מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט, אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט אַ זינגענדיקן פייף, דער פייף, וואָס איז געווען אַנדערש פון אַלע, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ טריומ־פירנדיקן שאַל...

ער איז געלאָפן פאַרויס, געגעבן אָנצוהערן די אַלע פאַרנדיקע אוי־טאָס, וואָס זיינען געפלויגן פון ביידע זייטן, אָפּגעשאָסענע, אָפּגענוצטע און אָפּגעבליאַקעוועטע, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט און אונטערגע־שפּרונגען, ווי אַלטע, הינקנדיקע פערד און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ הייזע־ריק כאַרכלענדיק רעווען, — אַז עס שטייט אים נישט אָן צו פאָרן גלייך מיט זיי...

דער פרייליכער שאַל, וואָס איז געווען ווי אַ פּרעלודיע צו אַ טריומ־

פירנדיקן מאַרש, וואָס דאַרף באַלד אויסגעשפּילט ווערן, האָט אויסגע־שריגן בקול רם — מאַכט אַ וואָרע! טרעט אָפּ דעם וועג פאַר דעם לוקסוס־דיקן אויטאָ! די פאַרשפּיצטע, באַזילבערטע שיין־וואָרפער, וואָס זיינען געווען פאַריסן און פאַרצויגן און האָבן אויסגעזען, ווי שפּיציקע הערנער פון אַן איינגעשפּאַרטן ביק, האָבן גענעבן אַנצוהערן, — אַז זיי וועלן קיינעם נישט דורכלאָזן דעם וועג.

מאַוריסיאָ שאַלקין האָט זיך געאיילט וואָס גיכער אַנצוקומען אַ היים, אויפגעכאַפּט מיט הנאה דעם גלעטנדיקן רויש פון מאָטאָר, וואָס האָט אים אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן, ווי דאָס צאַרטע שורשען פון אַ זיידענער פרויען־קלייד. דאָס האָט דער אויטאָ אויסגעדריקט זיין פאַרבאַ־האַלטענע פרייד, וואָס זיין מיסיע איז אַ דאָפּלטע. מען וועט קענען גע־ניסן מיט אים, זיך פאַרווילן, זיך ווייזן פאַר אַלעמען, און גלייכצייטיק האָט ער אויסצופירן דעם באַלעבאָס אַ וויכטיקע שליחות...

מאַוריסיאָ שאַלקין האָט זיך דערנענטערט צו זיין הויז, געבליבן זיצן אינעווייניק און אָנגעהויבן רופן מיט דער סירענע. צוערשט איז אַרויס די פרוי, און ווען זי האָט דערזען דעם פּרעכטיקן, גלאַנציקן אויטאָ, האָט זי אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן, ווי זי זאָל נישט גלויבן זיך אַליין, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון איבערראַשונג, איז צוגעלאָפן צו אים, און איידער זי האָט נאָך באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט ער איר אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט אין אַ זייט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, גענעבן איר אַנצוהערן מיט די זשעסטן, — אַז אומזיסט די פרייד אירע, דאָס האָט ער נישט געקויפט דעם אויטאָ פאַר זיי, פאַר זייער פאַרגעניגן און ווילטאָג, נאָר אַז דער ציל איז אַ גאַנץ אַנדערער...

מאַוריסיאָ שאַלקין האָט געהייסן זיין פרוי אַרויסרופן דעם זון, און ווען ער האָט אים דערזען, האָט זיין פּנים זיך צעגלאַנצט, ווי דער שפּיגל־דיקער בליאַסק פון אויטאָ וואָלט געפאַלן אויף זיין געזיכט און צוגענו־מען ביי אים די אומעטיקע פאַרזאָרגטקייט זיינע.

מאַוריסיאָ שאַלקין האָט געטראַכט אין זיך, אַז באַלד וועט ער דורכ־ברעכן דעם אייז... און ווען דער זון האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער אַרויפגעלייגט צערטלעך די האַנט אויפן זונס אַקסלען, ער זאָל פילן די נאָענטקייט, די איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט זיינע, און זיין שטים, אַ באַהאַרצטע, פול מיט האַפעדדיקייט און שטאָלץ, האָט געקלונגען גרויס־מוטיק.

— זעסט דעם אויטאָמאָביל? — ער קען זיין דיינער; איך שרייב אים גלייך איבער אויף דיין נאָמען. אַלע וועלן דיך מקנא זיין, די מיידלעך וועלן קריגן די כפּרה פאַר דיר. פאָלג מיך, שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ דעם גע־דאַנק פון פאָרן; פאַרלאָזן די שטוב, די היים... ער האָט אָפּגעזיפצט און ווייטער פאַרגעזעצט מיט אַ אומעטיקן טאָן — איך אַליין בין שוין נים בכוח אַנצופירן מיט דער פאַבריק, און אַז דו וועסט אוועקפאָרן, קומט

אױס אַלץ איבערצולאָזן אױף פֿרעמדע הענט, אױף הפקר... פֿון אַלץ װעט װערן אַ תּל!...

דער זון האָט אָנגעקוקט דעם טאַטן מיט אַ שאַרפֿן דורכדרינגלעכן בליק. ס'האָט זיך אים אױסגעװיזן, אַז דער שפּיגלדיקער שװאַרצער גלאַנץ פֿון דעם אױטאָ, װײַעט אַרױס מיט אַ קאַלטן הױך פֿון טאַטנס בעטנ־דיקע אױגן, װעלכע קוקן צו אים מיט תּחנונים... ער האָט געטראַכט, אַז נישט זײַן פֿאָטער זיצט דאָ אין אױטאָ, נאָר אַ פֿרעמדער מענטש, אַ װײַטער, אַ הענדלער, װאָס זוכט צו פֿאַרהאַנדלען מיט אים, װײַל אױסבײַטן זײַן דערהױבענע אידייע אױף אַ לוקסוסדיקן אױטאָ...

ער האָט אָפּגעדרײט דעם קאָפּ אין אַ זײַט, װי ער װאָלט זיך געשעמט קוקן דעם טאַטן אין די אױגן. זיך געפֿילט באַלײדיקט פֿון זײַן אָנבאָט, װאָס האָט אים דערנידעריקט און פֿאַרשאַפֿט אַ פּײַנלעכן פֿאַרדרוס.

מיטאָמאָל האָט ער זיך אױסגעגליכט. אַ לײַכטע רױטקײט האָט פֿאַר־גאָסן זײַן פּנים און זײַנע אױגן האָבן געקוקט פֿאַר זיך װײַט און פֿאַר־טראַכט. ער האָט גערעדט מיט אַ פֿעסטער שטימע:

— דײַנע װערטער זײַנען פֿאַר מיר אַ בזיון און אַ גרױסע באַלײדי־קונג, אַז דו טראַכסט אַזױ װעגן מיר... װעגן מײַן דערהױבענעם ציל...

איך קוק זיך צו װי דו, פֿאָטער, און אַנדערע צו דיר, זײַנען פֿאַרכאַפּט פֿון דער אַמביציע אָנצוזאַמלען װאָס מער עשירות, מאַטעריעלע אײגנ־טום, לוקסוס — דאָס איז אײַער שטרעבנדיקער פֿאַרלאַנג, װי איר װאָלט פֿאַרגעסן דאָס אַלץ װאָס איז פֿאַרגעקומען פֿאַר אונדזערע אױגן, אין אונ־דזער צײַט... — װי ס'װאָלט נאָר געװען אַ פֿינצטערער חלום אַזאַ, אַ פֿאַר־בײַגײענדיקער בלוטיקער קאָשמאַר, װאָס װערט אױסגעװעפּט אין פֿאַר־לױף פֿון די יאָרן. מ'ניכטערט זיך בײַסלעכװײַז אױס, און דער אינסטינקט פֿון אײגענעם װױלזײַן פֿאַרנעמט דעם אױבנאָן... װי קײן זאַך װאָלט גאָר נישט פּאַסירט. און ס'איז נישט קײן נײַעס, פֿאָטער — האָט ער צו־געגעבן, װי ער זאָל ברענגען אַ באַשטעטיקונג צו זײַנע רײד — די פֿאַר־גאַנגענע יאָרן פֿון אונדזער לאַנגן גלות, האָבן אונדז געװיזן, אַז אומעטום האָבן ײדן געבױט, געשאַפֿן, און זײער מי, זײער אָנגעהױפֿנטע פּראַצע, איז דערנאָך אװעק מיטן װינט... גזירות, פּאָגראָמען, רדיפֿות, האָבן אַ תּל געמאַכט פֿון ײדישער האָרעװאַניע. נײן, פֿאָטער אױב איר, דער עלטערער דור, װילט אױסלעבן אײַערע יאָרן אין באַקװעמלעכקײטן, אױב אַ איך איז שװער צו מאַכן דעם איבערברוך, האָבן מיר, די יוגנט, אַנדערע פֿליכטן. מיר נעמען אױף דעם רוף פֿון דער לײדיקער ערד! װאָס װאַרט אױף אונדז מיט אָפֿענע אָרעמס, מיר זאָלן קומען צו איר! העלפֿן באַאַרבעטן די װיסטע שטחים, באַפֿרוכפּערן אירע פֿעלדער. אונדזער פֿליכט איז, — העלפֿן בױען אונדזער לאַנד, אונדזער הײם!

מאָוריסיאָ שאַלקין איז געבליבן זיצן אין אױטאָ, װי אַן אָפּגעשטמי־טענער, געקוקט צעטומלט און פֿאַרלױרן צום זון. ער האָט אַ מאַך געטאָן

מיט דער האַנט, ווי ער זאָל וועלן מבטל זיין און אָפּשטויסן דעם זונס שטראָפנדיקע רייד. ער האָט זיך געפילט קליין און נישטיק מיט זיין אָנ־באָט, וואָס ער האָט אים פאָרגעלייגט. פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַרויסגע־וואָרפענע רייד.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ענג און צוזאַמענגעדריקט אין גרויסן רחבותדיקן אויטאָ, געפילט די היץ, וואָס שלאָגט פון דער ווייכער, אויס־געבעטער וואַרעמקייט פון אינעווייניק, וואָס מאַכט אים ענג דעם אָטעם, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט. און דער שוואַרצער, שפיגלדיקער גלאַנץ פון די ווענטלעך, האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן זיין בלישטשעדיקייט, זיין פאַרויסנקייט און שטאָלץ, האָט געקוקט צו אים מיט אַ טונקעלן מרה־שחורהדיקן אומעט, ווי ס'וואָלט אים מיטגעפילט זיין עלנט און זיין טיפן צער...

די פאַרענדיקטע ווילּיע

ווי אַ מיד איבערגעהאַרעוועט פערד, וואָס גאַרט נאָך רו, שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ און וויל נישט גיין ווייטער, דערשפּירט אינסטינקטיוו, אַז צוליב די אומגעהויערע שווערע משא, וועט ער פאַלן אין געשפּאַן, — אַזוי האָט סאַמועל בערגין געפילט, — אַז פירן זיין פאַבריק ווי ביז איצט, איז שוין נישט פאַר זיינע כוחות, צופיל זיך אויסגעהאַרעוועט אין די ביסל יאָרן, וואָס ער איז דאָ אין לאַנד, אַוועקגעגעבן זיינע בעס־טע קרעפטן, זיין ענערגיע, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זיין איצטיקן שטאַנד.

טאָג און נאַכט איז ער געווען אריינגעטאָן אין פאַבריק, זיין געדאַנק איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט צאָלונגען, באַשטעלונגען און חובות, וואָס האָבן ביי אים צוגענומען דעם שלאָף, האָבן אים געיאָגט, געטריבן אין יאָך... אַלע זיינע חושים זיינען געווען פאַרנומען מיט איין ציל — פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן — ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אין אַ גע־וועט אַלעמען איבערצושטייגן...

מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט אַ מידקייט, אַן אָנגעשטרענגטקייט, ווי די כוחות זאָלן אים פאַרלאָזן, און זיין גאַנצער דראַנג און אמביציע וואָלטן מיטאַמאָל איינגעבראָכן געוואָרן...

ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אומבאַגרייפלעכן פּחד, ווי אַ טיפער אָפּגרונט וואָלט זיך געפונען האַרט נעבן וועג ווו ער גייט, און אַט דער פעסטער אויסגעטראָטענער וועג, וואָס האָט אים ביז איצט אויסגעוויזן צו זיין סאָליד און זיכער, קרישלט זיך, גליטשט זיך אַרויס און צעפאַלט פון אונטער זיינע טריט... ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט און עס דראָט אים אַריינצוזינקען אין דעם טיפן פינצטערן אָפּגרונט וואָס עפנט זיך פאַר זיינע אויגן...

סאַמועל בערגין האָט פאַרשטאַנען — אַז ער מוז האָמעווען דעם

טעמפּאָ פון זיין אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן זיך צוריקציען פון זיינע געשעפטן. זיין פאַרמעגן וועט ער אינוועסטירן אין הייזער. ער וועט נאָר גיין אויפמאָנענען דירה־געלט, און וועט קענען לעבן פון גרייטן.

מיטיק־צייט ווען ער איז געזעסן ביים טיש, צעטראָגן, פאַרטראַכט און האָט זיך געקליבן צו דערציילן זיין פרוי פון זיין באַשלוס, איז ער מיטאָמאָל געבליבן זיצן אַפּהענטיק און פאַרלוירן, געטראַכט, אַז קיי־נער פילט אים נישט מיט, קלערט נישט וועגן אים.. זאָרגט זיך נישט פאַר זיין געזונט...

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט די בליקן פון זיין פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים און האָט אים דורכגעשפּיצט מיט איר קוק, אים געפרעגט מיט ירגזון:

— צו איז ער טויב געוואָרן צו אַלדע גוטע יאָר? זיצט ביים טיש ווי אַ נעכטיקער און הערט אַפילו נישט וואָס זי רעדט צו אים, אַט האָט זי אים שוין צוויי מאָל איבערגעחזרט אַז זיי האָבן אַן איינלאַדונג אויף היינט אין אָוונט, פון זייערן אַ לאַנדסמאַן צו אַ חנוכת הבית פון אַ ווילע, וואָס ער האָט אויסגעבויט לעבן ים, און ער ענטפערט איר אַפילו נישט, ווי ער וואָלט געזעסן אַליין ביים טיש..

ער שמייכלט פאַרלוירן און צעטומלט, פאַרענטפערט זיך, זאָגט איר צו אַז אודאי וועלן זיי זיכער גיין צום יום־טוב פון זייער פריינט, און פאַרגעסט מיטאָמאָל זיין פעסטן אַנגענומענעם באַשלוס.

אין זעלבן אָוונט זיינען סאַמועל בערגין מיט זיין פרוי געזעסן צווישן אַלע געסט און באַוואונדערט די פּרעכטיקע ווילע פון זייער פריינט.

פון דער ברייטער שטיינערנער טעראַסע, מיט די רונדע אונטערגע־שפּאַרטע קאָלאָנעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לאַנגע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, גרייטע אויפצונעמען די חשובע געסט, זיינען קילע דערפרישנ־דיקע ווינטן אַנגעקומען, מיטגעבראַכט געזאַלצענע ים־ריחות, געצערטלט די פּנימער, געגלעטשעט און באַרויקט די געמיטער, געלאָשן די צע־פלאַקערטע קנאה־פייערלעך... און ווי געצוווּנגען זיך איינצוהערן צום שטענדיקן רויש פון ים, וואָס האָט דערגרייכט אַהער, און וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין הלל פון דער טעראַסע ווי אַ ברויזנדיקער שטור־מישער געזאַנג, אַ טריומפירנדער מאַרש פון אַ דערגרייכטן נצחון...

ביידע זיינען געבליבן זיצן ווי פאַרגולמטע, געגלאָצט אויף אַלץ מיט די אויגן, און זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן די רונדע ווייסע געשניצטע טירן מיט די בראָנזענע באַפּוצונגען, די ברייטע פענצטער אַנטקעגן ים, די געמאָלטע ווענט, דאָס געדעמפטע ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון די ווינקלען פון די ווענט און סופיט און האָט אויסגעזען ווי דעמע־רונגס־שיין אין אַ שטילן פאַרנאַכט.

עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז נישט זיי געפינען זיך ביי זייער פריינט אין ווילע, נאָר אין אַ הייליקן טעמפּל, וואָס צווינגט די באַזו־

כער זיך צו פאַרטראַכטן, גיין מיט שטילע טריט, כדי נישט שטערן די הייליקע שטילקייט פון אַרום... און אַט וועלן זיך באַלד דערהערן אָרגל־טענער, וואָס וועלן פאַנאַנדערטראָגן אין חלל צויבערפולע קלאַנגען...

דאָס וואָס האָט געמאַכט דעם גרעסטן רושם אויף סאַמועל בערגין איז געווען — דער קאַמין פון גרויסן אויפנאַמס־זאַל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט ביזן סופיט, און איז געווען באַדעקט מיט ראָזן מאַרמאָר. ער האָט נישט געקענט פון דעם אָפּרייסן די אויגן.

ער האָט זיך געזעצט נעבן פייער, וואָס האָט געפלאַקערט מיט אַ שטילן סיקען און האָט דערמאָנט אין אַ וווילינגערישן סווישטשען. געשפּירט די אַנגענעמע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אינעווייניק און האָט אים איינגעמידט און פאַרשלעפערט. ער האָט געקוקט אויפן פייער וואָס האָט אַרויסגעלויכטן, געשפּרייט אַ העלע רויטע שיין אויף אַלע געסט.

אַלע זיינען געווען פאַרווימיקט, צעפלאַמט און צעיאַכמערט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוויזן די טיפע צופרידנקייט וואָס דער באַלעבאָס פון דער ווילע האָט דערלעבט צו פייערן דעם חנוכת־הבית אין אַזאַ לוקסוס און פּראַכט...

ווען סאַמועל בערגין מיט זיין פרוי זיינען געפאָרן צוריק, זיינען ביידע געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַ קנאה־געפיל האָט זיי געגריזשעט און געגאַיעט נאָכאַנאַנד, נישט געלאָזט צורו... ביידע זיינען געזעסן פאַרטראַכט, געזען פאַר זיך די ווילע אין דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, דער קאַמין באַדעקט מיט ראָזן מאַרמאָר, האָט געטאַנצט פאַר זייערע אויגן ווי ער וואָלט זיך געררייצט מיט זיי...

די פרוי האָט געקוקט פאַר זיך מיט קאָנצענטרירטע בליקן אויף איין פּונקט, ווי זי וואָלט קיין זאַך נישט געזען אַרום זיך, און זיך אָפּגערופן:

— האָסט געזען אַ פּאַלאַץ ער האָט עס אויסגעסטראָיעט? סאַראַ לוקסוס סאַראַ מעבל. ביי לייטן ווייבער האָבן מזל, לעבן אין לוקסוס און ווילטאַג. און זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

סאַמועל בערגין האָט זיך געפילט געטראָפן, דעם ווייבס זיפץ האָט אים אַ טיפן שטאָך געטאָן... זיין באַשלוס זיך צוריקציען פון אַלץ און לעבן פון גרייטן איז מיטאַמאָל צערונען געוואָרן...

דעם באַקאַנטנס ווילע ביים ים מיט דער שטיינערנער טעראַסע, דאָס אַרויסגעשטראַלטע ליכט פון די ווענט, דער גלאַנציקער מאַרמאָרנער קאַמין, האָט אויפגעשיינט פאַר זיי'ע אויגן ווי אַ מיראַזש. ניין!
— האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן — אַט וועל איך ווייזן אַלעמען, אַז איך בין נישט הינטערשטעליק אַנטקעגן אים.

ער האָט פאַרלייגט צערטלעך זיי אָרעם אַרום זיין פרויס אַקסלען

און געפּליסטערט שטיל ווי ער וואָלט איר איינגערוימט אַ פריילעכן סוד:
— נעם זיך נישט צום האַרצן! וועסטו זען, איך וועל נאָך אויס־בויען אַ טשאָלעט וואָס וועט אַלעמען איבערשטייגן... איך וועל זיי וויזן וואָס סאַמועל בערגין קען... זיי וועלן מיר אַלע מקנא זיין... אַלעמען אויף צופּיקעניש...

*   *
*

דאָס בויען די ווילע האָט מבטל געווען אַלע זיינע פּלענער און באַשלוסן.
דער געדאַנק איבערצושטייגן אַלעמען, אַרויסווייזן אַז ער איז נישט קיין מפּיל־קינד... שטייט נישט נידעריקער פון אַנדערע און קען זיך אויך פאַרגינען דעם לוקסוס — האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד און דערהויבנ־קייט... ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין רעיון — ווי דער טשאַלעט וועט זיין פאַרענדיקט. ער וועט פייערן אַ חנוכת־הבית... וועט פאַרופן אַ סך געסט, אַלע וועלן זיך פאַרזאַמלען אין גרויסן אויפנאַם־זאַל, אַרום דעם קאַמין. דאָס אָנגעצונדענע פייער וועט פאַרשפּרייטן אַן אָנגענעמע וואַ־רעמקייט. דער רויטלעכער בליאַסק וועט אָפּשיינען אויף אַלעמענס פּני־מער. ער וועט אַרומגיין מיט פלעשער שאַמפּאַן און טרינקען לחיים מיט אַלע געסט.
מיטן אָנהויבן בויען זיין ווילע, האָט סאַמועל בערגין נישט גע־קענט שלאָפן די נעכט. עס האָט פון אים געריסן שטיקער. מיט פּאַרדרוס האָט ער צוגעקוקט ווי אַלץ קריכט, גייט לאַנגזאַם און זיין פאַרלאַנג איז געווען, אַז די אַרבעט זאָל ברענען אונטער די הענט, די ווילע זאָל אַרויס־געענדיקט ווערן וואָס פריער. אַט גייט ער פאַרטאָן זיין גאַנצן פאַרמעגן און ער האָט אָפּגערעדט מיטן בוי־אונטערנעמער אַז אַלץ זאָל זיין פון טייערסטן און בעסטן. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן איבערקלערן אַז דער אונטערנעמער קען אים באַגנבענען פון קאָפּ ביז די פיס, אים שטעלן בדיל הדל...
סאַמועל בערגין האָט קיינעם נישט געטרויט פון דאַנען אַהער, גע־שטאַנען גאַנצע טעג און געהיט, נאָכגעקאָנטראָלירט, פאַר יעדער קליינ־קייט זיך אויפגערעגט און דענערווירט. ער האָט זיך געקריגט מיטן אונ־טערנעמער, חושד געווען אַז ער וויל אים באַשווינדלען, באַרויבן... גע־קריגט זיך מיט די אַרבעטער — פאַרוואָס זיי קריכן אַזוי מיט דער אַר־בעט, זיי באַשולדיקט, אַז זיי טוען אים צו להכעיס, פאַרגינען אים נישט... און געלעגן דערנאָך גאַנצע נעכט וואַך אויפן געלעגער, נישט קענענדיק צומאַכן מיט קיין אויג.

חרטה געפילן האָבן אים אָנגעהויבן פּייניקן און מאַטערן — אָט בראַקט ער אַריין דעם גאַנצן קאַפּיטאַל זיינעם, אָפּגעשפּאָרט פון אַזוי פיל יאָרן אַרבעט און ער לייגט עס אַריין אין די ציגל און דערווייל זעט ער נאָך גאָרנישט. דערווייל דאַרף ער לייגן לעבעדיקס אויף טויטס, דער אונטערנעמער טרייבערט אים כסדר די אָדערן, פּאָדערט געלט, מאָנט אים נאָכאַנאַנד און עס נעמט גאָר קיין סוף נישט...

ער האָט זיך געפילט אַלץ ערגער. די אָנגעשטרענגטקייט, די נערוועזע שפּאַנונג האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן. ער פלעגט זיך אויפרעגן פאַר יעדער קלייניקייט, זיך נישט קענען באַהערשן און געפילט אַז ער קען מיטאַמאָל צוזאַמענברעכן און אַוועקפאַלן... און אַ מאָדנער געדאַנק האָט אים געפּייניקט נאָכאַנאַנד ווי אַ פרעמד קול וואָלט גערעדט צו אים כסדר מיט בייזוויליקייט, מיט שאָדן־פרייד... — אַז די ווילע וואָס ער בויט איז נישט נאָר מיטן אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן, מיט די אָנגעקליבענע געלט, נאָר אַז זיינע בעסטע כוחות, זיין געזונט ווערט אַריינגעמויערט אין די צעמענטענע ווענט.. אַז צווישן די געפלאָכטענע פאַרזשאַווערטע אייזנס ווערט אויך אַריינגעגאָסן אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן זיינס... און ביים פאַרענדיקן וועט ער בלייבן אַן אויסגעליידיקטער, אַן אויסגעשפּילטער, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא...

ביים פאַרענדיקן די ווילע, ווען ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי מען לייגט די ציגל פון קאַמין, האָט ער פּלוצלינג דערשפּירט אַ שווינדל פאַר די אויגן, אַ שווידערנדיקע קעלט איז אים דורכגעלאָפן אין איין זייט קערפּער, געמאַכט אים אויפציטערן, אים געצויגן צו דער ערד. ער האָט געפילט ווי טויזנטער בייסנדיקע פליגעלעך זשומען איבער אים, ציטערן און גריזשען די הויט פון זיין פּנים, פון דער פּלייצע ביז די קנעכל.

די פאַנאַנדערגעוואָרפענע ציגל וואָס זיינען געלעגן אויף דער ערד, האָבן אים איצט אויסגעזען ווי רויטע אַרויסגעשטעקטע צינגער, וואָס שפּאָסן פון אים, חוזקן און לאַכן אים אויס...

ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין וואַנט נישט אומצופאַלן, געשפּירט ווי אַ האַלב מויל קרימט זיך אים אויס אין אַ זייט און פון איין אויג הייבן אים אָן צו רינען טרערן. — — —

ווען די ווילע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט סאַמועל בערגין געפייערט דעם חנוכת־הבית.

ער האָט צונויפגערופן זיינע אַלע פריינט, זיך באַמיט אַז אַלץ זאָל זיין מיטן פולן גלאַנץ און ווען ער איז געשטאַנען אין גרויסן זאַל אָנגעשפּאַרט אין קאַמין און באַגריסט די אָנקומענדיקע געסט, האָט איין זייט פּנים זיינס געשמייכלט, זיך געפרייט מיטן יום־טוב, מיט זיין דערגרייכטן פאַרלאַנג און ווונטש.

אין דער זעלבער צייט האָט אויסגעזען — ווי דאָס טרערנדיקע אויג

און דאָס האַלב־צעקרימטע מויל, וויינט אַראָפּ און פאַרגייט זיך אין ווייטיקלעכע יסורים... ווי זיי זאָלן באַוויינען און באַדויערן דעם תּכלית, דעם סך־הכל וואָס ס'איז פון אים געוואָרן, פון זיין געזונט, זיינע בעסטע יאָרן, די כּוחות וואָס ער האָט פאַרטאַכלעוועט, צעטרענצלט אויף גאָרנישט אין דעם פרעמדן לאַנד... דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ לוקסוסדיקע ווילע מיט אַ גלאַנציקן מאַרמאָרנעם קאַמין...

* *
*

אינגאַנצן זעט ער איצט אויס ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן, אַ שברי כּלי, זיין גאַנץ לעבן הענגט איצט אויף אַ האָר. ער קען פון יעדן דיר אומפאַלן און צעשאָטן ווערן, פונקט ווי אַן אויסגעטריקנט בלאַט פון אַ בוים, וואָס אַ ליאַדע ווינטל קען עם אַראָפּשאָקלען צו דער ערד...

* *
*

זיין טרערנדיק אויג האָט געקוקט גלייך פאַר זיך און געזען אַלץ מטושטש און צעפלאָסן. אַנטקעגן אים דער קאַמין האָט זיך אים אויסגעוויזן, —וויגט זיך, טאַנצט משונהדיק פאַר זיינע אויגן. רויטע פונקען האָבן זיך געווירבלט אין אַ קרייז אַרום אים, פאַרטונקלט זיין ראיה.

סאַמועל בערגין האָט זיך אָנגעבויגן, אָנגעשטרענגט זיין בליק און אַ ציטער איז אים דורכגעלאָפן דורכן גאַנצן קערפּער, געמאַכט אים אויפשוידערן.

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין סאַמע פראָנט פון קאַמין, זעט זיך אַ דין שפּעלטעלע, וואָס קוקט אַרויס צו אים מיט אַ גרויליקער אומהיימלעכער טונקלקייט... און יאָגט אַן אויף אים אַ פּחד, אַן אימה... דאָס קוים באַמערקבאַרע שפּעלטעלע דוכט זיך אים, עפנט זיך אַלץ מער, טיילט זיך פונאַנדער, זעט אויס ווי אַ צעעפנט מויל פון אַ טיפן אָפּגרונט... וואָס דראָעט איינצושלינגען זיין גאַנצע פּראַצע, האָרעוואַניע, אים אַליין...

די אַלע פאַרזאַמלטע געסט, קוקן מיט צעשראָקענע פּנימער, איילן זיך צו אַנטלויפן, לאָזן אים אַליין...

ער שפּירט ווי דער באָדן זינקט אונטער אים. ער בלייבט אין דער לופטן, דער קאַמין אַנטקעגן, אַ צעעפנטער, אַ צעשפּאַלטענער, רוקט זיך פונאַנדער ווי צוויי הויכע פונאַנדערגעטיילטע ווענט, וואָס דראָען אומפאַלן

פֿאַלן אויף אים און ער זאָל צעפּלעטשט ווערן פֿון דער שווערער משא. ער וויל זיך ראַטעווען און קען נישט. ער געפֿינט נישט קיין אָנהאַלט, קיין באָדן אונטער זיך...

ער קוקט מיט גליווערדיקן שווידער אויף דער טיפֿער פּוסטקייט פֿון אינעווייניק... וואָס לאָקט אים גלייכצייטיק, ציט אים ווי אַ מאַגנעט... ער וויל זיך דערנענטערן און פֿילט אַז ער פֿאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט, זינקט אַריין מיט זיין שווערן קערפּער אין דער טיפֿער פּוסטקייט פֿון קאָמין... וואָס זעט אים אויס ווי אַן אומענדלעכער צעעפֿנטער אָפּגרונט...

אַ בכבודיקע פּרנסה

מינדלען — מיט ליבע, געווידמעט

אין דער יוגנט, אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטעלע, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן, איז נח פינקל געווען — אַ פאַר־חלומט בחורל, וואָס האָט אויסגעגאָסן זיינע אַלע געפילן אין לירישע פּערזן, געטרוימט צו ווערן אַ דיכטער, אָנשרייבן אַ גרויס ווערק — וואָס זאָל אים מאַכן באַרימט, אומשטערבלעך...

אויסוואַנדערנדיק דערנאָך אין אַ פרעמדן לאַנד, האָט נח פינקל זיך געמוטשעט שיידן מיט זיינע חלומות, מיט זיינע בענקשאַפטן... דער האַרטער אַרום — די סביבה — די מאַטעריעלע זאָרגן, האָבן צעשטערט זיינע פּלע־נער, זיינע אויסרעכענונגען...

ער האָט געפּרוּווט טאָן פאַרשיידענע אַרבעטן און זיך נישט גע־קענט צופּאַסן צו קיין איינער פון זיי, — זיין געפילפולע סענסיטיווע נאַ־טור האָט געליטן אין דער שטיל... ביז ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ בכבודיקע פּרנסה. ער איז געוואָרן אַ רייזנדער, אַ פאַרשטייער פון אַ פירמע און זיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשפּרייטן אירע סחורות איבער די געשעפטן פון דער פּראָווינץ.

ער איז גאַנצע וואָכן אונטערוועגס, ווייט פון דער היים. פאָרט פון שטעטל צו שטעטל, נעמט צונויף באַשטעלונגען פון די געשעפטן און שיקט עס אָפּ דורך פּאָסט צו דער פירמע.

ער גייט שטענדיק אָנגעטאָן עלעגאַנט, אויסגעפּוצט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין אויף אַ שמחה.

פון זיין לינקן לאַץ פון זיין אָנצוג בליסטשעט אַרויס און לייכט מיט אַ העלן, פינקלדיקן גלאַנץ, אַ רונדער ניקלענער קנעפּל. — דאָס איז אַז אַפּצייכן, וואָס ווינקט אַרויס פון דער טונקלקייט פון אָנצוג און גיט צו וויסן מיט די ראשי־תיבות, וואָס זיינען אויסגעקריצט אין רעליעף, אַז ער געהערט צום פאַריין פון די הורט־געשעפטן.

אונטערן אָרעם טראָגט ער שטענדיק אַ לעדערנעם פּאָרטפעל, וואָס צו דעם רירט ער זיך נישט אַ טריט.. אינעווייניק האַלט ער אַלע זיינע פּאַפּירן און דאָקומענטן, קבלות און ביכלעך, צו פאַרצייכענען די באַשטעלונגען. ער פירט אויך מיט מיט זיך עטלעכע בייכיקע אָנגעשטאָפּטע וואַליזעס פול מיט מוסטערן פון פאַרשיידענע סחורות, וואָס ער טאַשטשעט זיי אַרויף און אַראָפּ פון די דעכער פון די אויטאָבוסן צו די איינזאַמע האָטעל־צימערן.

אויף צו פירן זיי איבער די געשעפטן, צו דעם מוז ער שווין דינגען אַ „טשאַנגאַדאָר“, איינער פון די, וואָס שטייען וואַרטנדיק מיט אויסגעהונגערטע, בעטנדיקע בליקן פאַר די האָטעלן און באַטן זיך אַז צו טראָגן אויף זייערע אַקסלען די שווערע וואַליזעס אַ גאַנצן טאָג, אָדער צו פירן עס מיט די קליינע וועגעלעך, מיט די סקריפּנדיקע אייזערנע רעדלעך, וואָס מאַכן אַז אַ גערויש איבער די ליידיקע גאַסן פון שטעטל, ווי זיי, די הייַמישע צונויפגעקלאַפּטע וועגעלעך, וואָס שטייען אַ סך מאָל פאַרלאָזט און פאַראייניזאַמט לעבן די בלעכענע „ראַנטשאָס“ הינטערן שטאָט, ווי אומנוצלעכע זאַכן, וואָלטן איצט זיך געגרויסט מיט זייער פאַרנומענקייט, מיט דער יחסנדיקער, בייכיקער שווערער, משא, וואָס זיי פירן אויף זיך און שרייען אויס מיט אַ סקריפּנדיקן פּייף פון די מיט אייזן באַשלאָגענע רעדער, צו די שטילע גאַסן פון שטעטל: — קוקט וואָס מיר פירן מיט זיך...

אויף זיין פּנים, אין די טיפע שניטן פון זיינע מויל־ווינקלען, ליגט גרייט אַ שמייכל אויף צו באַגעגענען די קליענטן. און אין מאָמענטן פון צופרידנקייט, באַלייכט דער שמייכל זיין גאַנץ געזיכט און אפילו זיינע טיפע אויגן, וואָס קוקן אַרויס פאַראומערט און פאַרבענקט, צעגלאַנצן זיך אויך און דער פאַרבאַהאַלטענער טרויער רינט אויס און פאַרשווינדט.

די בכבודיקע פּרנסה זיינע, קומט אים אָן גענוג שווער און ביטער. אויסערדעם, וואָס עס קומט אים אויס צו זיין גאַנצע וואָכן און מאָנאַטן נע־ונד, ווו געטאָגט, דאָרטן נישט גענעכטיקט, דאַרף ער זיך שלעפּן איבער די באַנען, טרייסלען זיך אויף די אויטאָבוסן, וואָס גליטשן זיך מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט איבער די שאָסייען, וואַרפן מיט זייערע שייןוואַרפער אין דער טונקלקייט פון די וועגן, ווי שפּיאָנירנדיקע רעפלעקטאָרן, וואָס זוכן ערגעץ אַ פאַרבאַהאַלטענעם שונא. אין די טונקעלע נעכט זעען אויס די פאַרביילויפנדיקע אויטאָבוסן, ווי אויסטערלישע באַשעפעניש מיט שאַרפע בליציקע אויגן, וואָס שלינגען גיריק די שמאָלע פּאַסן פון קאָנקריט און שוואַרצן אַספאַלט.

די ביימער וואָס שטייען פון ביידע זייטן שאָסיי, שווייגנדיקע, פאַרחלומטע, איינגעהילטע אין שאָטנס, כאַפּן זיך אויף, הויבן אָן ציטערן, רוישן מיט די צווייגן און קוקן פאַרכמורעט און בייז צו די משונהדיקע

בליציקע באַשעפענישן, וואָס שטעכן זיי מיט די שטראַלן פון די שיין־וואַרפער, ווי מיט דינע שפּיזן און שטערן זיי דעם ביינאַכטיקן דרימל.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער אויך נישט קיין מנוחה, ער לעבט אין כסדר־דיקער שפּאַנונג און גייסטיקער אָנגעשטרענגטקייט. דאָ דאַרף ער מאַכן שלום מיט אַ קליענט, וואָס איז מלא־רציחה אויף דער פירמע, וואָס האַלט אים פאַר אַ זיבעלע, מ'האָט אים אָפּגענאַרט, געשיקט אַ קאַץ פאַר אַן אינ־דיק, נישט דאָס וואָס ער האָט באַשטעלט. דאָ מוז ער איבערבעטן אַ צווייטן, וואָס איז שטאַרק ברוגז, אַז מ'האָט ביי אים איבערגענומען, אָפּ־געשונדן די הויט, אים באַרויבט פון קאָפּ ביז די פיס, און אָפּטמאָל קומט אים אויס אויסצוגליַיבן סתם סיכסוכים צווישן די קונים און באַלעבאָס, און ער נח איז דער ציל־ברעט פון אַלע טענות.

אַז אַנדערש מאָל מוז ער אויסהערן קריגעריַיען צווישן אייגענע, משפּחה פון די קונים, וואָס איינער רעדט אויס אויפן צווייטן כל דבר אסור, אַז יענער וואָס האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, איז אַלץ, וואָס אין דער קאַרט, און ער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק, אַ טשוטשעלע, וואָס טשעפּעט נישט אַ פליג אויף דער וואַנט. אים, נח פינקל, קומט אויס אויס־צוהערן ביידע צדדים און ער דאַרף אַרויסטראָגן דעם פּסק, אורטיילן. ער ווייסט, אַז עס קריכן אים נישט אין קאָפּ די אַלע רכילותן, ער גיט אַלע־מען גערעכט. ער ענטפערט אויף הונדערט ווערטער איינס און טראַכט בשעת מעשה — אַז ער האָט אַ געטריַיע פרוי, אַ מיטפילנדיקע, וואָס זאָרגט זיך וועגן זיין געזונט, קוקט אים אין די אויגן אַריין, ציטערט און פּלאַ־טערט איבער אים, ווי איבער אַ שוואַך, אויסגעקרענקט קינד, און צוויי קינדערלעך, וואָס זיינען אים איינגעבאַקן אין האַרצן, און אַז די הוצאה איז גרויס, דאָס יקרות שטייגט פון טאָג צו טאָג און מען דאַרף זען צו מאַכן וואָס מער באַשטעלונגען, כדי ער זאָל קענען אויסקומען מיט דער הוצאה.

* *
*

דערפאַר אַז ס'קומט אין אָוונט און ער געפינט זיך אַליין, אין די אומעטיקע האָטעל־צימערלעך, נעמט ער אַרויס בויגנס פּאַפּיר, הויבט אָן שפּאַנען פּאָרטראַכט איבערן צימער, וויל זיך קאָנצענטרירן, פאַרטיפן אין די געדאַנקען.

ער פאַרמאַכט די אויגן און פאַרגעסט אין אַלץ, די אומצופרידנקייט, די ערגערנישן פון אַ גאַנצן טאָג, די נודנע שמועסן פון די קונים, די אַמפּערייען. אַלץ צעגייט זיך, רינט אויס פון זיין געמיט, ער זעצט זיך אַוועק, נעמט די פעדער אין האַנט און ער באַמערקט אַליין נישט, ווי

די שורות קייטלען זיך איינע נאָך דער אַנדערער, פּליסן ווי לאַשטשענדיקע שטילע ים־כוואַליעס, וואָס קומען פון ערגעץ ווייט און דערנענטערן זיך צום ברעג, די שורות רינגלען אים אַרום, ווילן אים אָפּטיילן פון דעם אַרום... ווילן אים דערווייטערן פון דער סביבה...

בשעתן שרייבן ווערט זיין פּנים באַגאָסן מיט אַ לייכטער רויטקייט און זיינע אויגן צעגלאַנצן זיך מיט אַ פינקעלנדיקן גלאַנץ פול מיט דער־הויבנקייט, מיט השתפכות־הנפש, ער פילט דאָן אַן איבערגעגאַנגענע פרייד וואָס שטראָמט אַרויס פון די טיפענישן פון זיין געמיט...

* *
*

ס'איז שוין געווען סוף וואָך, ווען ער האָט זיך געקליבן פאָרן אַ היים.

ס'איז געווען אַ נעפּלדיקער גרויער פרימאָרגן. אַ דין רעגנדל האָט געטריפט כסדר, געשטאָכן ווי מיט דינע שפּיזעלעך און ס'האָט אויסגעזען ווי אַלץ קוקט אַראָפּ פאַרוויינט און אומניחאדיק. די פליאַגיאַטע האָט אָנ־געהאַלטן שוין עטלעכע טעג און נח פינקל האָט געשפּירט אַז די נאַסקייט קריכט אים אונטער דער הויט, נעמט אים דורך די ביינער.

אין קליינעם שטעטל, וואָס איז געלעגן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם עק, האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש און ס'איז אים אויסגע־קומען אַליין צו שלעפּן די רענצלעך. זיך איינגעריסן אין האַרצן.

זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ, וואָס דערקוטשעט אים שוין אַ צייט, האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און הילכיקער, ווי ס'וואָלט אים געוואָרנט, אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן, ס'איז שוין נישט פאַר זיינע כוחות און פאַר זיין שוואַכן געזונט. ער סאָפּעט שווער, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ שווערער משא און זיין קורצער אָפּגעהאַקטער אָטעם וואַרפט אויף אים אַליין אַן אַ מורא.

שפּעטער, ווען ער זיצט שוין אין אויטאָבוס אַ פאַרטראַכטער, אַן אָפּגעגאָסענער מיט שוויים, מיט אַנגסטן און קען נישט קומען צו זיך, פילט ער נאָך אַלץ, ווי אַ טעמפּער ווייטיק וואָלט אים געקראַמפּט אין לינקער זייט ברוסט. דאָס האַרץ זיינס ציטערט אינעווייניק, וואַרפט זיך אַז אויפהער און אַט עס וועט עס אַרויסשפּרינגען פון זיין ענגן ברוסט־קאַסטן און עס וועט פאַרבלייבן אַ ליידיק אויסגעהוילט אָרט.

ער בלייבט זיצן אַ פאַרמאַטערטער, קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אַרום זיך און טראַכט, — אַז ער איז אַ מתחייב בנפשו — און אַז די בכבודיקע פּרנסה זיינע, וואָס אַנדערע זיינען אים אזוי מקנא, — מאַכט פון אים אַ תל, איז שוין נישט פאַר זיין געזונט און פאַר זיינע אויסגעשעפּטע כו־חות, וואָס ער האָט געפּטרט אַרומשלעפּנדיק זיך איבער די האָטעלן און

איבער די באַנען און אַז דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ זיינס קען פון אַ שווערער אָנשטרענגונג זיך אָפּשטעלן מיט אַמאָל... אויפהערן פּולסירן, און ער קען בלייבן ליגן אויפן מיטן וועג אַ קאַלטער און אַ פאַרשטאַרטער און זיין פרוי און קינדער וועלן נישט וויסן ווו זיין געביין איז אַהינגע־קומען... ס'וועט איבערגעריסן ווערן דאָס נישט פאַרענדיקטע לעבן זיינס, זיינע חלומות, די נישט אויסגעלעבטע טעג, וואָס וועלן זיך צעגיין, ווי אַ פאַרשוווּנדענער רויך איבער די פּוסטע וועגן ווו ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן...

דער אויטאָבוס, ווי ער זאָל וועלן דעריאָגן עפּעס אין ווייטן האָרי־זאָנט, שלינגט ווי אַ גיריקע חיה די שמאָלע פאַסן שאָסיי, וואָס פאַרשווינדן אונטער די גומענע רעדער זיינע און הודזשעט כסדר מיט זיין רוישנדיקן מאָטאָר.

דער שטאָלענער אָפּקלאַנג פון רוישנדיקן מאָטאָר וויברירט מיט ציטעריקע טענער אין דער לופט, ווי ס'וואָלט אויסגעזונגען דעם ריטעם פון אַ געצוימטער, קאָנצענטרירטער קראַפט און ענערגיע, וואָס איז גע־לאָזט געוואָרן אין גאַנג און טרייבט די שווערע משא. דער געפּרעסטער שטאָלענער ריטעם שאַפט אַ דיסאָנאַנס אַנטקעגן דעם גרויען פרימאָרגן, וואָס קוקט אַריין פאַרצאַרנט דורך די צעעפנטע פענצטערלעך פון אויטאָ־בוס, דערשרעקט זיך פאַר די משונהדיקע אויסטערלישע קלאַנגען און צע־גייט זיך דערנאָך אין אַלע זייטן ביי די ראַנדן פון האָריזאָנט.

נאָך עטלעכע שעה טרייסלען זיך אין אויטאָבוס, וואָס פליט מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, קומט אָן נח פינקל אין דער הויפּט־שטאָט.

נח פינקל שיקט אָפּ זיינע וואַליזעס צו דער פירמע ווו ער אַרבעט. דאָס איז אַן אָנזאָג פון באַלעבאָס אַליין. ער מוז איבערקוקן אַלע מוסטערן, קאָנטראָלירן. פאַר דער צייט קען זיין, אַז אַנדערע אַרטיקלען זיינען שוין אויסגעפאַרקויפט געוואָרן. אויך דאַרף מען רעווידירן די פּרייזן, סחורה שטייגט פון טאָג צו טאָג, קען זיין, אַז מען דאַרף העכערן. ווען ער דער־לידיקט די וואַליזעס, פאַרט ער אַ היים.

ווען ער דערנענטערט זיך צו זיין הויז, הויבט אָן זיין האַרץ צו קלאַפּן האַסטיקער און שטאַרקער. די אַלע געפילן און געדאַנקען, וואָס באַ־הערשן אים ביים דערנענטערן זיך צו זיין שטוב שאַפן אין זיין געמיט אַן אַנדערע שטימונג.

די אַלע ערגערנישן און זאָרגן, וואָס באַגלייטן אים די גאַנצע צייט ווען ער איז אונטערוועגנס, פאַרשווינדן ווען ער פאַרלאָזט די דומפּיק־פאַ־רויכערטע וואַגאָנען אָדער די פאַרשטיקטע אויטאָבוסן.

פול מיט ליבשאַפט־געפילן, ווייסט ער, אַז ווי ער וועט נאָר אָן עפן טאָן די טיר פון זיין הויז, וועט אַ ווייע טאָן אויף אים מיט נאָענטקייט, מיט געטריישאַפט און מיט צערטלעכקייט פון זיין פרוי. ס'וועלן אים באַ־געגענען די זאָרגלאָז שטיפערישע שטימעלעך פון זיינע קינדער, וואָס וועלן

אים אַנפֿילן מיט פֿרייד און דערהויבנקייט, און דער איבערבייט פֿון גע־פילן מאַכט, אַז זיין סענסיטיווו האַרץ זאָל אַנהויבן צו קלאַפּן האַסטיקער און שטאַרקער...

ער וואַרט אַ ווײַלע ביי דער טיר. ס׳איז אים אַנגענעם צו הערן דעם אָפּקלאַנג פֿון זיין פֿרוים שטילע טריט. ער ווייסט, אַז זי שטייט שטענדיק אויף באַגינען, ווייל אָפּטאָן אַלץ, ווען די קינדער שלאָפֿן נאָך. ער עפֿנט לאַנגזאַם די טיר. די פֿרוי לויפֿט צו אים מיט שנעלע טריט. זי איז אָנ־געטאָן אין אַ לייכט געבלומט קליידל, מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל פֿון וואַ־נעט ער זעט אַרויס אירע אַנטבלויזטע אָרעמס, וואָס לייכטן אַרויס מיט אַ ראָזלעכן אָפּשיין. אירע האָר האַלט זי אַרומגענומען מיט אַ ראָזן טיכל, וואָס זעט אויס ווי אַ טורבאַן. דאָס טוט זי שטענדיק אין די פֿרימאָרגנס, עס זאָל איר זיין באַקוועמער צו דער אַרבעט. און עס גיט איר אויך צו אַ צניעותדיקן אויסזען, אַ פֿאַרטראַכטקייט אין זיך.

זי שטרעקט אויס צו אים אירע אָרעמס, וועלכע נעמען אים צערט־לעך אַרום. אירע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן מיט די פֿאַרחלומטע אַרונטערגע־לאָזטע ברעמען צעגלאַנצן זיך מיט אַ שטילער ציטערדיקער פֿרייד. ער פֿילט אירע בריענדיקע אָרעמס פֿאַרוואָרפֿן אַרום זיין האַלדז און ער הערט איר צערטלעך פֿאַרזאָרגט קול:

— אוי, ווי איז מיר, דו ביסט דאָך פּיטש נאַס, דורכגענעצט דורך און דורך. זי העלפֿט אים זיך אויסטאָן די דורכגענעצטע קליידער, דער־לאַנגט אים קלאָרע בלאַנקענדיקע וועש, וואָס ווינקט צו אים מיט שטור־ביקער היימישקייט און נאָענטקייט. די פֿרוי הויבט זיך אָן פּאָרען אין קיך צוצוגרייטן עפּעס וואַרעמס צום טרינקען.

נח פֿינקל וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די נאַסע קליידער און טוט זיך אי־בער, און ווען ער הויבט אָן שאַרן מיט די שטעק־שיך איבערן פּאָל, דער־קענען די קינדער אין שלאָף — דעם טאַטנס גאַנג. זיי שפּרינגען אַראָפּ פֿון די געלעגערס אין די נאַכט העמדער, פֿאַלן צו צו אים און לאָזן אים נישט אָפּ, קושן און האַלדזן אַן אויפֿהער, און האַלטן אין איין איבערחזרן — פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! — ווי זיי זאָלן וועלן אויסדריקן אין די צוויי קלאַנ־גען זייער גאַנצע ליבשאַפֿט וואָס זיי פֿילן צו אים און די בענקשאַפֿט ווען ער איז געווען ווייט פֿון דער היים.

נח פֿינקל ווערט גערירט. ער גלעט די קינדער איבער די קעפּלעך און זיינע אויגן צעלייכטן זיך מיט אַ פֿינקלדיקן גלאַנץ. ער גייט צו צו זיין לעדערנעם טאַש, נעמט אַרויס אַ פּעקעלע. דאָס זיינען מתנות, וואָס ער האָט אין זינען געהאַט ברענגען פֿאַר די קינדער. די קינדער נעמען עס צו מיט ציטעריקע הענט, און גיבן דעם טאַטן נאָך אַ מאָל אַ קלינגע־דיקן קוש אין ביידע באַקן אַלס דאַנקבאַרקייט און לויפֿן אַוועק פֿריילעכע מיט די מתנות.

נח פֿינקל דערנענטערט זיך מיט שטילע טריט צו זיין פֿרוי, וועלכע

איז פֿאַרשמאַיעט אין קיך, ווייסט נישט צו וואָס פֿריער זיך צו נעמען. ער דירט זי אַן צאַרט פֿאַרן אָרעם, קוקט איר אַריין טיף אין די אויגן און זאָגט:

— דאָס האָב איך געבראַכט פֿאַר דיר שׂרהלע, אַ מתּנה, שטאָף אויף אַ ניי קלייד, און פֿאַרויטלט זיך ווי אַ קליין קינד.

די פֿרוי צעשמייכלט זיך. דער שמייכל, וואָס באַלייכט איר פּנים און בלייבט הענגען אויף אירע ראָזלעכע צעעפֿנטע ליפּן, זעט אויס ווי אַ טראָפּן בלישטשענדיקער טוי אויף צעעפֿנטע בלעטלעך פֿון אַ רייף גע־וואַרענער בלום.

נח בויגט זיך איין, נעמט זי אַרום און קושט זי אין דעם האַלב־צעעפֿנטן מויל איבער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען פֿון אירע פֿאַר־חלומטע אויגן. די פֿרוי קוקט צו אים מיט דאַנקבאַרע בליקן און זאָגט:

— איך דאַנק דיר, נח, פֿאַר דער מתּנה. דו האָסט מיך אויך אין זינען געהאַט. ס'איז אַ סימן, אַז דו ביסט אין מיר פֿאַרליבט ווי אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן... ביידע צעלאַכן זיך אויפֿן קול, פֿילן זיך מונטער, זאָרגלאָז ווי יונגע קינדער.

זי נעמט אים אַז פֿאַר דער האַנט און הייסט אים זיך זעצן. ער מוז אויסטרינקען עפּעס וואַרעמס זיך צו דערוואַרעמען די גלידער.

שפּעטער זיצן שוין אַלע ביים טיש. די קינדער אַנטקעגן נעמען נישט אַראָפּ פֿון טאַטן די אויגן, לאַכן און שטיפֿן אויפֿן קול, ווילן אויס־דריקן זייער צופֿרידנקייט און פֿריילעכקייט מיטן טאַטנס קומען. די פֿרוי ייִעט לעבן אים ביי דער זייט, זעט אים צו. נח זופּט די הייסע קאַווע, וואָס צעוואַרעמט אים אין גאַנצן און אַ פֿוילע מידקייט צעגיסט זיך אין אַלע זיינע גלידער. די געמיטלעכקייט פֿון שטוב, די לאַכנדיקע פּנימער פֿון די קינדער, די צערטלעכקייט פֿון זיין געטרייער פֿרוי, מאַכן אים פֿאַר־געסן אין אַלץ וואָס ער האָט אויסצושטיין אונטערוועגנס, מאַכן אים פֿילן, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט געטריישאַפֿט און אויפֿמערקזאַמקייט און אַז ער פֿאַרט אַוועק, בענקען זיי נאָך אים. ער באַמערקט זיין פֿרוי, וועל־כע קוקט אויף אים פֿאַרזאָרגט, גיט אַ שטילן זיפֿץ און זאָגט:

— ווען איך טראַכט, אַז דו קומסט אָפּ אַרומפֿאָרנדיק כּסדר, ווייט פֿון דער היים, רייסט מיר דאָס האַרץ. דו פּלאָגסט זיך, האָסט נישט ווער עס זאָל אויף דיר אַכטונג געבן דאָרט, דיר צוזען, און עס איז שוין נישט פֿאַר דיין געזונט זיך אַרומצושלעפּן, זיין נע ונד...

נח פֿינקל גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. ער וויל מיט דעם זשעסט מבֿטל זיין אירע רייד. ער פֿילט זיך, ווי קיינמאָל גאַרנישט. ער וויל איר נישט מצער זיין... זי גייט שטענדיק אַרום און קלערט וואָס עפּעס צו טאָן אים צו פֿאַרגרינגערן... ער זאָגט איר, אַז ער שפּירט זיך גוט, זעלטן ווען ער פֿילט דאָס האַרץ.. סיידן ווען ער רעגט זיך אויף, און ווען ער האָט

עגמת נפש, דאן פילט ער ווי דאס הארץ דערמאנט אים, רעדט צו אים מיט א ווייטיקלעך קול...

ער גייט צו צום לעדערנעם פארטפעל, עפנט אים אויף און נעמט ארויס עטלעכע פארשריבענע ביכלעך. דאס זיינען זיינע קאפיעס פון „פעדידאס" וואס ער דארף איבערגעבן דעם באלעבאס. ער הויבט אן בלעטערן און בלייבט א ווײַלע פארטראכט. די פרוי באמערקט זיין פארזארגטקייט און פרעגט אים מיט א בעטנדיק קול:

— וואס איז דיר, נח, וואס האט פאסירט? דריק נישט אין ,יך, ווי דיין געוווינהייט, און פאר מיר דארפסטו נישט פארבאהאלטן. אז מען רעדט זיך אראפ פון הארצן ווערט לייכטער. ווי זאגט מען: אין צווייען איז די לאסט גרינגער צו טראגן...

נח פינקל בלייבט א ווײַלע אין א פארלעגנהייט. ער וויל נישט צעשטערן די אויפגעהייטערטע שטימונג, איר פארשאפן עגמת־נפש, איר מצער זיין... ער גיט איר א גלעט איבערן פנים, ווי א שטיפעריש קינד, ווען זי שטייט אבער צו, דערציילט ער איר מיט א האלב שפאטישן טאן:

— פארשטייסט, שרהלע, איך האב נאך קיינמאל אזויפיל נישט גערייזט ווי היינטיקס מאל. די סוחרים לויפן ארום ווי פארסמטע מייז. זיי האבן געמיינט, אז די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט מען קריגן סחורה בחצי־חינם, אלץ וועט ווערן בזיל־הזול, צום סוף איז געווארן א סומאטאכע, א צעמישעניש, נאך ערגער ווי פריער, סחורה ברענט א פייער, שטייגט פון טאג צו טאג, קויפן זיי וואס עס לאזט זיך, און מאכן באשטעלונגען. און ווען ער זעט ווי זיין פרוי פארשטייט אים נישט, פארוואס ער דארף זיין אזוי פארזארגט, איבערטראכטן, קומט ער צום אויספיר:

— פארשטייסטו מיך, שרה'לע, וואלט טאקע געווען אלץ גוט, איז דאך אבער מיין באלעבאס, דער אמתער בעל־דבר, א גראבער פליגל, איז ווען עס קומט צום חשבון, מאכט ער מיר פון אלץ א תל, אז עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. דער קונה טויג נישט, א צווייטער — האט נאך נישט געצאלט די פריערדיקע, טאר מען אים נישט שיקן קיין סחורה, און אז אנדערער האט גאר צופיל געקויפט, דארף מען אים שיקן א העלפט, און פון אלץ מיט אנאנדער בלייבט מיר א מיזעריע, כאטש נעם און צאל אים נאך ארויס.

— נאר זארג זיך נישט, נח, ענטפערט אים די פרוי מיט א שטיל צערטלעך קול, אים צו מוטיקן און צעשטרייען, נעם זיך נישט צום הארצן פון דעם, דיין געזונט איז טייערער. מיט די פארדינסטן וועלן מיר ווי עס איז אויסקומען. איך דארף נישט קיין לוקסוס, שמאכטעס צו באווייזן זיך פאר אנדערע... דיין געזונט איז מיר טייערער פאר אלץ... ווי דערלעב איך שוין דו זאלסט פטור ווערן אינגאנצן פון דער ביטערער פרנסה...

נח פינקל ווערט גערירט פון אירע רייד, וועלכע גיבן אים צו קו־

ראַזש. ער פילט, אַז זיין פרוי איז אים אַ געטרייער פריינט, וואָס מוטיקט אים שטענדיק. ער באַוווּנדערט איר קלאָרן פאַרשטאַנד, איר איבערגע־געבנקייט צו דער שטוב, צו די קינדער, איר אַרבעטזאַמקייט און איר שפּרודלדיקע ענערגיע, וואָס שטראַמט פון איר אַן אויפהער, ווי אַן אומ־אויסשעפּבאַרער קוואַל.

פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט רוט זי קיינמאָל נישט, איז שטענ־דיק פאַרנומען, לויפט אַרום מיט דראַבנע קינדערשע טריט איבער די צי־מערן און אפילו ווען זי איז פאַרמאַטערט און וויל זיך אָפּרוען, קען זי נישט זיצן ליידיק מיט פאַרלייגטע הענט. זי נעמט זיך דאַן צום אויסנייען, צום העפטן, פאַרטיפט זיך אין די קאָלירטע שטער, וואָס קייטלען זיך און ווערן פאַרוואַנדלט אין קאָלירטע בלימעלעך, אין צווייגעלעך, וואָס וואַקסן אַרויס פון די דינע שטענגעלעך. זי זאָגט, אַז אַזוי־ערנאָך רוט זי זיך אויס.

ער נעמט זי אַן צאַרט פאַר דער האַנט, גיט איר אַ לייכטן דריק, ער וויל מיט דעם שטומען האַנט־דרוק אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט. ער אַנט־שולדיקט זיך פאַר איר פאַר וואָס ער מוז אַוועקגיין, ער מוז צולויפן צום באַלעבאָס איבערגעבן די באַשטעלונגען און נעמען געלט אויפן חשבון.

אַריינקומענדיק אין גרויסן געשעפט, ווערט נח פינקל, ווי נישט באַמערקט. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף אים. ער פאַרלירט זיך, פילט זיך געפאַלן און באַליידיקט וואָס מען נעמט אים אויף ווי אַן אומגעבע־טענעם גאַסט... ער שפּירט אַ לייכטע קלעמונג אין האַרץ, וואָס קומט אים פון פאַרדרוס און באַליידיקונג... ער טראַכט, אַז איידער ער מאַכט די באַשטעלונגען, קומט עס אים אָן, ווי קריעת ים־סוף. ער דאַרף אַ סך מאָל זיך אויסריידן די גאַל, און דאָ — לאָזט מען אים שטיין ביי דער טיר, ווי מ׳זאָל איננאַנצן איגנאָרירן זיין מי און האָרעוואַניע...

דאָס געשעפט איז איצט אין פולער באַוועגונג. קונים דרייען זיך אַרום און לייגן אָפּ סחורות.

אין אַ ווינקל פון סאַלאָן ליגט אַ פולער שטוס פאַרפּאַקטע איינגע־בונדענע פּעקלעך און יעדעס מאָל ווען מען וואַרפט אַרויף נאָך אַ פּעקל אין דער הויך, גיבן די אונטערשטע אַרויס אַ פאַרשטיקטן שאָרך, ווי זיי זאָלן מיט דעם וועלן אַרויסווייזן זייער אומצופרידנקייט און אומגעדול־דיקייט, וואָס זיי דאַרפן וואַרטן אַזאַ לאַנגע צייט מ׳זאָל זיי צעשיקן.

די ווייסע אָנגעקלעפּטע צעטלען אויף די טונקעלע איינגעבונדענע פּעקלעך, זעען אויס פון ווייטן ווי ווייסע דרימלענדיקע טויבן, וואָס אָט וועלן זיי זיך אויפכאַפּן, אָנהויבן באַוועגן מיט זייערע צונויפגעלייגטע פליגלען און זיך צעפליען אין אַלע זייטן.

אויף טאַטשקעס מיט קליינע אייזערנע רעדלעך, וואָס מאַכן אַן אַ גרילצנדיקן סקריפּנדיקן גערויש, ווערן אַריינגעפירט קאַסטנס סחורה, פאַרשריבענע פון אַלע זייטן מיט גראָבע שוואַרצע בוכשטאַבן, אַרומגע־שלאָגענע מיט ברייטע באַנד־אייזנס — דאָס זיינען אימפּאָרטירטע סחורות

פון אויסלאנד, און ביים אויסלאדן זיי אין דעם טיפן קעלער פון סאלאן, פאלן זיי מיט א טומלדיקן בראזג און ציטער. מיט דעם ווילן זיי אויסדריקן זייער כעס און צארן, וואס נאכדעם ווי זיי האבן דורכגעקרייצט ימים און מ׳האט זיי אזוי זארגפעליק פארפאקט און פארזיכערט, פאררוקט מען זיי אין א פינצטערן קעלער.

די טעלעפאנען וואס געפינען זיך אין געשעפט קלינגען אלע ווײלע, רופן מיט זייער גלעקלדיקן גערויש, ווי זיי וואלטן געגעבן אלארם־סיגנאלן די אנגעשטעלטע, וואס דרייען זיך ארום אנגעשפיצטע, מיט די בלײפעדערס הינטער די אויערן און מיט נאטיר־ביכלעך אין די קעשענעס צו פארצייכענען וואס מען וועט ביי זיי באשטעלן.

די ביורא, וואס געפינט זיך ביי דער זייט איז אפגעצאמט מיט א נידעריק ווענטל פון רונדע שטאכעטן, אינעווייניק זיצן ביי די שרייב־טישן מיידלעך מיט ווייסע איינגעשטײפטע כאלאטן, איינגעבויגענע, פארטיפטע איבער די גרויסע ביכער און שרייבן נאכאנאנד.

אנדערע קלאפן אויף די שרייב־מאשינקעס, וואס גיבן ארויס שטילע, אפגעהאקטע קלאנגען, ווי טראפנס רעגן וואלטן געפאלן אויף א דאך. אייניקע זיצן איינגעגראבן די אויגן ביי די רעכנמאשינקעס און דריקן די ארויסשטארצנדיקע קנעפלעך, וואס גיבן ארויס א שטאלענעם אפקלאנג און א הארטן געקלימפער, ווי פון אייזערנע ציינער, וואס קריצן נאכאנאנד, פול מיט געבייזער און כעס ווילן זיי מיטן קריצן איבערשרייען און פארשרייען דאס כסדרדיקע קלאפן פון די שרייב־מאשינקעס און דאס ליארמען פון די קלינגענדיקע טעלעפאנען.

ביי איינעם פון די גרויסע שרייב־טישן, אין מיטן פון דער ביורא, זיצט דער באלעבאס אליין. ער זיצט אויף א מאדנעם שטול, וואס דרייט זיך אין אלע זייטן, ארום און ארום. ער זופט פון א קליין טעפעלע שווארצע קאווע צו קליינע זופעלעך, און יעדן מאל ווען ער דארף עפעס איבערגעבן די אנגעשטעלטע, גיט ער זיך א דריי מיטן שטול און ער איז שוין פונקט אנטקעגן צו וועמען ער דארף זיך ווענדן. פאר נח פינקל קומט אוים קאמיש דער דרייענדיקער שטול, וואס איז ענלעך צו די, וואס מען זעט אויף די קינדערשע קארוסעלן, נאר מיטן אונטערשייד, וואס דארטן פארהילכן די קינדערלעך, מיט א לאכנדיק שטיפעריש, זארגלאז געלעכטער, און דא זיצט אויף דעם זיין באלעבאס. זיצט מיט אן ערנסט שטרענג פנים, זופט די ביטערע שווארצע קאווע און גיט אלע ווײלע באפעלן....

נח פינקל גייט צו נאענט צו אים. דער באלעבאס, ווען ער דערזעט אים, גיט א שאקל מיטן קאפ, פארזשמורעט איין אויג און גיט א באלכסונדיקן קוק פון איין זייט, ווי ער וואלט זיך נישט פארגונען אים צו באגריסן און אנצוקוקן מיטן גאנצן פנים...

נח פינקל עפנט אויף זיין לעדערנעם פארטפעל און נעמט ארוים

די פארצייכנטע ביכלעך באשטעלונגען און וויל זיי איבערגעבן דעם באלעבאס. עס קומט אים מיט אמאל דאס גאנצע בלוט אין פנים. ער זעט ווי דער באלעבאס גיט זיך א דריי אויס פון אים מיטן שטול און שטופט אפ מיט ביידע הענט די ביכלעך, וואס ער דערלאנגט אים. ער זעט שוין נישט זיין פנים. ער הערט נאר זיין קול פון הינטער זיין פלייצע, וואס האגלט נאכאנאנד:

— „פעדידאס" מיר געבראכט! א גדולה האט מיך געטראפן, איך קען זיך מאכן א מענטליק מיט דעם. איך דארף איצט האבן אייערע „פעדידאס" אויף ניין און ניינציק כפרות...

ער כאפט איינעם פון די ביכלעך, וואס ליגן ווי פארשעמטע אויפן טיש, הויבט אן בלעטערן, זוכט שנעל לויפנדיק מיט די אויגן איבער די פארצייכנטע שורות און אז ער געפינט דאס וואס ער זוכט, רעדט ער ווייטער, ווי צו זיך אליין:

—כ'האב באלד געוווסט, פארקויפט די גאנצע וועלט טשוועקעס. גיי, שיק זיי אוועק סחורה, וואס איז איצט מיט גאלד צוגלייך... שטייגט פון טאג צו טאג, צעשיק דאס ערגעץ הינטער די הרי־חושך, און דערנאך גיי זוך דעם ווינט אין פעלד... און ווענדנדיק זיך דירעקט צו אים, הערט ער ווייטער זיין שיפענדיק קול, — ווער דארף אייך מיט אייערע „פעדידאס" איצט, מען רייסט מיר סחורה פון די הענט, מען גיט מיר טשעקן פארויס — דארף איך דאס פארטאכלעווען? — ער גיט א שמיץ דאס ביכל אויפן שרייבטיש, דאס ביכל פאלט מיט א פארשטיקטן שארך פון די פארשריבענע בלעטלעך, ווי א שטילער געמורמל פון ווייטיקלעכן פארדרוס און בושה, צוגעבנדיק:

— איר קענט זיך האלטן מיט זיי, ארויסווארפן אויף א ריינעם ארט!

נח פינקל ווערט בלייך. ציטערט אין גאנצן פון פארדרוס און באליידיקונג. ער פילט ווי דאס הארץ זיינס צאפלט זיך פון אויפרעגונג, פארגייט זיך אין קראמפן, ווי א שווערע דריקנדיקע משא ווואלט ארומגענומען זיין גאנצן ברוסט־קאסטן און לאזט אים נישט אטעמען. ער האלט אפן דאס מויל און זיינע בלוילעכע ליפן ציטערן.

ער באמערקט נישט ווייט פון אים זיינע וואליזעס, זיי שטייען צעעפנטע. אלץ איז צונויפגעקנוידערט און איבערגעווארפן, דורכגענישטערט און איבערגעקאנטראלירט. זיי שטייען ווי פארשעמטע און באליידיקטע. זיינע וואליזעס, — ווי אלטע גוטע פריינט, וואס באגלייטן אים אין אלע רייזעס, פארלאזן אים נישט אין די איינזאמע נעכט אין די אומעטיקע פארמרהשחורהטע האטעל־צימערלעך מיט די ליידיקע גרויע ווענט, וואס קוקן צו אים פארכמורעט און עלנט. איצט זעען אויס די וואליזעס זיינע, ווי שמייכלדיקע באקאנטע פונימער פון נאענטע פריינט, וועלכע קוקן אויף אים מיט מיטלייד און רחמנות און די אפענע שלעסער סטארטשען ארויס

מיט שטאָלענער פאַרביסנקייט אין דעם לאַנגן סאַלאָן, וואָס פרעמדע אומבאַ־קאַנטע הענט האָבן זיי געעפנט, גענישטערט אינעווייניק, געפאַרשט מיט אומצוטרוי און חשד, איבערגעטאַפּט אַלץ מיט די פינגער.

נח פינקל שפּירט ווי אַלע ערגערנישן און עגמת־נפשן פון דער גאַנ־צער צייט, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין אים, שפּאַרן זיך מיט אַלע כּו־חות אַרויסצוגיין אויף דער פרײַ... ער וויל מיט עפּעס שטילן זיין כּעס, זיין פאַרדרוס, וואָס רייסט זיך פון דער טיפעניש פון זיין געמיט.

ער זעט אַ פולן שטוים מיט איינגעלייגטע סחורות לעבן אים, וואָס ליגן רואיקע, מיושבדיקע און פאַרטייעטע, ווי זיי זאָלן אָפּוואַרטן דעם צו־זאַמענשטויס, וואָס האַלט ביים אויסברעכן.

ער לויפט צו, צעשפּרייט זיינע אָרעמס, נעמט אַז אַ פולן הויפן מיט סחורות און הויבט אָן וואַרפן, שליידערן דעם באַלעבאָס אין פּנים, זאָגנ־דיק מיט אַ ציטעריק אָפּגעהאַקטער שטימע:

— איצט דאַרפט איר מיך מער נישט... פריער זייט איר מיר נאָכגע־לאָפן, זיך געבעטן ביי מיר, איך זאָל נעמען אייערע מוסטערן, מיר אָנ־געזאָגט — וואָס מער פאַרקויפן. איצט, אַז די סחורה שטייגט, דערקענט איר מיך מער נישט... איר הויבט זיך ווי מיסט אויף אַ ווידלע... איך האָב מיין געזונט אָוועקגעלייגט מיטן פאַרן פאַר אייך! אַרומפירנדיק זיך מיט אייערע שמאַטעס, געוואָרן אויס מענטש, זיך איינגערעדט אין האַרצן. איצט בריקעט איר, ווי אַן אָנגעפרעסענע בהמה... און איר ווילט יענעם צודעפּ־טשען מיט פיס... איר זייט געמיין און פאַרדאָרבן.

נח פינקל האָט געפילט ,ווי עס ווערט געשטילט אין אים דער כּעס, וואָס האָט געברויזט אין אים אַזוי פיל יאָרן... ער האָט געקוקט אויפן באַ־לעבאָס, וואָס איז געבליבן זיצן ווי אַ תּם, געגלאָצט משונהדיק מיט די אויגן, און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די שווערע שטי־קער סחורות, וואָס ער שמיצט דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין, זיינען שטיקער לעבנס, זיינע יאָרן פאַרטאָכלעוועטע אויף גאָרנישט, ווייט פון דער היים.

ער האָט געשפּירט, אַ קעלט נעמט אים דורך דעם גאַנצן קער־פּער, די פיס ברעכן זיך אים און אַ שוואַכקייט באַהערשט אים, ווי ער וואָלט אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פרירנדיקער הוילקייט, דערשטיקט צו ווערן.

ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דער מחיצה, וואָס האָט אים אָפּגע־טיילט פון באַלעבאָס, זיך אָנגעשפּאַרט אין די רונדע שטאַכעטן און גע־טראַכט, אַז זיין גאַנץ לעבן הענגט איצט אויף מישקולת. ער איז אַ קליינ־טשיק שטויבעלע, וואָס האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף אַ דינעם שפּינוועבס, פאַרצויגן אין חלל, און וואָס קען פון יעדן ווינטל צעריסן ווערן און אַראָפּ־פאַלן...

דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ זיינס, וואָס פאַרגייט זיך פון יעדער מינ־דעסטער קלייניקייט אין אַ טעמפּ, דריקנדיקן ווייטיק, ווי עס וואָלט ביי

אים געמאַנט חשבון, קלאַפּט איצט האַסטיק און שווער, קלינגט אָפּ אין זיין געמיט, ווי דאָס הילכן פון אַ ליאַרעם־געשריי, וואָס וואָרנט פון א נאָנ־טער געפאַר... אַז דאָס אַפּגעשוואַכטע האַרץ זיינס קען צו יעדער צייט אַנטשווינגן ווערן. בלייבן וועלן נאָר שטיקלעך לעבנס זיינע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף די וועגן, אויף די שאָסייען, וואָס וועלן ווי לעצטע פאַרשפּעטיקטע וואָלקנס אין דעמערונגס־צייט, וואָס איילן זיך צו מעריב־זייט, און צינדן זיך מיט דעם לעצטן אָפּגלאַנץ פון די פלאַמען פון דער פאַרגייענדיקער זון, און צעגייען זיך, ווי נעפּלדיקע רויכן אין ענדלאָזן רוים.

זעקס יזכור־ליכט

ווען עס איז געבוירן געווארן ביי בערל דעם שניידער דאס דריטע קינד, א מיידל, האט ער געטאנצט פון דער הויט פון שמחה. עס האט אים געהויבן פון מאשין, נישט געקענט איינזיצן, זיך אלע ווײַלע ארײַנגעכאפּט צום קינד.

די מוטער, א בלייכע, מיט קלארע אויסגעוואשענע אויגן, האט אים אנגעצויגן, מיט א שוואכע שטים אים געזאגט:

— דארפסט זיך פרייען, בערל, מיט דער טאכטער וואס איך האב דיר געבראכט. קוק זיך איין אין פנימל, סארא איידעלע שטריכן דאס האט, און די אייגעלעך זיינען שווארצע, ווי קויל.

— בערל צעשמייכלט זיך און זאגט:

— אינגאנצן געראטן אין דיר, די מאמע פון אויג. זאל פעלן א האר!

און צעלאכט זיך אויפן קול.

די מוטער ענטפערט אים מיט א שמייכל. באוועגט דעם קאפ אויף א זייט. קוקט זיך איין צום קינד, און זאגט:

— מיר דוכט, אז זי האט דיינע שטריכן אויך.

בערל שאקלט מיטן קאפ אויף ניין, ער איז נישט מסכים. באשטייט נאר אויף זיינס. ער וויל די טאכטער זאל זיין געראטן אין דער מאמען. זאל האבן דער מאמעס חן.

ער בויגט זיך איין, גיט א קוש דעם ווייב וואס קוקט צו אים מיט ליבלעכע מילדע אויגן. דערנאך רירט ער קוים צו די ליפן צום ניי־געבוירענעם קינדס פנימל, ווי ער זאל מורא האבן עס וויי צו טאן.

* *
*

מיט שיינדעלעס וואַקסן און עלטער ווערן איז אויך געוואַקסן איר ליבע צום פאָטער.

זי האָט זיך דערוויטערט פון דער מאַמען, פון וועמען זי הערט קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט. האַלט אין איין שרייען, זיך בייזערן אויף אַלעמען, גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג אַן אַנגעלאָדענע. טענהט אַז מען פּילט איר נישט מיט. זי וועט פאַלן פון די כוחות און האַלט איר אין איין פאָרווארפן אַז זי איז שוין אַ גרויס מיידל און דאַרף העלפן דער מאַמען.

שיינדעלע קלעפּט זיך אַלץ מער צום טאַטן, וואָס איז אַזאַ שטילער. רעדט קיינמאָל נישט מיט קיין הויכן קול, שרייט נישט, בייזערט זיך נישט אויף קיינעם, איז שטענדיק פריילעך, גוטמוטיק, שמייכלט צו אַלעמען, און טאָמער איז אים עפּעס, ווייזט ער עס קיינעם נישט אַרויס, דריקט אין זיך... ווי ער זאָל נישט וועלן מיט דעם פאַרשאַפן קיין ליידן אַנדערע...

און אַז ער זיצט ביי דער מאַשין און לאָזט זי אַוועק אין פולן גאַנג, דוכט זיך שיינדלען אַז די מאַשין זינגט מיט איר דינעם שטאָלענעם גערויש. דער טאַטע צעלאָזט זיך אויך אויף זיין שטייגער. זיין באַסאָווע באַהאַרצטע שטימע גיסט זיך צונויף מיט דעם דינעם טרוקענעם קלאַנג פון מאַשין און עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אַקאָמפּאַנירט איינע די אַנדערע.

דאָס קינד זיצט אַנטקעגן, קוקט דעם טאַטן אין מויל אַריין און אירע קינדערשע תמימותדיקע אייגעלעך צעגלאַנצן זיך פון פרייד. זי שפּירט אַ נאָענטקייט און ליבשאַפט צום טאַטן. זי לויפט צו צו אים, נעמט אים אַרום מיט אירע ווייכע קינדערשע הענטלעך און קושט אים אַן אויפהער.

די מאַמע, וואָס באַמערקט עס פון ווייטן וואָרטשעט אין דער שטיל:

— דער טאַטע מיט די ביינער, זאָל פעלן אַ האָר.

בערל שפּירט דעם קינדס צוגעבונדנקייט צו זיך. היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ. נעמט עס שטענדיק מיט זיך און ביים שפּאַצירן באַמיט ער זיך איינצופלאַנצן ביים קינד ליבשאַפט־געפילן, ליבע צו אייגענע, משפּחה און צו אַלע מענטשן בכלל.

זיי גייען פאַרביי אַ גאָרטן מיט פאַרשיידענע בלומען, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייערע שיינע פאַרבן און פאַרשיכורן מיט זייערע צאַרטע ריחות.

— אַ מענטש — זאָגט בערל און ווייזט איר די בלומען — דאַרף זיך לערנען צו זיין ווי אַ בלום. זיינע מעשים דאַרפן זיין ווי די אַנגענעמע ריחות, וואָס בלומען פאַרשפּרייטן אַרום זיך, גיבן אַרויס פון זיך. בלומען אַז דו רירסט זיי אָן, גלעטן זיי דיך מיט זייערע צאַרטע סאַמעטענע בלעטער. און אפילו אַז דו רייסט זיי אָפּ שפּירסטו נאָך לאַנג דעם שמעקעדיקן גערוך, וואָס פאַרשאַפט גענוס און פרייד.

דאָקעגן, זאָגט בערל, זעען מיר, ווי צוזאַמען מיט בלומען וואַקסן אויך דערנער. זיי גיבן גאָרנישט. מען האָט פון זיי קיין גענוס נישט און אַז דו רירסט זיך צו צו זיי, שטעכן זיי דיך, פאַרשאַפן יסורים, ווייטיקן.

דערנער מיידט מען אוים... מען דערווייטערט זיך פון זיי... מען האָט מורא זיך צוצורירן צו זיי, זיך דערנענטערן. בלומען, אָבער, האָט מען ליב, מען באַוואונדערט זייער שיינקייט...

דאָס קינד הערט זיך צו צום טאַטנס רייד וואָס טריפן אין איר הערצל ווי טראָפּנס פון אַ פאַרשיכורט געטראַנק. דער פאָטער באַמערקט עס און זיין האַרץ וואַקסט פון פרייד. — קוקט מיט ליבשאַפט צום קינד.

אַז זי ווערט עלטער, באַמיט זיך בערל צו באַקאַנען דאָס קינד מיט זיין פאַרגאַנגענהייט... דערציילט איר פון זיין היים, זיינע יוגנט־יאָרן, די אָרעמקייט אין שטוב... זיינע עלטערן, וואָס האָבן שווער געקעמפט פאַרן שטיקל ברויט און דערנאָך ווי די קינדער צעפליען זיך איבער דער גאָרער וועלט, די בענקשאַפט פון די עלטערן וואָס ער פלעגט אַרויסלייענען פון די באַקומענע לאַנגע בריוו...

שיינדעלע הערט אוים מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. איר קינדיש הערצל פילט מיט זייערע ליידן, זייער בענקשאַפט. אירע אייגעלעך פאַרנעפּלען זיך. זי זיפצט אָפּ ווי אַ גרויסע און זאָגט מיט אַ טאָן פון מיטלייד:

— אָרימינקע! וויפל זיי האָבן זיך דאָס אָנגעליטן!

* *
*

שיינדעלע קען נישט פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איר טאַטן. ער איז געוואָרן אַ פאַרביטענער נישט צו דערקענען.

נאָכדעם ווי עס איז ביי זיי געוועזן זיינער אַ פריינט און זיי האָבן לאַנג גערעדט צווישן זיך, איז דער טאַטע געוואָרן אין גאַנצן אַן איבער־געאַנדערשטער. ער זיצט גאַנצע טעג ביים מאַשין איינגעבויגן, ווי עס וואָלט אים געדריקט אַ שווערע משא... זינגט מער נישט ביי דער אַרבעט, ווי ער איז געוווינט. זיינע בליקן קוקן טרויעריק פאַר זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען און ווי פאַרזונקען אין אַנדערע מחשבות. פון צייט צו צייט שטעלט ער אָפּ די מאַשין, שפּאַרט אַן דעם קאָפּ איןביידע הענט און זיפצט אַרויס.

שיינדעלע ווערט אומעטיק, דערשרעקט זיך פאַרן טאַטן. זי פאַרשטייט אַז עפּעס טרויעריקס איז געשען וואָס האָט דעם טאַטן אַזוי פאַרענדערט. זי קוקט אים אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט וועלן פון דאָרטן אַרויס־לייענען זיין צער... זיך דערוויסן דעם טרויעריקן סוד...

זי זוכט אים צו צעשטרייען, פאַרגרינגערן זיין געמיט. זי זעט, אַז עס געלינגט איר נישט. דער שמייכל, ווי אַ פרעמדע זאַך וואָס איז אים דערווידער, גליטשט זיך אַראָפּ פון זיין פּנים און פאַרשווינדט. ער בלייבט זיצן פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זי נישט באַמערקט.

דאָס קינד לײַדט וואָס דער טאַטע פאַרגעסט אין איר. שענקט איר נישט די זעלבע אויפמערקזאַמקייט, ווי פריער... זי שרעקט זיך פאַר עפּעס, און אַז זי בלײַבט אַליין מיט אים, דערנענטערט זי זיך מיט שטילע פויגל־שע טריט און איר קינדישע ציטעריקע שטימע פרעגט פאַרזאָרגט:

— טאַטע, — זאָגט זי און האָקט באַלד אָפּ. בלײַבט אַ ווײַלע פאַרקלערט, וויסנדיק אַז דער טאַטע וועט איר באַלד אַנטפּלעקן אַ טרויע־ריקע זאַך.

און אַז דער פאָטער הויבט אויף אויפן קינד זײַנע אויגן, באַקומט דאָס קינד מער קוראַזש און זאָגט:

— וואָס האָט דער פרעמדער דיר דערציילט, ווען ער איז געווען בײַ אונדז צו גאַסט?

בערל קוקט פאַרחידושט אויפן קינד. ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע. ער ישובט זיך אַ ווײַלע צי ער זאָל דעם קינד דערקלערן, פאַרשאַפן עגמת־נפש?

— קום, מײַן קינד — ער נעמט זי אָן פאַר דער האַנט און זאָגט איר דערנאָך:

—איך מוז דיר דערציילן — און זײַן שטימע ציטערט אינגאַנצן פון עמאָציע — דו דאַרפסט עס וויסן, שיינדעלע, דו ביסט אַ יידיש קינד, און דאַרפסט וויסן וואָס מען האָט געטאָן מיט די טײַערע ליבע יידישע קינ־דערלעך. יענער מענטש איז מײַנער אַ יוגנט־פרײַנט פון דער זעלבער שטאָט ווי איך, וואָס האָט זיך צופעליק געראַטעוועט... ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַ טרויעריקן גרוס פון אונדזער משפחה, פרײַנט, באַקאַנטע, דאָס גאַנצע שטעטל. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן... אַלעמען האָט דער שונא אומגעבראַכט. פריער האָט מען זיי געפּייניקט... דערנידעריקט... און דערנאָך זיי געשיקט צום טויט... אַזוי זײַנען זיי אַלע אַוועק — און מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט קענען מער זען, קיינמאָל... ענדיקט בערל מיט אַ וויינענדיקע שטימע.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז בערל געקומען פון גאַס מיט אַ קליין פּעקעלע אין האַנט. שיינדעלע איז צוגעלאָפן און עס אויפגעעפנט. געקוקט מיט מאָדנע שטוינענדיקע אויגעלעך. זעקס ווײַסע ליכט זײַנען געלעגן אײַנעווייניק, און געגלאַנצט מיט זייער ווײַסקייט, און בײַם פאַ־נאַנדערוויקלען, האָבן זיי געשפּריצט העלע פלעקן, איבער די טונקעלע ווענט פון דעם צימער.

בערל האָט צוגערופן דאָס קינד:

— געדענק, שיינדעלע, — האָט ער זי געוואָרנט — מאָרגן איז אַ טאָג וואָס מען טאָר זיך נישט פרייען. מען טאָר נישט זינגען, מען טאָר נישט לאַכן. דעם טאָג דאַרפן מיר שטענדיק דערמאָנען... אײַנקריצן אין אונדזער זכרון... עס איז אַן אָנדענק־טאָג נאָך אונדזערע נאָענסטע און טײַערסטע וואָס זײַנען אַזוי גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן... נאָך די יונגע אומ־

שולדיקע יידישע קינדערלעך וואָס זיינען אזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן... דאַרפסט עס וויסן, שיינדעלע, האָט ער זי צאַרט געגלעט איבערן קעפּל. שטענדיק דאַרף מען עס געדענקען... און דאָס זיינען די זעקס יזכור־ליכט — האָט ער אַנגעוויזן, — וואָס מען דאַרף מאָרגן אין אוונט אָנ־צינדן, אַלס אָנדענק נאָך זיי, נאָך זייערע געליטערטע נשמות...

בערל באַמערקט ווי ביים קינד בייט זיך די פאַרב אין פּנים. עס ווערט בלאַס, דורכזיכטיק. אירע צעשראָקענע אייגעלעך ווערן אָנגעפילט מיט טרערן. אַט באַלד וועט עס אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין. ער דריקט עס צו צו זיך און פילט ווי דאָס קינד טוליעט זיך צו אים, ווי עס זאָל פאַר עפּעס מורא האָבן און זוכן ביי אים שוץ...

אויף צו מאָרגנס איז שיינדעלע אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אַ שווייגנדיקע, אַן ערנסטע. זיך באַמיט צו פאָלגן דעם טאַטן, זיין לעבן אים. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים אַ סעקונדע. מיטגעפילט דעם טאַטנס זאָרג און טרויער... מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל ווערן נאַכט. שרעק און נייגעריקייט האָבן זיך צונויפגעמישט אין קינדישן מוחל און מיט אַנגסטלעכער דערוואַרטונג האָט זי געוואָלט עס זאָל ווערן פינצטער און דער טאַטע זאָל אָנצינדן די זעקס ליכט.

בערל האָט דעם פאַרנאַכט געענדיקט פריער די אַרבעט, פאַרדעקט די מאַשינען, זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן.

דאָס קינד איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים אַ מינוט און אים באַגלייט אויף טריט און שריט.

און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָט ער געהייסן אַריינרופן די מאַמע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. די צוויי ברידערלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, און אָנגעהויבן צינדן די ליכט, וועלכע האָבן צו־ערשט אַרויסגעגעבן קליינע ציטעריקע פלעמלעך, דערנאָך זיך צעברענט מיט אַ העלן פייער, וואָס האָט געשאַפן אַ דערדריקנדיקע אומהיימלעכקייט אין צימער... ציטעריקע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט איבער די ווענט...

שיינדעלע קוקט מיט אַ פאַרוואורף אויף די ברידערלעך, וואָס פילן נישט מיט דעם טאַטנס צער... זיי שטייען אין אַ זייט, פאַרוויטיקטע, פאַר־שוויצטע, און פינטלען מיט די אויגן פון צעטומלטקייט און אומגעדולדי־קייט, פאַרוואָס מ'האָט זיי איבערגעריסן דאָס שפּילן. זיי פאָלגן נאָך מיט צעשראָקענע אויגן דעם טאַטנס באַוועגונגען.

זי זעט די מאַמע, וואָס שלוכצט אויפן קול, ווי אַ צונויפגעקנויל־טער וויטיק וואָלט זיך מיטאַמאָל אויפגעוויקלט אין איר, פאַרשאַפט מור־ראַדיקע יסורים... אירע פאַרלאָפענע אויגן, בלאַנדזשען אַרום איבער די ליכט, איבער די ציטערדיקע פלעמלעך... די מאַמע דערנענטערט זיך צו איר מיט דראָבנע טריט, גלעט זי איבערן קעפּל, נעמט זי אַרום, טוליעט זי צו צו זיך, און קושט זי אָן אויפהער.

שיינדעלע באַמערקט ווי די מוטער גייט אויך צו צו די ברידערלעך, נעמט זיי אַרום, דריקט זיי צום האַרצן און זיפצט אַרויס אויפן קול.

שיינדעלע קוקט אויף די ברענענדיקע ליכט און דערשרעקט זיך. די ציטעריקע פייערלעך וואַרפן אַן אויף איר אַ פּחד. זי זעט די פלעמלעך ציען זיך אין דער הויך איבערן צימער, פאַרענדיקן זיך דין, שפּיציק און עס דוכט זיך איר אויס, אַז די פלעמלעך האָבן אַ פאָרעם פון ציטעריקע פינגער, וואָס שטרעקן זיך פאַרשפּיצטע אין חלל, טייטלען מיט התראה אין דער לופטן. וואָרענען און דראָען: גערענק! זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, קיינמאָל — — —

זי קוקט אויפן טאַטן, וואָס שטייט האַלב־איינגעבויגן, קוקט פאַר־שטאַרט אויף די ברענענדיקע ליכט און זיינע פייכטע אויגן קוקן פאַר זיך פאַרנעפּלט, פאַרטרערט.

שיינדעלע פילט, אַז זי האַלט מער נישט אויס. פאַלט צו צום טאַטן, גראָבט איין אין אים איר קעפּל, און צעכליפּעט זיך מיט אַ קינדיש האַרץ־רייסנדיק געוויין.

דאָס געוויין ווי דאָס וואָיען פון אַ ווינט, צעשפּרייט זיך איבערן צימער און דערגענטערט זיך צו די ברענענדיקע ליכט. די ליכט בויגן זיך אויף אַ זייט, גלייכן זיך באַלד אויס און צעפלאַקערן זיך נאָך שטאַר־קער און העלער.

בערל גלעט צאַרט דאָס וויינענדיקע קינד איבערן קעפּל, וויל עס באַ־רואיקן, באַמיט זיך עס איינצושטילן און עס געלינגט אים נישט. ער פילט די הייסע קינדישע טרערן וואָס רינען אַראָפּ און בריען זיינע הענט. ס'קינד שלוכצט. בערל קוקט אויפן קינד ווי צעטומלט, צעשראָקן, וויל עס עפּעס זאָגן און קען נישט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. ער פילט אַז אָט וועט ער אַליין אַרויסשרייען מיט אַ געוויין, וואָס וועט אויפטרייסלען דעם חלל, צערייסן די באַנאַכטיקע שטילקייט. ער שלינגט די טרערן און שלוכצט אַרויס די ווערטער מיט אַ וויינענדיק קול:

— מען טאָר נישט וויינען, מיין קינד! מיטן וויינען וועט מען גאָר־נישט העלפן, מ'דאַרף נאָר געדענקען און שטענדיק זיי דערמאָנען. קיינ־מאָל טאָר מען זיי נישט פאַרגעסן. — — —

דער שול־דירעקטאָר

שוין יאָרן ווי נח צוויט שטייט ביי דער אָנפירונג פון שול. ער איז פון נידעריקן וווּקס, א בלאַסער, מיט א קלוגן דורכדרינגלעכן בליק און אַרויס־געשטאַרצטע שפּיציקע קינבאַקן, וואָס זאָגן עדות פון זיין עקשנות, די־נאַמישקייט און שפּרודלדיקער ענערגיע.

אַלע ענינים פון דער שול גייען דורך דורך אים. צונויפשטעלן די לערן־פּראָגראַמען, קאָנטראָלירן די לערערס, אין זינען האָבן דעם בור־דזשעט, וואָס מען קען קיינמאָל נישט אויסגלייכן די הוצאה מיט דער הכנסה; היפּאָטעקן פון דער שול־געביידע, וואָס מען קען זיי נישט סילוקן צו דער באַשטימטער צייט און ס'וואַקסט פּראָצענט אויף פּראָצענט; אַלטע חובות, וואָס פאַרגרעסערן זיך כסדר, — אַלץ פאַלט כמעט אויף אים אַליין. נח צוויט, ווי דער שול־דירעקטאָר, דער אָנפירער, דאַרף אויף אַלץ אַכטונג געבן, באַזאָרגן, האַלטן אין אויג.

דערפאַר, איז נאָך איידער ער טרעט אַריבער די שוועל פון דער שול־געביידע און באַגעגנט זיך מיט די היימישע יידישע אותיות, וואָס לייכטן אַראָפּ פון די ווענט און זאָגן אַז ווי מיט א שטיל פליסטערנדיק קול יעדן דורכגייער, — אַז אין דער געביידע געפינט זיך א יידישע שול, פילט ער א נשמהדיקע באַפרידיקונג פאַר זיין מי און אָנשטרענגונג, וואָס נעמט ביי אים צו אַזויפיל כוחות און געזונט.

שפּעטער, ווען עס קומען זיך צונויף די תלמידים, באַגריסן אים מיט זייערע יונגע קלינגענדיקע שטימעלעך, שטעלן זיך אויס אין רייען, זינ־גען צוזאַמען דעם שול־הימן און מאַרשירן אַריין לויטן טאַקט אין די קלאַסן, דאַן נעמט אים אַרום א וואַרעמער גלעטנדיקער געפיל, וואָס שטראָמט פון די קינדער צו אים, און פילט אים אַז מיט דערהויבנקייט און יום־טובדיקייט...

ווען ער זעט די קינדער אַריינמאַרשירן אין די קלאַסן, פאַרגעסט ער אין אַלע זאָרגן און דאגות פון דער שול, די הינטערשטעליקע חובות, די היפּאָטעקן, אַלץ פאַרשווינדט און טרעפט אָפּ, ער זעט נאָר די ליכטיקע, פריידיקע פּנימלעך פון די קינדער אין די ווייסע כאַלאַטלעך, וואָס זינגען און פאַרהילכן דעם אָרום מיט זייער מונטער געזאַנג, מיטן היימישן קלאַנג פון יידישן ליד.

און מאָרגנס, ער קען זיך דאָס נישט דערקלערן: אַ סך מאָל ווען ער זעט די קינדערלעך פאַרביימאַרשירן אין די קלאַסן, קומען אים אויפן געדאַנק די ליידנדיקע פּנימלעך פון די פאַרפּייניקטע יידישע קינדערלעך פון די אָפּגעשלאָסענע געטאָס, אין די לאַגערן, אין די קעלערן און אין די בונקערס, וווּ זיי האָבן געציטערט פאַר יעדן שאָרך, פאַר יעדן דרויסנדיקן קלאַנג, פאַר פרעמדע טריט, אַפילו פאַרן אייגענעם קול; וואָס האָבן געליטן הונגער, נויט און אַלערליי דערנידערונגען. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פיבערדיקע אויסגעהונגערטע אויגן, האָבן געזוכט אַ רעטונג, געמאַנט אַ באַשייד צו זייערע איבערמענטשלעכע ליידן און יסורים און זיינען אויסגעגאַנגען מיט דערשטיקטע אויסגעשרייען אויף זייערע קינדערישע ליפּן, מיט אַ שווערער באַשולדיקונג צו דער וועלט... און אַ טיפער קללה אויף די פּייניקער...

און דאָ — אַזאַ קאָנטראַסט, אַזאַ אונטערשייד... ער זעט פאַר זיך יידישע קינדערלעך, זאַטע, זאָרגלאָזע, פריילעכע. זייערע אייגעלעך קוקן מונטער און דרייסט. זייערע שטימעלעך קלינגען פריי און הילכיק איבער די קאָרידאָרן, ווי זיי זאָלן וועלן פאַריאָגן דעם אומעט, אים מאַכן פאַרגעסן די מאָנענדיקע געשטאַלטן, און אַ פאַרלאַנג דערוועקט זיך ביי אים — אַרומנעמען די קינדערלעך, און אויסקושן זיי פאַר פרייד.

* *
*

נח צוויט קומט נאַכט אין נאַכט שפּעט אַ היים פון דער שול, און דאָס ווייב האָט צו אים גאַנצע תרעומות פאַרוואָס ער האָט פאַרגעסן אין אַלץ, אין דער היים, אין איר, און לעבט נאָר מיט דער שול... און טראַכט אַפילו נישט פון זיין אייגענעם שוואַכן געזונט. ער איז אַ מתחייב בנפשו... — וואַרפט זי אים פאָר. ער שמייכלט צו איר אַביסל פאַרשולדיקט און פאַרענטפערט זיך:

— ס'איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, — וויל ער זיך פאַרטיידיקן. אַלע זוכן זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט, גיבן אָן אַ תירוץ — אַז זיי זיינען פאַרנומענע מענטשן. זיי קענען נישט איבערלאָזן זייערע פאַבריקן און געשעפטן אויף הפקר... און דעריבער פאַלט די גאַנצע לאַסט אויף אים...

דאָס ווייב איז נישט צופרידן פון ענטפער. איר פאַרזאָרגט פּנים דריקט אויס אומצופרידנקייט און מורא. זי קוקט אויף זיין בלאַס געזיכט, אויף די שוואַרצע אונטערגעהאַקטע צייכנס אונטער די אויגן פון נישט דערשלאָפענע נעכט, וואָס וועקן אין איר אומרו און פאַרזאָרגטקייט.

— און אַז זיי דאַרפן אָפּהיטן זייערע פאַבריקן, זייערע געשעפטן, דעריבער דאַרפסטו פּטרן די כוחות, מאַכן א תל פון דיין געזונט? — זי דרייט זיך אָפּ אין אַ זייט, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און צעוויינט זיך אויפן קול.

נח צוויט פילט זיך שולדיק פאַרן ווייב. ער טראַכט, — אַז זי איז גערעכט און ער קען זיך דאָך קיין עצה נישט געבן. ער בלייבט צעטומלט און גערירט פון ווייבס טרערן און ווייסט איר נישט וואָס צו ענטפערן, מיט וואָס איר איינצושטילן.

ער ווייסט, אַז צווישן די אָנפירער פון דער שול זיינען פאַראַן געציילטע מענטשן, וואָס זיינען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן... די איבעריקע קומען נאָר אין אַ יומא דפגרא, ווען עס איז א יום־טוב, דאַן באַווייזן זיי זיך, מיט זייערע ווייבער, אויסגעפּוצטע און אויסגערוטע, — קומען זיי צופאָרן מיט זייערע גלאַנציקע אויטאָמאָבילן, וועלכע זיי לאָזן שטיין ביי דער טיר, און ווען זיי שטייגן אויס, גייען זיי געלאַסן, מיט געציילטע מיושבדיקע טריט. זייערע האָפערדיקע בליקן פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע אויף דעם פראָנט פון דער געביידע, צו די יידישע אותיות, וואָס לייכטן אַראָפּ פון דעם פּרעכטיקן שול־בנין און באַגריסן זיי מיט אַ הויימיש קול.

שפּעטער, ווען זיי זיינען אינעווייניק, זעצן זיי זיך אויס פייערלעך ביי די טישן, זייערע פּנימער ווערן פאַרצויגן ווי מיט אַן ערנסטער פאַרטראַכטקייט, ווי זיי וואָלטן געטראָגן דעם גאַנצן יאָך פון דער שול אויף זייערע פּלייצעס... דאָס וואַרטן זיי מ׳זאָל אַראָפּנעמען פון זיי פאָטאָגראַפיעס. די בילדער זאָלן אַרויס אין די צייטונגען, און אַלע זאָלן וויסן, אַז זיי שטייען ביי דער אָנפירונג... אַז זיי זאָרגן זיך פאַר דער אויפהאַלטונג און עקזיסטענץ פון דער שול...

נח צוויט גייט צו נענטער צום ווייב, נעמט זי אַן צאַרט פאַר דער גאַמבע, הויבט איר אויף דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, קוקט איר אַריין אין די פאַרטרערטע אויגן און זאָגט איר אין אַ שפּאַסיקן טאָן, זוכט זי צו צעשטרייען:

— נו, וויין נישט, מירעלע, איך קען נישט צוזען, אַז דו וויינסט. כ׳האָב ליב דיך צו זען אַ פרייליכע, אַ מונטערע, ווי שטענדיק, און נישט מיט קיין אומעטיק פאַרזאָרגט פּנים. פאַרשטייסטו מיך, זעצט ער פאָר מיטן זעלביקן שפּאַסיקן טאָן, — זיי, די איבעריקע שול־אָנפירער האָבן פאַבריקן, געשעפטן, פירן גרויסע מסחרים, זיי דאַרפן אָפּהיטן זייערע קאַפּיטאַלן, זייער האָב און גוטס, — זיינען זיי דעריבער צוגעבונדענע

מענטשן, האבן נישט קיין מינוט פרייע צייט, זיי דארפן אכטונג געבן אויף זייער אייגנס... אבער אזוי ווי איך פארמאג נישט די אלע זאכן, בין איך דאך א פרייער מענטש, א פרייער פויגל, ווי מען זאגט, קיין זאך בינדט מיך נישט צו, איז דער גורל געפאלן אויף מיר, מוז איך זיך אפ־געבן מיט ליבע און לעבן פאר דער שול...

דאס ווייב קען זיך נישט בארואיקן. זיינע האלב־שפאסיקע רייד רופן נישט ארויס ביי איר קיין שמייכל, ווי זי וואלט זיך אינגאנצן נישט צוגעהערט צו זיי. די פארזארגטקייט פון איר געזיכט טרעט נישט אפ. איר וויינענדיק קול דורכגענומען מיט זארג, ערגערניש און פארדרוס, פילט אן מיט אן אומעט דעם גאנצן ארום.

— אז איך זע דיך א סך מאל קומען שפעט ביינאכט פון שול, א מידער, א בלאסער, מיט אנגעשטרענגטע נערוועזע בליקן, אויסגעדארט און אויסגעקוואַרט, דערשרעק איך זיך פאר דיר... פאר דיין געזונט. כ'האב מורא פארן מויל צו ברענגען...

און אז די פרוי זעט ווי ער בלייבט פארטראַכט, הערט זיך צו אויפ־מערקזאם צו אירע רייד, נוצט זי אויס די געלעגנהייט און נעמט אים אן פארן האנט און זאגט:

— איך וויל מיר זאלן ארויספארן ערגעץ אויף עטלעכע טעג. דו מוזט מיר צוזאגן — פרובירט זי צושטיין צו אים, ווערן צודרינגלעך, וויל אים איבערצייגן ער זאל געבן זיין צושטימונג, — וועסט זען, אז דו וועסט זיך אויסרוען, קומען צוריק צו די כוחות. די פרישע לופט, דאס האבן ארפגעווארפן פון זיך אלע פליכטן און דאגות, וועט ווירקן אויף דיר און דו וועסט קענען קומען צו זיך.

נח צוויט פרובירט זיך קעגנשטעלן — ער וועט נישט קענען. ס'איז אומעגלעך. אין שול איז פאראן ארבעט איבערן קאפ. ווער וועט עס אלץ באזארגן? — ווי אזוי קען איך אלץ לאזן אויף הפקר און ארויספארן? פרובירט ער זאגן, מאכנדיק פארצווייפלטע זשעסטן מיט די הענט, ווי ער זאל איר מיט דעם באווייזן, אז ער וועט עס בשום אופן נישט קענען דורכפירן, פארווירקלעכן איר פארלאנג.

די פרוי בויגט זיך אריבער צו אים, ליגט ארויף שטיפעריש איר האנט אויף זיין מויל לאזט אים נישט ריידן, וויל נישט וויסן פון קיין שום ארגומענטן. ער מוז איר צוזאגן, אז זיי וועלן ארויספארן. ער מוז אומ־באדינגט נעמען אפרו.

* *
*

פון די וואקאציעס איז נח צוויט געקומען אן אפגעפרישטער, א באַ־נייטער. זיין בלאס פנים האט באקומען א רויטלעך־ברוינלעכן קאליר ווי

פון אַן אויסגעצייטיקטן מילגרוים, און פון זיינע שאַרפע דורכדרינגלעכע אויגן האָט געווייעט מיט אַ מילדער גלעטנדיקער רואיקייט וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך אין שטילן וואַלד, אויפן פרייען פעלד. דורכגענומען מיט די פרישע לאַשטשנדיקע ווינטלעך, וואָס האָבן אים געצערטלט און באַרואיקט, האָבן צוגענומען ביי אים אַלע פליכטן און דאגות און געהייסן אים זיין זאָרגלאָז און פריי, גענימן מיט דער פולער האַנט פון די עטלעכע געציילטע אָפרו־טעג.

נח צווימ, וואָס איז געקומען מיט נייע כוחות פון די וואַקאַציעס, האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. געוואָלט אַניאָגן די פאַרלוירענע צייט, וואָס ער איז געווען אָפּוועזנד און אַז עס זיינען אונטערגעקומען די לעצטע טעג פון שול־יאָר, איז די אַרבעט פאַרדאָפּלט געוואָרן.

די קינדער, וועלכע האָבן זיך געגרייט צום סוף־שול־יאָר, האָבן געדאַרפט צוגרייטן אַ פאַרשטעלונג, און די אַרבעט איז ווידער געפאַלן אויף אים אַליין. ער פלעגט קומען אַ מידער, אַ דערשעפּטער. די פרישע מונטערקייט פון זיין געזיכט איז פאַרשוואונדן. ער האָט ווידער אויסגעזען בלאַס און אָפּגעצערט. זיין דורכזיכטיקע גערונצלטע הויט האָט אַריינגעשלאָגן אין אַ געלבלעכן קאָליר, ווי אין זיין קערפּער וואָלט גענעסטיקט אַ פאַרצערנדיקע קראַנקהייט... זיין שטענדיק שאַרפער דורכדרינגלעכער בליק איז איצט געווען מאַט און צעשוומען, געבלאַנדזשעט, ווי ער וואָלט געזוכט ערגעץ אַ רעטונג, אַן אָנשפאַר...

אין אַ פרימאָרגן איז נח צווימ געבליבן צו בעט. פּרובירט אויפשטיין און נישט געקענט. געפילט שאַרפע ווייטיקן, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין זיינע גלידער, אין זיין אויסגעמאַטערטן גוף. די ווייטיקן האָבן זיך געקלאַמערט אין אים, נישט אָפּגעלאָזן אַ רגע, ווי זיי זאָלן וועלן אים פאַרפייניקן און פאַרמאַטערן... ער האָט געאָטעמט שווער, מיט אַ קורצן אָפּגעהאַקטן אָטעם און געפילט ווי זיין גאַנצער קערפּער ווערט באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. זיין צעשוומענער בליק האָט איצט געקוקט אָנגעשפּיצט און געשפּאַנט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט מיט שרעק צו דעם ווייטיקלעכן קול וואָס שרייט אַרויס פון זיין מידן גוף און ליאַרעמט משונהדיק, און וואַרפט אַן אויף אים אַליין אַן אימה... וואָס ער איז געבליבן ליגן צו בעט, קען זיך נישט רירן און איז אומבאַהאָלפן, ווי אַלע זיינע אברים וואָלטן זיך איצט אָפּגערעכנט מיט אים פאַר דער גאַנצער צייט איזדיעקעווען זיך איבער זיי... איבערגעלאָדן מיט שטענדיק־אָנגעשטרענגטער אַרבעט, מיט דאגות און זאָרגן...

די פרוי טרעט נישט אָפּ פון בעט, נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון אים. זי וויל זיך איבערשטאַרקן און עס געלינגט איר נישט. זי קען נישט איינהאַלטן די פליסנדיקע טרערן, וואָס גיסן זיך איבער איר פּנים. די געדאַנקען לויפן ביי איר, — אָט איז ער געווען אַזוי אַריינגעטאָן מיט לייב

און לעבן פאַר דער שול, ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן... כאָטש זי האָט אים אַזוי פיל מאָל געוואָרנט, מתרה געווען, און ער האָט זיך נישט צו־געהערט צו אירע רייד.

ביידע זיינען אומגעדולדיק, וואַרטן אויפן דאָקטער, און אַז דער דאָקטער באַווייזט זיך, פאָלגן מאַן און ווייב נאָך זיינע אַלע באַוועגונגען, הערן זיך צו אויפמערקזאַם צו יעדן וואָרט זיינעם. דער דאָקטער נעמט אים באַטראַכטן, הערט אים לאַנגזאַם אויס, און זאָגט דערנאָך מיט אַ גע־לאַסן רואיק קול, ווענדנדיק זיך צו דער פרוי, ווי ער זאָל איר געבן אָנ־ווייזונגען ווי אַזוי זי דאַרף אויפפאַסן אויף אים:

— ער דאַרף פולשטענדיקע רו אַ געוויסע צייט. ער טאָר נישט האָבן קיין שום אויפרעגונגען, דאגות און זאָרגן. דאָס איז פאַר אים סם־המות — גיט ער צו שטרענג ווי ער זאָל איר ווערן וואָרענען, און די הויפטזאַך — זיך באַפרייען פון אַלע פליכטן... דאַן וועט ער קומען גיך צו די כוחות.

די פרוי פילט זיך דערמונטערט פון דאָקטערס בשורה, אַז ער וועט אין גיכן געזונט ווערן.

און אַז דער דאָקטער גייט אַרויס, הערט זיך אַ קלאַפ אין טיר. ס׳באַ־ווייזט זיך דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער שול. ער איז אַ ברייט־ביניקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ געזעצטן, שווערן, טאָפטשענדיקן גאַנג, אַ לאַכנדיק גוטמוטיק פנים און מילדע שמייכלענדיקע אויגן. ער באַמיט זיך אַריינ־צוגיין אויף די שפיץ פינגער, מיט שטילע טריט, קוים באַרירנדיק דעם פאָל, נישט־וועלנדיק אָנמאַכן קיין גערויש. זיין שטענדיק־גוטמוטיק פנים איז איצט פאַרצויגן מיט אַן אומעט, מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער זאָרג...

נח צוויט שטויסט זיך אָן אַז עפעס איז געשען, וואָס האָט אַ שייַ־כות צו דער שול, און וואָס דער אַדמיניסטראַטאָר באַמיט זיך צו פאַר־באָרגן פאַר אים, ווייל אים נישט מצער זיין. ער לייענט עס אַרויס פון זיין אומעטיקן פנים, פון זיין פאַרזאָרגטקייט.

דער אַדמיניסטראַטאָר פרוווט אָפלענקען דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג, ער זאָגט אים, אַז ער איז אים געקומען מבקר־חולה זיין, זען ווי ער פילט זיך, וואָס ער מאַכט, — און אַז עס איז קיין זאַך נישט געשען.

נח צוויט ווערט אומרואיק, קוקט מיט אומגעדולדיקע בליקן אויפן אַדמיניסטראַטאָר. גיט זיך אַ האַסטיקן זעץ אויף אין בעט, נעמט אָן דעם אַדמיניסטראַטאָר פאַרן אָרעם און שטייט צו צו אים ער זאָל אים דורכ־אויס איבערגעבן, דערציילן — וואָס עס איז געשען מיט דער שול. ער וועט נישט קענען איינליגן אין בעט. ער וועט איבערטראַכטן, איבערקלערן. ס׳וועלן אים מאַטערן די רעיונות — וואָס האָט פאַסירט מיט דער שול? און דאָס קען נאָך מער פאַרערגערן זיין צושטאַנד — פרוווט ער אָנשרעקן, כדי אויף אים צו ווירקן...

דער אַדמיניסטראַטאָר קווענקלט זיך, זוכט זיך אַרויסצודרייען פון קלעם, נאָר אַז נח צוויט שטייט דוקא צו צו אים, האָט ער קיין ברירה

נישט. ער נעמט ארויס פון פארטפעל א פאפיר און גיט עס אים צו לייענען.

נח נעמט אן דאס פאפיר מיט ציטערדיקע הענט. זיינע בליקן פליען שנעל איבער די שורות. זיינע אויגן צוקן, פינטלען מיט א נערוועזער אומגעדולדיקייט, און אז ער ענדיקט לייענען, בלייבט ער א ווײַלע זיצן פארטראכט, קוקט מיט פארשנדיקע בליקן אויפן אדמיניסטראטאר, אויפן פאפיר, ווי ער זאל וועלן זוכן זיין הסכמה, אז ס'איז אמת דאס וואס ער האט נישט לאנג ארויסגעלייענט.

ער גיט זיך א הויב אויף האסטיק פון בעט און רופט זיך אן מיט א באפעלעריש קול צום ווייב:

— מירעלע, דו וועסט זיין אזוי גוט מיר דערלאנגען מיינע קליידער. כ'מוז זיך שוין אנטאן. איך דארף ערגעץ דרינגנד צוגיין וועגן זייער א וויכטיקן ענין...

דאס ווייב גלאצט אויס אויף אים א פאר משונהדיקע אויגן, קוקט אויף אים צעטומלט און דערשראקן. וויל אים אפהאלטן, גיט אים צו פאר־שטיין מיט דראענדיקע זשעסטן און האלב־אפגעהאקטע ווערטער:

— אבער דו טארסט נישט, נח, זיך אויפהויבן פון בעט. ווי אזוי? דער דאקטער האט דיר פארזאגט... — איר דראענדיק קול איז דורכגענו־מען מיט געוויין.

— זעסט? זאגט נח, און הויבט אויף דאס פאפיר אין דער הויך, וואס ציטערט אין זיינע טרייסלענדיקע הענט, ווי א פלאטערנדיק־צעשרא־קענער פויגל. דאס איז א מעלדונג און א ווארענונג, אז אויב מיר טראגן נישט אריין אין פארלויף פון געציילטע טעג, די פראצענטער פון דער הי־פאטעק, וועט מען מאכן אן „עמבארגע" — פארשטייסטו שוין? מיר מוזן זען שאפן דאס געלט, ארויפנעמען דעם חוב, אויב נישט — קענען מיר פארלירן די שול־געביידע. זיין קול האט געציטערט, איז געוועזן דורכגענומען מיט פלאטערנדיקער זארג...

און אז נח צווייט איז געשטאנען אן אנגעטאענער, זיך געגרייט ארויס־צוגיין, באמערקט דאס ווייב, וואס קוקט צו אים מיט צארנדיקע בליקן, שטיקט אין זיך דאס געוויין, ווי זי וואלט נישט געקענט באגרייפן פארוואס ער פאלגט זי נישט, שטייט אויף א קראנקער פון בעט און שטעלט אייך זיין געזונט... איז ער צוגעגאנגען צו איר, ארויפגעלייגט מיט ליבשאפט זיינע ביידע הענט אויף אירע אקסלען און איינגערעדט אין איר מיט א צוגעלאזט קול:

— זיי נישט בייז אויף מיר, מירעלע, און קוק מיך נישט אן מיט אזעלכע ביסטרע אויגן. דארפסט נישט איבערטראכטן וועגן מיר. ס'וועט מיר חלילה קיין בייז נישט געשען... דו האסט אפשר אמאל געהערט, אז עס איז פאראן א גמרא, וואס זאגט — שלוחי מצוה אינם נזוקין — אז די וואס גיין טאן א מצוה, קען זיי קיין בייז נישט געשען... און אזוי

ווי מיר גייען אראפּנעמען דעם חוב פון דעם שול־בנין, איז דאָך דאָס אודאי אַ גרויסע מצוה, דעריבער מעגסטו זיין גאַנץ רואיק און נישט איבערטראַכטן... אין דעם זכות וועט מיר חלילה קיין בייז נישט געשען. די קראַנקהייט וועט אויף מיר קיין שליטה נישט האָבן...

און אַ שמייכלענדיקער האָט נח צווייט אַנגענומען דעם אדמיניס־טראַטאָר אונטערן אָרעם, און ביידע זיינען אַרויס פון שטוב מיט גיכע, איילנדיקע טריט.

א חלוץ

אַז ער האָט זיך דערוווּסט פון זיין זונס באַשלוס, אַז ער רייסט איבער דאָס לערנען און קלייבט זיך פאָרן אויף הכשרה, איז ער אַרומגעגאַנגען אויסער זיך, זיך קיין אָרט נישט געפונען, געשפּרייזט אַהין און צוריק מיט נערוועזע גיכע טריט איבער דעם לאַנגן האַלב־פינצטערן בלעכענעם „גאַלפּאַן", ווו עס זיינען געלעגן אָנגעהויפנט גאַנצע בערג מיט אַלטע אייזנס, אָפּגעבראָכענע טיילן פון מאַשינען.

די אַלטע אייזנס, וואָס האָבן אים אין מלחמה־צייט געשטעלט אויף די פיס, וואָס יעדער שטיקל ברוד, וואָס ער פלעגט אויפקויפן פאַר אַ שיבוש, איז מיטאָמאָל געוואָרן אַ יקר־המציאות, מ׳פלעגט עס זוכן ווי מיט ליכט, געצאָלט הויכע פּרייזן, האָבן איצט מיטאָמאָל פאַרלאָרן זייער גאַנצן ווערט. ער האָט געטראַכט, — אַז זיין האָוועז און יאַגן, איינרייסן וועלטן, איז נישט געווען פאַר וועמען... עס האָט נישט געלוינט זיין גאַנצע האָרעוואַניע. דאָס ביסל יאָרן און כוחות, וואָס ער האָט אָוועקגעפּטרט זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס, וועלן איצט, מיטן זונס אָוועקפאָרן, ווי אויסגעחוזקט ווערן... וועלן בלייבן ליגן פאַרשעמטע און אויסגעלאַכטע צווישן די פּראָסטע ברוכשטיקער, וואָס וואַלגערן זיך אַרום איבערן שמוציקן הויף...

ער האָט מיטאָמאָל דערשפּירט דעם דומפּיקן זשאַווער וואָס עסט זיך אים איין אין די ביינער, און רייצט זיינע געשפּאַנטע נערוון...

ער האָט זיך געאיילט אַהיים, זיין וואָס גיכער אין שטוב, איבעררײדן מיטן זון, און אפשר וועט ער ביי אים פועלן אַרויסצושלאָגן זיך דעם געדאַנק פון קאָפּ. ער האָט געטראַכט צו פאַרלויפן אים דעם וועג.

דער זון, אַ הויכער, ברייטביייניקער יונג איז געשטאַנען אין מיטן צימער און זיך געפּאָרעט ביי די צעעפנטע וואַליזעס. זיין פאַרשפּיצט פּנים מיט די שפּיציקע אויגן זיינען געווען אין גאַנצן קאָנצענטרירט וועגן צו־

גרייטן די זאכן, — קאלדרעס, וואַרעמע וועש, וואָס זיינען געלעגן צע־וואָרפן אַז אַ טאָלק און ער האָט נישט געוווּסט צו וואָס זיך פריער נעמען.

מיטן טאַטנס אַריינקומען איז ער געוואָרן נאָך מער דענערווירט. עס איז אים געפאַלן פון די הענט. טיף אין האַרצן האָט ער באַדויערט, וואָס זיינע עלטערן פאַרשטייען אים נישט, וואָס דאָס גאַנצע לעבן איז ביי זיי דאָס געשעפט... די אַלטע פאַרזשאַווערטע אייזנס, שטיקער ברוך; זיי באַ־גרייפן נישט, אַז זייער גאַנצע מי קען נאָך אַוועקגעטראָגן ווערן מיטן ווינט... אַז אַלץ וואָס זיי בויען שטייט אויף הינערשע פיסלעך, וואָס קען אומגעוואָרפן ווערן פון עמיצנס אַ קאַפּריז...

ער האָט בכלל נישט געקענט פאַרשטיין דעם טאַטן, וואָס האָלט אין איין האַרעווען, יאָגן, כדי צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן און פאַרקירצט זיך מיט דעם די יאָרן, ווערט גראָ און אַלט פאַר דער צייט.

ער האָט געקוקט צום טאַטן פון אַ זייט, באַמערקט זיין אויפגע־רעגטקייט, זיינע בייזע בליקן, זיינע אַרויסגעשטאַרטשעטע קינבאַקן, וואָס ווערן שפּיציקער, ווען ער ווערט אויפגערעגט. ער האָט זיך נאָך מער אָנ־געבויגן צו די פאַנאַנדערגעוואָרפענע פּעקלעך, וועלנדיק מיט דעם אויס־מיידן דעם טאַטנס בליק.

דער פאָטער האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט שווערע טריט, אים אָנגעקוקט שאַרף, ווי ער וואָלט אים וועלן דורכבויערן מיט זיין בליק, אים באַווירקן. באַמיט זיך צו באַהערשן דעם כעס, וואָס האָט אין אים געזאָטן, געפּרוּווט ריידן צו אים מיט אַ רואיק, געלאַסן קול, ציילנדיק די ווער־טער:

— הייסט עס, אַז דו פאָרסט טאַקע אַוועק? הערסט נישט קיינעם. מאַכסט אַלעמען צום נאַר.

— מיין באַשלוס וועל איך נישט ענדערן, טאַטע.

ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט שאַרף, מיט זיכערקייט און עק־שנות, צוגעבנדיק:

— מיר, די יוגנט, דאַרפן זיין די ערשטע, די פּיאָנערן, ווייזן אַ ביישפּיל, העלפן בויען אונדזער לאַנד!

זיינע בליציקע אויגן האָבן אַ לייכט געטאָן דעם טאַטן אין פּנים.

— און דו האָסט גאָר נישט קיין געפילן צו דיין טאַטן? צו דיין קראַנקער מאַמען, וואָס זי האַלט זיך קוים אויף די פיס? ביזט ערגער, ווי אַ חיה! אפילו אַ בהמה ציט אויך צו אירע אייגענע! — האָט ער זיך פּלוצים צעשריגן ווי נישט מיט זיין קול.

ער קוקט פאַרביטערט צום זון, ווי ער שטייט איינגעבויגן און זיין פּנים איז צעפלאַמט, צעטראָגן, ווי ער וואָלט נישט באַנומען זיינע רייד. ער פּאַקט ווייטער די זאַכן, ווי נישט אים מיינט מען. ער הערט אים ווי המן דעם גראַגער. אַ טראָציקייט, עקשנות קוקט אַרויס פון זיינע אויגן, פון זיינע מויל ווינקלען, פון זיינע שנעלע באַוועגונגען.

„ס'איז אַרויסגעוואָרפענע רייד" — האָט דער פּאַטער געטראַכט און זיך מיט פּאַרדרוס און געפּילט, אַז ער קען זיך מער נישט באַהערשן. ער איז צוגעלאָפן, אָנגעהויבן רייסן די צונויפגעפּאַקטע פּעקלעך וועש, שמיצן און וואַרפן אים אין פּנים אַריין, און שרייען מיט באַנומענע קולות:

— ביי מיר ביסטו מער נישט פאַרעכנט פאַר קיין זון! הערסט? איך וויל פון דיר מער נישט וויסן. אַז דו קענסט זיך אַזוי באַגיין מיט טאַטע־מאַמע, זאָלסטו מיט מיר נישט רעכענען.

ער איז אַרויס מיט שנעלע טריט און איבערגעלאָזט דעם זון אַליין.

* *
*

די מוטער, אַז איינגעבויגענע, אַז איבערגעוואַקסענע, מיט אַראָפּגע־לאָזטע אַקסלען, ווי נאָכהענגענדיקע צווייגן פון אַ ווערבע, וואָס האָט קוים געפּאַכעט מיט דער נשמה, איז אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט מיט רפואות און איינשפּריצונגען. זי האָט געהאַט הנאה צו ריידן פון אירע חולאתן, פון אירע מיחושן. ריידנדיק, שאָקלט זי מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אַליין באַדויערט, דעם גורל אירן, דאָס פינצטערע מזל אירס, וואָס קיינער פילט איר נישט מיט און זי האָט נאָר מורא געהאַט אַז זי קען אַ ליאַדע טאָג אָוועקפאַלן, צעפאַלן ווערן, צעשאָטן ווערן ווי אַ צעבראָ־כענער שאַרבן.

זי איז געוואָרן אוים מענטש. איר צעוואַקסענער קערפּער איז געוואָרן נאָך מער איינגעבויגן. אירע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען האָבן זיך געצויגן צו דער ערד. זי זאָגט, אַז זי וועט עס נישט איבערטראָגן. זי האָט מורא, אַז אַלע קראַנקהייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שליטה איבער איר שוואַכן גוף, וועלן מיט איר זונס אָוועקפאָרן זיך פאַרשטאַרקן און זי וועט אָוועקפאַלן.

* *
*

מיטן זונס אָוועקפאָרן זיינען טאַטע־מאַמע אַרומגעגאַנגען פאַר־זאָרגטע און פאַראומערטע. זיי האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט גע־פינען.

איבער די צימערן איז אַנטשטאַנען אַ פּוסטקייט, אַ הוילקייט, כאָטש שווערע שטיקער מעבל זיינען אומעטום געווען צעשטעלט. ביידע האָבן געבענקט נאָכן בן־יחיד, נאָכן קלאַנג פון זיין שטימע, נאָכן טומל, וואָס

ער פּלעגט אַנמאַכן ביי זיין אַריינקומען, נאָך די גיכע, שווערע טריט, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבער אַלע צימערן, נאָך זיין געלעכטער, וואָס פּלעגט זיי אַנפּילן מיט פרייד און יוגנט. איצט, מיטן זונס אַוועקפאָרן, זיינען זיי ביידע געבליבן איינזאַם און עלנט.

די מוטער האָט די ערשטע נישט אויסגעהאַלטן. זי איז געקומען באַזוכן דעם זון אויף דער הכשרה. זי האָט געקוקט אויף אים און זי האָט די אייגענע אויגן נישט געגלויבט. אין דער היים פּלעגט ער אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט אַריינטאָן, געזעסן טאָג און נאַכט איבער די ביכער און געלערנט, און דאָ טוט ער די שווערסטע אַרבעט. דערציילט איר, אַז ער אַקערט דאָס פעלד, מעלקט די בהמות און גייט אַרום ביי די פערד, איז געוואָרן אַ גאַנצער פויער און איז איבערגליקלעך.

דער זון האָט זי גענומען צאַרט פאַרן אָרעם, איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, ווי ער וואָלט לייענען אירע געדאַנקען, און געזאָגט מיט אַ צערטלעך קול:

— קום, מאַמע, וועסטו עפּעס זען!

ער האָט זי געפירט איבער דעם פאַרזייטן פעלד, זיך געפרייט און איר געוויזן די גראָטענע אויפגעגאַנגענע תבואה.

— און דאָ וועלן מיר פאַרזייען קאַרטאָפל — האָט ער געוויזן אויף אַ שטיק צעאַקערט פעלד, וו גאַנצע גרודעס שוואַרצע ערד זיינען געלעגן אויפגעריסענע, איבערגעקערטע און געוואַרט פאַרטייעטערהייט צו אויפנעמען די זריעות.

גייענדיק האָבן זיי זיך דערנענטערט צו אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ, ווו אויף קליינע סימעטרישע בייטן זיינען געוואַקסן פאַרשיידענע גרינסן.

— דאָס איז אונדזער גאָרטן, — האָט ער איר געזאָגט מיט צופרידנקייט, — דאָס זיינען גרינסן, וואָס מיר נוצן פאַר אונדזער אייגענעם געברויך.

אויף אַ צווייט פּלאַץ, אַביסל ווייטער, האָט זיך געזען ווי עופות זיינען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און געזוכט, גענישטערט, געפּיקט מיט די שנאָבלען אין דער ערד, זוכנדיק שפּייז. העהנער מיט רויטע פייערדיקע קאַמען און אַנגעלאָדענע וואָליעס האָבן געקוקט מיט רוגזה פון אַ זייט, וואָס פרעמדע שטערן זיי אין זייער ממשלה...

— דאָס איז אונדזער עופות־צוכט, — האָט ער אָנגעוויזן מיט שטאָלץ, צוגעבנדיק — מיט דער צייט, וועט עס אונדז אַריינברענגען אַ גוטן פאַרדינסט.

די מוטער האָט געקוקט אויף אים און זיך די אייגענע אויגן נישט געגלויבט, ווי ער האָט זיך געביטן, געוואָרן אָפּגעברענט, שוואַרץ, נישט צו דערקענען. און אַ האַמטנע געזעצטע רואיקייט האָט זיך געטראָגן פון זיין באַנעמונג, פון זיינע באַוועגונגען. און אומבאַקאַנטע ריחות זיינען אויפגעגאַנגען פון אים, ריחות פון קילע, דערפרישנ־

דיקע ווינטן, פון וואָרעמער, אויפגעאַקערטער ערד, פון צייטיקע גרינסן.

ס'איז געוואָרן נאַכט.

די חברים, וואָס זיינען געווען מיט אים צוזאַמען, האָבן זיך צונויפגעקליבן אונטער אַ בוים, אָנגעצונדן אַ פייער. עס האָט זיך באַוויזן אַ העל־רויטער פלאַם, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט, געקנאַקט, אויסגעשאָסן אַלע ווײַלע מיט רויטע פונקען, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פייער ווערט פאַרכלינעט פון פרייד, פון דער יוגנט, וואָס איז געזעסן אַרום. דער העל־רויטער שיין האָט באַלויכטן זייערע פּנימער, געטריבן די שוואַרצע שאָטנס וואָס זיינען געקומען פון די טונקעלע פעלדער און ווי אַנגעלאָפענע כמאַרעס זיך אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן אַרום.

זיי האָבן פאַרוואָרפן די אָרעמס איינער איבערן אַנדערן, זיך געפלאָכטן ווי אַ קייט און שטילע, מונטערע געזאַנגען האָבן אָפּגעקלונגען איבער די פאַרטייעטע פעלדער.

די געזאַנגען האָבן געוועקט, גערופן, געמאָנט און אַוועקגעטראָגן ווייט אַהין צום ווייטן אויסגעבענקטן, פאַרחלומטן לאַנד...

מיט אַמאָל זיינען אַלע אַוועק אין אַ טאַנץ, זיך געפלאָכטן אין אַ קרייז און זייערע יונגע קערפּערס האָבן זיך געוויגט, געטאַנצט נאָכן טאַקט. אַ צעשטורעמטער ריטם פון מוט, יוגנט און פרייד האָט אָפּגעקלונגען אין דעם שטילן פאַרנאַכט.

דאָס ריטמישע צוטאַנצן נאָכן טאַקט, האָט אָפּגעהילכט איבערן פרייען פעלד, ווי דאָס קלאַפּן פון שווערע האַמערס איבער אַ פוסטן בנין.

און קוקנדיק אויפן זון, ווי זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד, איז די מוטער אַוועקגעפאָרן מיט אַ פאַרגרינגערטן געמיט. עס איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, — אַז דאָס קעגנשטעלן זיך זיין באַרג, איז געווען אַן עגאָאיזם פון זייער זייט, ווייל זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן זיך, פון זייערע אייגענע געפילן, און דעם זונס אין גאַנצן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון זיין אָפּפאָרן קיין ארץ.

דער פאָטער האָט נישט געוואָלט ברעכן זיין וואָרט, וויפל זי איז נישט צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער געלאָזט זאָגן, אַז ער וויל נישט וויסן פון זיין געביין. און בשום אופן נישט געוואָלט קומען זיך מיט אים געזעגענען.

די מוטער איז געקומען אַליין צו דער שיף, געשטאַנען אַן איינגעבויגענע, אַ פאַראומערטע, געטראַכט וועגן איר בן־יחיד, דאָס ציטערדיקע קינד, דאָס צעפּיעשטשעטע, דאָס געקעכלטע, וואָס איז געווינט געווען די מאַמע זאָל אים אַלץ אונטערטראָגן צו דער נאָז, אים אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַריינגעלייגט אין אים דאָס לעבן, די כוחות, אויסגעוויינט אירע אויגן ווען ער איז קראַנק געוואָרן קליינערהייט, ביז זי האָט אים

געשטעלט אויף די פיס, געמאכט פאר אַ מענטש. ער פאַרט איצט אַוועק, וועט דאָרט זיין אַליין. ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, אים אָפּהיטן? באַלד גייט אָפּ די שיף. זיי וועלן זיך דאַרפן שיידן. און ווער ווייסט צי זי וועט אים נאָכאַמאָל זען. זי פילט זיך קראַנק, צעבראָכן, פאַרעלטערט, שלאָפט נישט די נעכט. זי זיפצט אָפּ, טראַכט וואָס איז פון איר געוואָרן, זעט אויס ווי אַ זקנה.

און ער, דער מאַן אירער, גייט אויך אַרום נישט צו דערקענען. אַנגעכמורעט, אומצופרידן, רעדט נישט קיין איין וואָרט, דערמאָנט אין גאַנצן נישט דעם זונס אַוועקפאָרן, נאָר זי זעט, ווי ער גייט אויס ווי אַ שייז. אַ סך מאָל הערט זי, ווי ער כאַפּט זיך אויף אין מיטן נאַכט און זיפצט אַרויס. זי שרעקט זיך פאַר אים. זי האָט מורא פאַרן מויל צו ברענגען, עס זאָל חלילה עפּעס אים נישט געשען... זי שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט באַדויערט דעם תכלית, וואָס איז פון זיי ביידע געוואָרן, „צוויי זקנים”, פאַרעלטערט פאַר דער צייט.

זי פילט ווי די טרערן שטיקן זי. אַ שטיל געוויין רייסט זיך אַרויס פון איר, אירע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען צוקן, טרייסלען זיך, וויינען מיט, זי שפּירט, אַז אָט וועט זי אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין, אַרויסשרייען איר ווייטיק צום אָפענעם ים, וואָס שפּרייט זיך אומענדלעך פאַר אירע אויגן.

זי זעט די חברים, וואָס זיינען געקומען זיך מיט אים געזעגענען. זיי זיינען פריילעך, מונטער, שפּאַסן גאָר, זינגען מוטיקע אָפּשיידס־לי־דער און קוקן אַרויף צו אים מיט קנאה, וואָס ער איז זוכה עולה צו זיין... און זיי בלייבן נאָך דאָ, אין גלות.

זי קוקט אויף אים ווי ער שטייט אָנגעשפּאַרט ביים פאַרענטש פון שיף, זיין פּנים איז צעשטראַלט, צעפלאַמט, צעיאַכמערט. אַ ציטערדיקער גלאַנץ לייכט אַרויס פון זיינע אויגן. און קוקנדיק אויף דער פריידיקער יוגנט, וואָס איז געקומען זיך געזעגענען מיט איר זון, פאַרשעמט זי זיך מיט איר געוויין, מיט איר פאַרזויערט פּנים, רויטע פאַרוויינטע אויגן, זי ווערט אָנגעשטעקט מיט דער פרייד, וואָס שטראָמט אַרויס פון די חב־רים וואָס רינגלען אים אַרום. זי גלייכט זיך אויס. אירע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען הויבן זיך אויף. זי טראַכט, אַז איר האַלטונג איז פאַר אים אַ בזיון, דערנידעריקט אים פאַר די חברים... פאַרקערט, זי האָט געדאַרפט זיין שטאָלץ, וואָס איר בן־יחיד גייט העלפן בויען אונדזער לאַנד... ער פאַרלאָזט די באַקוועמע היים, רייסט איבער דאָס לערנען, זיין קאַריערע, זיין צוקונפט און גייט באַאַרבעטן די ווייסטע ערד.

דער זון דערנענטערט זיך צו איר, לייגט אַרויף זיינע הענט אויף אירע אַקסלען און רעדט צו איר מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט. זי הערט זיין קול, וואָס גלעט און באַרויקט זי.

— דאַרפסט נישט וויינען, מאַמע, — דו דאַרפסט זיין מוטיק שטאָלץ. איך פאַרהאָף אייך ביידן, דיך מיטן טאַטן, צו זען אין גיכן ביי אונדז.

זיינע ביידע הענט שפּרייטן זיך אויס, נעמען זי צערטלעך אַרום. זי הערט זיין קול, וואָס קלינגט איר אַפּ, ווי אַ געזאַנג פון טרייסט.

— להתראות, מאמע! להתראות! אין גיכן בארצנו.

זי כאַפּט אויף זיינע ווערטער, וואָס שטילן איין איר צעבראָכנקייט. אירע אַרויפגעהויבענע ציטערנדיקע הענט, ווי צו אַ געבעט, שטרעקן זיך אויס ציען זיך צו אים. זי קלאַמערט זיך איין אין אים מיט אירע לעצטע כוחות, ווייל אים נישט אָפּלאָזן, דעם בן־יחיד, דאָס איינציקע שטיקל קינד.

עס איז איר שווער דאָס צעשיידן זיך מיט אים, אַ שניידנדיקער ווייטיק פּרעסט זי צוזאַמען, דריקט זי אונטערן האַרץ און ציט מיט אַלע כוחות איר צעבראָכענעם גוף. זי פילט ווי די פיס ברעכן זיך איר, שטייט קוים איין, און עס דוכט זיך איר, אַז אָט וועט זי צוזאַמענברעכן און צעפאַלן, זיך צעהעשען מיט אַן האַרץ־רייסנדיק יאָמערלעך געוויין.

זי שטאַרקט זיך מיט די לעצטע כוחות, פאַרשטשעמעט די ציין, נישט אויסצושרייען דעם טיפן ווייטיק. פּרעסט צוזאַמען די ליפּן, נישט אַרויסצובריינגען קיין קלאַנג. אירע אויגן פאָלגן אים נאָך. זי זעט ווי ער דערווייטערט זיך אַלץ מער פון איר, זי קוקט אויף אים מיט אויסגעטריקנ־טע אויגן פון טרערן. ציט זיך צו אים מיט די אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע הענט, וואָס זעען אויס ווי פלאַטערנדיקע פליגל, וואָס זיינען גרייט אים נאָכגיין, אים באַשיצן.. זי הערט די מוטיק פרייליכע — „להתראות"־אויס־רופן — וואָס ווערן אַרויפגעשריגן צו אים פון די חברים וואָס פאַרהילכן דעם אַרום און וועקן אויך אין איר מוט, טרייסט און האָפענונג...

פאַרטייטשונגען פון שפּאַנישע ווערטער:

זייט	23	„פיעסטאַ"	יום־טוב.
"	25	„קרעאָל"	אַ הי־געבוירענער
"	25	„עסטאַ ביען"	נו גוט, אַלזאָ.
"	36	„טשאַקרעס"	נחלה'ס
"	45	„כודיאָ"	ייד.
"	45	„פּלאַזשע"	ברעג ים.
"	58	„סאַריטאַ"	שרה'לע.
"	59	„עסקאַזשעראַ"	אַ שמאָלער וועג, וואָס שניידט זיך אַריין טיף אין ים.
"	60	„מעדיאַ מונדאָס"	גרויסע האַלב־רונדע נעצן.
"	60	„ביטשיקאָמעס"	וואַגאַבונדן, הפקר־מענטשן.
"	60	„אַסאַדאָ"	געבראָטן פלייש.
"	61	„טשאַקאַרעראָס"	פעלד־אַרבעטער
"	82	„קאָסעטשאַ"	שניט.
"	82	„ענקאַרגעס"	באַשטעלונגען.
"	85	„פּלאַסע"	צענטראַלער־שטאָטישער פּלאַץ.
"	90	„קאָמוניאָן"	קאָנפירמאַציע.
"	102	„סיעסטאַ"	נאָך מיטאָג דרימל.
"	102	„פּאָנטשאָ"	וואָלענער איבער־בגד, אָן אַרבל.
"	102	„גאַאוטשאָס"	פּויערים.
"	115	„פּעדידאָס"	באַשטעלונגען.
"	146	„קאָנווענטיזשאָס"	אַלטע הייזער, ווו עס וווינען אָרעמע מענטשן.
"	146	„ראַנטשאָס"	שטיבלעך פון בלעך.
"	164	"טשאַלעט"	ווילע.
"	169	„טשאַנגאַדאָר"	טרעגער.
"	193	„עמבאַרגאָ"	ליציטאַציע.
"	195	„גאַלפּאָן"	באַראַק, צונויפגעשטעלט פון בלעך.

ESTE LIBRO FUE TERMINADO EL PRIMERO DE JUNIO DE MIL NOVECIENTOS CINCUENTA Y CINCO EN LA EDITORA GAMA DE MIGUEL ROSENBERG, CALLE TACUAREMBO MIL OCHOCIENTOS SESENTA Y UNO, EN LA CIUDAD DE MONTEVIDEO, REPUBLICA O. DEL URUGUAY